וויסנשאפט־אקאדעמיע פונ אוססר
קאבינעט פאר יידישער סאָוועטישער ליטעראטור,
שפראכ אונ פאָלקלאָר
לינגוויסטישע סעקציע

# אפנ שפראכפראָנט

## שאָלעמ־אלייכעמ־זאמלונג

**№ 4**

T 52 648 408

פארלאג פונ דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פונ אוססר
קיעוו • 1939

פאראנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר

**ע. ספּיוואַק**

טעכנ. רעדאַקטאָר און קאָרעקט. — ש. ליפּאָוו.
פאפיר 90 × 62 — 36 קג. 6½ דרוק־בויגנ. אינ
1 דרוק־בויגנ 96 000 צייכנס. טיראַזש 70 + 600
עקז. פארלאַג־נומ. 882. דרוקעריי פונ דער וויסנש.
אקאד. פונ אוססר — קיעוו, ארטיאָמ 44. באשט.
נ. 950. באפולמ. פונ הויפטליט 4357. אָפגעגעבנ
אינ זאַצ 1939 — 25/II, אונטערגעשריבנ צומ דרוק
19/IX — 1939



שאָלעם-אַלייכעם (ש. ראַבינאָוויטש)

*1859 — 1939*

# אינהאלט


ע. ספיוואק. שאָלעמ־אלייכעמ אונ די ייִדישע ליטערארישע שפראכ . . . . . . . . . . 5
כ. לויצקער. הומאָר אינ שאָלעמ־אלייכעמס שפראכ . . . . . . . . . . . . . . 17
מ. מײַדאנסקי. וועגנ דעמ עפיטעט בא שאָלעמ־אלייכעמענ . . . . . . . . . . . . 67
ע. ספיוואק. אידיִאָמ אונ ווערטל אינ שאָלעמ־אלייכעמס פראזעאָלאָגיע . . . . . . . . 81
ר. לערנער. אינטאָנאציִאָנעל־סטיליסטישע באזונדערקייטנ פונ שאָלעמ־אלייכעמס שפראכ . . . 101
מ. שאפירא. באזונדערקייטנ פונעמ זאצבוי אינ דער ייִדישער פאָלק־שפראכ לויט דער שפראכ
פונ שאָלעמ־אלייכעמס פערסאָנאזשנ . . . . . . . . . . . . . . . 127
מ. שולמאנ. וואס גיט שאָלעמ־אלייכעמ דער פאָנעטיש־דיִאלעקטאָלאָגישע פאָרשונג פונ ייִדיש . . 149
מ. מײַדאנסקי. ט. ג. שעווטשענקאָס דיכטונג אינ ייִדיש . . . . . . . . . . . . 163
כראָניק . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 207


---

# ЗМІСТ


І. Співак. Шолом-Алейхем і єврейська літературна мова . . . . . . . . 5
Х. Лойцкер. Гумор у мові Шолом-Алейхема . . . . . . . . . . . . . . . 17
М. Майданський. Про епітет у Шолом-Алейхема . . . . . . . . . . . 67
І. Співак. Ідіом і прислів'я у фразеології Шолом-Алейхема . . . . . . . . 81
Р. Лернер. Інтонаційно-стилістичні особливості мови Шолом-Алейхема . 101
М. Шапіро. Синтаксичні особливості евр. народної мови за мовою
персонажів Шолом-Алейхема . . . . . . . . . . . . 127
М. Шульман. Шолом-Алейхем і фонетично-діалектологічне дослідження
евр. мови . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 149
М. Майданський. Шевченкова поезія в єврейському перекладі . . . . 163
Хроніка . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 207

ע. ספיוואַק

# שאָלעם-אַלייכעם און די ייִדישע ליטעראַרישע שפּראַך

פאָלק-שפּראַך — דאָס איז דער גרונט-קערן פון שאָלעם-אַלייכעמס ייִדיש, זײַן פײַנסטער קינסטלערישער אינסטרומענט.

מיט פאָלק-שפּראַך, ספּעציעל מיט ייִדישער פאָלק-שפּראַך מיינען מיר די פאַר-שפּרייטסטע אומגאַנגלעכע רייד אין זייער מער אַלגעמיינער און געמיינזאַמער (ניט שמאָל-לאָקאַלער) פאָרם צווערשט באַם האַרעפּאַשנעם שיכט (אַרבעטער, אָנגע-שטעלטער און דינער, באַלמעלאָכע, ייִשוווניק און דאָרף-ייִד), ווי אויך באַם אָרעמ-שאַפטלעכן פאָלקס-שיכט בִּיכלאַל.

פאָלק-שפּראַך — דאָס איז צווערשט די מינדלעכע רייד גלײַך „פון פאָלקס-מויל", דאָס איז אויך די מינדלעכמעסיקע מאַסנשריפט, ספּעציעל אין איר עפּיסטאָליאַרער פאָרם [1].

די פאָלק-שפּראַך לאָזט זיך באַזונדערס צו פילן אָפּ די אויפשטײַגן פון געזעל-שאַפטלעכע באַוועגונגען און פון קולטור-פּראָצעסן, ווען ס'שטעלט זיך די פראַגע וועגן דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער שפּראַך פאַרן גאַנצן פאָלק. די פאָלק-שפּראַך ווערט דאַן די גרונט-באַזע פאַר די פּראָגרעסיווערע טענדענצן באַם פאָרמירן די ליטעראַרישע שפּראַך.

אין דער געשיכטע פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך איז עס זייער קלאָר צו זען אָפּ דעם קלאַסישן פּעריאָד, אָנגעהויבן פון דער צווייטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט (מענדעלע) ביז דער העכסטער אַנטפּלעקונג דערפון אין דעם לעצטן פערטל פונעם דאָזיקן יאָרהונדערט, וואָס ס'איז פאַרבונדן מיט שאָלעם-אַלייכעמס אַרײַנקומען אין דער ליטעראַטור.

סאָציאַל און טעריטאָריעל פאַרשיידענע שיכטן און גרופּעס פון פאָלק פאַרמאָגן געוויינלעך געוויסע און צומאָל אויך גאַנץ שאַרפע און בולטע באַזונדערקײַטן אין זייערע רייד. אין דער פאָלק-שפּראַך קומט דעריבער אויס אונטערצושיידן איר גרונט-פאָנד, די איינגנטלעכע פאָלק-שפּראַך, וואָס איז, אַזוי צו זאָגן, „אַלפאָלקיש", ס'הייסט געמיינזאַם פאַר די פאַרשיידענע ברייטערע שיכטן פון פאָלק, און דעם ריידשטייגער, וואָס איז אין סאָציאַלן און אין טעריטאָריעלן זינען לאָקאַל, ס'הייסט, ער געהער בלויז צו געוויסע אייגנאַרטיקע מאַסעווע שיכטן און גרופּעס.

---

1) צווישן ריין-מינדלעכער רייד און צווישן דער מינדלעכמעסיקער שריפט איז בַּאַ זייער גאָרער ענלעכקײַט און נאָענטקײַט דאָך פאַראַן אַ געוויסער אונטערשייד. דאָס מינדלעכע וואָרט פליסט פרײַער, אָן אָפּהאַלט, דאַן ווען אין שריפט קומט עס פאָר מיט מערער איבערלייגונג און ס'וועט אויך צומטייל מערער פאַרהאַלטן איבער די טעכנישע און פיזיאָלאָגישע שרײַב-אַקטן.

אונ סיי דער אייגנטלעכער, סיי דער לאָקאלער ריידשטייגער פונ פאָלק, לויט זײַנע פאַרשיידענע אנטפלעקונגענ, האָט אויכ געווײנלעכ זײַנע געוויסע אייגנטימלעכקײַטנ אינ פאַרגלײַכ מיט דער אלגעמיינ־ליטעראַרישער שפּראַכ, וואָס איז פאַר זיכ גענומענ א קאָמפּליצירטערע אונ פילאַרטיקערע דערשײַנונג, אלס א צווישנקלאַסעווע אונ צווישנדיאַלעקטאַלע, אלס אנ אלגעמיינ־נאַציאָנאַלע שפּראַכ־קאַטעגאָריע. אינ דער פאָלק־שפּראַכ קענענ ניט גילטנ געוויסע נאָרמעס אונ קריטעריעס פונ דער שוינ אָנגענומענער אונ אײַנגעשטעלטער געזעצמעסיקײַט (דאָס הייסט אָבער ניט, אז צומאָל קענ גראָד די דאָזיקע פאָלקישע „אויסערנאָרמישקײַט״ מיט דער צײַט ניט זײַנ דער שטויס צו נײַער אלגעמיינער ליטעראַרישער נאָרמע). די פאָלק־שפּראַכ קאָנ אויכ אינ א ריי סטרוקטורישע פּראָטימ זײַנ מער פליסיק, מער אומגעצווונגענ אונ דערצו אויכ אינ א געוויסער מאָס וויניקער אָפּקלײַבעריש אינ פאַרגלײַכ מיטנ ליטעראַרישנ נוסעכ (אזוי איז עס באַזונדערס צו מערקנ, אשטייגער, אינעמ געביט פונ סינטאַקס). די דאָזיקע וויניקער אויפגעוויקלטע „אָפּוועגדונגענ״ פונ די מינדלעכע רייד אינ פאַרגלײַכ מיט דער מער „גראַמאַטיזירטער״ אונ מער דיפערענצירטער ליטעראַרישער קאָנסטרוקציע נעמענ זיכ אינ א היפּשער מאָס פונ דעמ אייגנאַרטיקנ מינדלעכמעסיקנ אונ לעבעדיקנ כאַראַקטער פונ דער פאָלקישער רייד.

אינ דעמ פאָלקישנ ריידשטייגער, גענומענ אינעמ ברייטערנ זינענ, קומענ אויכ פאָר דערשײַנונגענ, וואָס, אלס קלאַל, שטייענ זיי אויסער דער אלגעמיינ־ליטעראַרישער שפּראַכ (שמאָלע לאָקאַליזמענ, אַרגאָ, זשאַרגאָנ). די ליטעראַרישע שפּראַכ, ביפראַט די קינסטלערישע ליטעראַרישע שפּראַכ קומט דאָכ אָנ צו זיי, אלס צו א מיטל פונ שילדערנ כאַראַקטער אונ פונ אַרויסברענגענ לאָקאַלנ קאָלאָריט.

אינ טאָכ אָבער איז די פאָלק־שפּראַכ מיט אירע פאַרשיידענע סאָציאַלע פּלאַסטנ דער יעסאָד אונ דער וויכטיקסטער אינגרידיענט פונ דעמ אלגעמיינ־נאַציאָנאַלנ שפּראַכ־אייגנאַרט, וואָס שאַפט, אָנווענדנדיק בעלינסקיס אַ אויסדרוק, „די פאָלקס־פיזיאָנאָמיע פונ דער שפּראַכ״. אונ פאַר די באַרופענע פאָלקס־שרײַבער אונ גרונטלייגער פונ נײַע אנטוויקלונג־עטאַפּנ אינ דער אלגעמיינ־נאַציאָנאַלער שפּראַכ איז עס דער פרישסטער אונ דער שעפעדיקסטער קוואַל באַמ שאַפנ די אייגנהײַט פונ דער ליטעראַרישער שפּראַכ־סיסטעמ, ס׳הייסט פונ יענער שפּראַכ־סיסטעמ, ווו אלס גרונטבאַזע פאַר דער אלגעמיינ־ליטעראַרישער שפּראַכ לויט אירע פאַרשיידענע קאָמפּליצירטע אנטפלעקונגענ דינט די אָרגאַניזירטע אונ די איידל־אָפּגעשליפענע פאָלק־שפּראַכ.

---

די פאָרמירונג פונ דער שאָלעמ־אלייכעמ־שפּראַכ איז אינ דער געשיכטע פונ ייִדיש ענג געבונדנ מיט דעמ פעריאָד, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ דער ייִדישער ליטעראַטור פונ דער קלאַסישער דעמאָקראַטיש־אויפקלערערישער עפּאָכע צו דער צווייטער העלפט 19־טנ יאָרהונדערט. אינ דער געשיכטע פונ ייִדיש איז עס די עפּאָכע, ווענ ס׳האָט זיכ ביקלאַל גענומענ אנטוויקלענ דער הײַנטצײַטיקער ייִדיש.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פונ דעמ דאָזיקנ ליטעראַריש־שפּראַכלעכנ פעריאָד איז שוינ אינ סאַמע אָנהייב באַשטאַנענ דערינ, וואָס דער שאַרפער קער צו דער פאָלק־שפּראַכ איז געווענ פאַרבונדנ מיט דער קלאָרער באַוווּסטזיניקער שטעלונג

און מיט דעם פעסטן דראנג וואָס דיסציפּלינירטער און וואָס איינהייטלעכער צו פאָרעמען די אַלגעמיין־ליטעראַרישע שפּראַך. גופא די פּראָבלעם פון פאָלק־שפּראַך איז דאָ זיכערער ווי ווען עס איז באַנומען געוואָרן אין איר ברייטערער, ניט שמאָל דיאַלעקטאַלער פאָרם, און גופא דער דיאַלעקטאַלער שטאָף, וואָס איז דאָ אָפּגעקליבן געוואָרן, איז שוין אויך מערער ווי ווען עס איז פּראָיעצירט געווען, איבערגעבראַכן געווען אין אַזאַ פּלאַן, אַז „סײַ דער פּוילישער לעזער, סײַ דער ליטוואַק זאָל אים קאָנען פאַרשטיין" (שאָלעם־אַליכעם).

אין דער ביז־מענדעלע־עפּאָכע איז דער וויכטיקסטער אויסזאַמלער און אויסברייטערער פון דער פאָלק־שפּ·אַך אין דער ליטעראַטור געווען אַקסנפעלד. און פון זײַן יידיש אָן ציִען זיך שוין אַוועק גלײַכע גרין־פאַרפּלאַנצטע שטעגן צו מענדעלעס און צו שאָלעם־אַליכעמס פאָלקיש־ליטעראַרישן סטיל. אַקסנפעלד איז דאָ נאָך אָבער אין אַ היפּשער מאָס פאַרט די אָנהייבערישע שטופע, ווען דיאַלעקט און אומגאַנגלעכע מינדלעכמעסיקײַט דאַרף נאָך ווערן ליטעראַרישע שפּראַך. אַקסנפעלדס יידיש איז נאָך סטיכיש, ווייניק אָרגאַניזירט, „פּראָסט־נאַקעט".

און וואָס שײַך עטינגערן, דעם פּײַנפּילנדיקן סטיליסט און דעם בעפּיירעשן באַוואַטאָר פון יידיש אַפּ זײַן נײַערן עטאַפּ איז ער פאָרט פאַרבליבן ניט מער ווי אַ ליכטיקער „פּירהויז", וואָס האָט ערשט געזאָלט פּירן אין די גראָמע געבײַען פון מענדעלעס און פון שאָלעם־אַליכעמס שאַפן און פון זייער זיך ברייט פאַרמאָסטענער און קלאָר אָנגעצילטער רעגולירונג פון דער ליטעראַרישער שפּראַך אַפּ אַ ברייטערער דעמאָקראַטישער באַזע. עטינגערס וויכטיקע אויפטוען אין יידיש זײַנען געווען באַשיידן און נאָך אָן העלער פּערספּעקטיווישקײַט סײַ פאַר אים גופא, סײַ פאַר זײַן ליטעראַרישן דאָר. אַפּ עטינגערס שפּראַך רוט דער כיינעווודיקער קאָלאָריט פון דעם פּוילישן יידיש, ס'פּעלט אים אָבער דער אויסזיכטפולער פאַרנעם פון פאָלק־שפּראַך אין איר גאָרער ברייט און טיף. עטינגערן האָט אויך דורכויס געפעלט יענע טיפע פאַרוואָרצלקײַט אין פאָלק און אין דער פאָלקס־קולטור, וועלכע איז געווען „אין בלוט" בא מענדעלען, בא שאָלעם־אַליכעמען, בא יעדן פון זײַן שטייגער.

דער באַרופענער און דער געבענטשטער גרונטלייגער פון דער הײַנטצײַטיקער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך איז געוואָרן מענדעלע – דער גרויסער שרײַבער, דער באַוווסטזיניקער וואָרט־מײַסטער און דערצו דער הויכגעוואַקסענער פאָלקס־מענטש. ניט געוואָרן איז עס לינעצקי ניט בלויז איבער זײַן ניט צו פאַרגלײַכן באַשיידענערער, כאָטש ביז גאָר וועזנטלעכער און וואָגיקער, ליטעראַרישער גאָב, נאָר אויך איבער דעם, וואָס לינעצקיס גאַנצע רײַכער יידיש האָט זיך אין אַ היפּשער מאָס פאָרט נאָך איבערגערופן מיטן יידיש פונעם ביז־מענדעלישן אַקסנפעלד־שניט מיט זײַן אָפּט „אָנפּלאַניש" אָנגעוואָרפענעם ווילדשטאָף און מיט זײַן דיאַלעקטאַל־נאַטוראַליסטישער פּרימיטיווקײַט.

מענדעלעס גרונטלייגנדיקע טעטיקײַט אין געביט פון יידיש האָט איר פולסטע און העכסטע אַנטפּלעקונג דערגרייכט אין שאָלעם־אַליכעמען, וועלכער גייט פון מענדעלען, אין זײַנע אָדערן האָט אָבער נאָך פרישער געצאַפּלט געזונט אמכאָ־בלוט, וואָס האָט אים און פון אים אַלעמען אַרום געעפנט פאַר נאָך העלערע פּערספּעקטיוון און גליקלעכערע אויסזיכטן פון יידיש.

שוין באַם סאַמע אָנהייב פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט האָט שאָלעם-אַלייכעם געפירט א קאַמף פאַר א פײַנערן און פאַר אַן איינהייטלעכערן ליטעראַרישן ייִדיש אפ דער באַזע פון דער פאָלק-שפראַך און אין דער ריכטונג פון מענדעלעס פונדאַמענטאַלער שוין אָפגעטאָנענער אַרבעט אין דעם פראַט.

און שוין באַם סאַמע אָנהייב פון זײַן ליטעראַרישער אַרבעט האָט שאָלעם-אַלייכעם אויך באַוווסטזיניק און קלאָר געשטעלט פראָבלעמעס פון גרונט-נאָרמעס—לעקסישע, גראַמאַטישע, אָרטאָגראַפישע—פאַר דער וואַקסנדיקער ייִדישער ליטעראַרישער שפראַך.

---

פון דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפיטאַליזם אינעם נאָכרעפאָרמישן פעריִאָד האָט גענאָסן דער שטאָטישער בורזשואַ, דער פאָדריאַדטשיק, דער גרעסערער סוחר און פאַרמיטלער. דער אָנוווּקס פונעם קאַפיטאַליזם האָט דאַן אָבער גלײַכצײַטיק מיטגעבראַכט די רויִנירונג פון די ברייטע מאַסן. אין דער ייִדישער סוויווע האָט עס פריער פאַר אַלץ געטראָפן די מאַסן פונעם האָרעפאַשנעם און פונעם פאַרמיטלערישן קלייִנבירגערטום, ווי אויך געוויסע אָפשיכטונגען פונעם מיטלבירגערטום. ס'איז דורכויס פאַרשמעלערט געוואָרן די באַזע פאַר די ביז-קאַפיטאַליסטישע און אָנפאַנגלעך-קאַפיטאַליסטישע פאַרנאָסעס. קיין מאַמאָשעסדיקע נײַע עקאָנאָמישע אויסזיכטן זײַנען גלײַך ווי ניט געווען פאַר דער צוניפגעשטיקטער שטעטלשער מאַסע פון „טכום״. פון די אַרויסקוקענישן אפ יעשועס פאַר ייִדן, וואָס זײַנען געווען בײַ געוויסע פאָרשטייער פון דער קלייִנבירגערלעכער אינטעליגענץ, האָט זיך אויסגעלאָזט א טײַך, א טײַך מיט בלוט. ס'האָט זיך דורכגעטראָגן דער פאַס בלוטיקע פאָגראָמען אפ ייִדן (1881—1882). מיט די דאָזיקע פאָגראָמען האָט די צאַרישע זעלבסטהערשונג זיך געפרווּט אָפווענדן אפ די ייִדישע קעפ די אָנוואַקסנדיקע אומצופרידנקייט פון די האָרעפאַשנע מאַסן.

בא דער טרײַערער פאָלקס-אינטעליגענץ האָט זיך דאַן באַזונדערס געשטאַרקט דער אינטערעס צום האָרעפאַשנעם פאָלק, צו זײַנע לעבעדיקע נויטן און קולטור-באַדערפענישן. האָט זיך עס דאַן אָפגערופן אויך אפ דער עצם שטעלונג און אין דער באַציִונג צו דער ליטעראַטור און צו דער שפראַך פון פאָלק, וואָס דורך דעם האָט מען געקענט „זיך צולאָזן צום פאָלק ווי ווײַט מעגלעך נאָך נעענטער״ [1].

אין דעם פראַט איז אפ די ייִדישע פאָלק-שרײַבער פון יענער צײַט אויך גרויס געווען די ווירקונג פון דער דעמאָלטיקער רוסישער ראַדיקאַלער קינסטלערישער קלאַסיק (אוספענסקי, סאַלטיקאָוו-שטשעדרין).

דער פאַרשטאַרקטער אינטערעס צו דער פאָלק-שפראַך, דער דראַנג זי צו דערהייבן און צו פאַרפײַנערן האָט דאַן געפונען א באַזונדערס בולטן אויסדרוק אין שאָלעם-אַלייכעמס אָנפאַנגלעכער שאַפונג און אין זײַן „אָפעראַטיווער״ אַרבעט צו אָרגאַניזירן די פאָלקס-ליטעראַטור און צוניפצוגרופירן אירע בעסטע פאָרשטייער און שעפער.

---

1) די יודישע פאָלקס-ביבליִאָטהעק. צווייטעס בוך. פונעם הערויסגעבער (שאָלעם-אַלייכעם. ע.ס.) תרמ"ט. (1889). קיִעוו.

פונ די סאמע ערשטע יאָרנ פונ זײַנ אַרײַנטרעטנ אינ דער ליטעראַטור האָט שאָלעמ־אַלײכעמ פאַרקאַטשעט די אַרבל אונ מיט די קרעפטיקע אָרעמס זיכ פלײַסיק אונ טרײַ גענומענ צו כאָוועװנ די „זשאַרגאָנישע“ ליטעראַטור אונ שפּראַכ:

„...זי, די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור, איז נאָכ... נאַקעט אונ באָרוועס... מע דאַרפ זי ערשט אָנהײבנ װיקלענ, אױסגלײַכנ איר די יונגע בײנדעלעכ, אײַנבינדנ, אײַנקרעמפּעווענ, זי זאָל ניט דריגענ מיט די פיסלעכ, זי זאָל כאָלילע ניט װערנ *האָרבאַטע* אונ זיכ ניט אָנשרײַענ קײנ *בײַכל*... מע דאַרפ זי נאָכ באָדנ אינ א מולטער מיט קלײַענ, אָפּוואַשנ, אָפּרײניקנ, אָפּשנײַדנ דעמ נאָפּל...“[1]).

דער ערשטער װעזנטלעכער פּראָדוקט פונ שאָלעמ־אַלײכעמס טעטיקײַט — דאָס דערשײַנענ פונ דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטהעק“ — האָט אַרויסגערופנ א מעהומע אינעמ לאַגער פונ די פאַרשײדענע „אַנטיזשאַרגאָניסטנ“, דערינ אויכ צווישנ יענע, וואָס האָבנ אַלײנ געשריבנ „זשאַרגאָנ“. אינעמ דאָזיקנ לאַגער האָט מענ מיט א פאַרביסענעמ אײפער געקוקט ווי אַזוי „די דינסט“ (יידיש) יאַרשנט איר „האַרנטע“ (העברײיִש), ווי אַזוי מע לאָזט זיכ, לויט לעווינסקיס אויסדרוק, אַרײַנ אינ א כאיע־שאָ אונ אינ א כאיע־רעגע פונ זשאַרגאָנ אָנשטאָט די „כאיע־אוילאָמ“ פונ העברײיִש, אונ קומענ קומט עס פאַר, ווײ־געשריגנ, דאַנ, ווענ אונדזער „נאַציִאָנאַלישקײַט“ („לאומיותנו“) שטעקט בלויז אינ דער העברײיִשער שפּראַכ אונ אינ דער העברײיִשער ליטעראַטור[2]), ניט אינ אָט דעמ „געמישטנ לאָשנ“, וואָס האָט ניט קײנ שומ יעסאָד א.אַז.וו.[3]). אונ דעמ וווּקס פונ דער יידישער ליטעראַטור אונ פונעמ ליטעראַרישנ יידיש האָט מענ זיכ אויכ געפּלײַסט צו צעבײַטנ אַפ קלײנגעלט. ס'איז, הײסט עס, ניט קײנ לעבנזאַכ, וואָס עמעצער אינ פאָלק זאָל עס טאַקע בעעמעס באַדאַרפנ — האָט געטײַנעט לעווינסקי — ס'איז גיכער א פראַגע פונ דער שרײַבערישער כעיונע אונ אויסקומעניש, ווענ ס'איז צו זײ דערגאַנגענ דער „קלונג פונ דער מאַטבײע“[3]) (געמײנט שאָלעמ־אַלײכעמס ברײטע מאַטעריעלע שטיצע פונ זײַנע אויסגאַבעס, ווענ ער האָט געהאַט א מעגלעכקײַט עס צו טאָנ).

אַפ אַזוינע אָנפאַלנ האָט שאָלעמ־אַלײכעמ מיט ווערדע אונ מיט טיפנ באַוווּסטזײַנ פאַר דער שטײַגנדיקער ווערט פונ יידיש געהאַט צו ענטפערנ:

„...די אויפלעבונג פונ זשאַרגאָנ איז פאַר אונדז א זיכערער צײכנ, אַז עס שטײַגט דער גײַסט פונ פאָלק, אונ די דערפאָלגנ פונ דער דאָזיקער שפּראַכ זאָגנ אײדעס דערויפ, אַז מיר שרײַבנ ניט פאַר קײנ קנאַפּ ביסל אויסדערווײלטע, נאָר פאַרנ גאַנצנ פאָלק, אונ דאָס פאָלק פאַרשטײט אונדזער געדאַנק; אונדזערע אָנשויונגענ אונ מײנונגענ דרינגענ אַרײַנ אינ האַרצנ פונ אונדזערע ברידער, וואָס זשע דאַרפנ מיר נאָכ?..[4]).

---

1) ס. ביכערפראָפעסער (שאָלעמ־אַלײַכעמ. ע. ס.) אויפן ליטעראַרישען מאַרק. די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק, תרמ״ח (1888). קיִעוו.

2) א. ל. לוינסקי. חיי עולם וחיי שעה. המליץ. 1889. 104 (מײַ).

3) א. ל. לוינסקי, שפת עבר ושפת יהודית המדוברת. המליץ. 58-59, 1889 (מאַרס).

4) שלום עליכם. לשאלת השפה. המליץ, 80. 1889 (אַפּרעל).

א פאַרביסענע און א פאַרביטערטע העצע קעגן שאָלעם־אַלייכעמען איז אָנגע־נאַנגען מיצאַד די שרײַבער (אָדער „רײַבער" לויט מענדעלעס אַטעסטאַציע) פון דער „יודישער פאָלקסבלאַט" (דערשינען אין פעטערבורג אין 1881־1890).

שאָלעם־אַלייכעמען האָט מען געמאַכט מיט דער בלאָטע גלײַך, אַלס „דעם ערשטן פּאַטריאָט פון זשאַרגאָן"[1]. באַם רעדאַקטער פון „פאָלקסבלאַט" לעווי (פּריִער א צאַרישער מיליטער־פּאָדריאַדטשיק) האָט ייִדיש קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט ווי „גרייגערוויטשער לאָשן", „פּאַסקודנער זשאַרגאָן", „געגנדזן־לאָשן", דאַן ווען העברייִש, זעט איר, איז „דאָס אַלטע עמעסע לאָשן, וואָס איז נאָך אַדײַעם שענער אַלס אַנדערע לעשוינעס"[2]. א אידיי־פיקס איז דאָ געווען ייִדיש וואָס מערער צו פאַר־העברייִשן און

„אײַנצופירן אין זשאַרגאָן ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז אַזויפיל לאָשנקוידעשדיקע ווערטער, ביז מע זאָל קענען לעסאָף מיט דער צײַט אינגאַנצן אײַנפירן דעם לאָשנקוידעש אַלס שפּרעכ־לאָשן"[3].

דאָס איז געווען נאָך סמאָלענסקיס א האַסאָגע, און אין די שפּעטערדיקע ציאָ־ניסטיש־העברייִסטישע יאָרן האָט עס דעם בוילעטסטן אויסדרוק געפונען אין טעוו־יאָווס באַרימטער אַנטי־ייִדיש־העברייִזאַטאָרישער „קאָנצעפּציע" וועגן „מאַכן אַן עמעסן העברייִש" פון דער „פאַרדאָרבענער פּרעמד־שפּראַך" דורכן העברייִזירן זי וואָס מער[4].

האָט מען אינעם „פאָלקסבלאַט" געהאַלטן אין איין שרײַבן:

יעהודי (ייִד), יעהודית (ייִדיש), יהודית'שען (ייִדישן), שמועות'ן (שמו־עסן), שבק חיים לכל חי געווען (געשטאָרבן), נותן יד לפושעים זײַן, לעשות נקמה בגוים געווען, האוחז ביד זײַן...

אַפ די שפּאַלטן פונעם „פאָלקסבלאַט", ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט דאָ נאָך גע־האַט מיטגעאַרבעט, האָט ער אויסגעלאַכט דעם דאָזיקן אימפּעט צו

„לערנען מיט אײַך העברייִש אינעם „פאָלקסבלאַט"... אײַער פּאָשעטן אָרעמען זשאַרגאָן אויסהײליקן, אויסלאָשנקוידעשן..."[5].

און די העברייִזירונג האָט זיך אין „פאָלקסבלאַט" געפּאָרט מיט זשאַרגאָניזירונג ביקלאַל. די אָנהויערונג פון אַנדערשפּראַכיקן מאַטעריאַל (העברייִזמען, דײַטשמעריז־מען, סלאַוויזמען), פון דיאַלעקטיזמען (ספּעציעל ליטוויש־ייִדישע דיאַלעקטיזמען) איז דאָ פאָרגעקומען כאַאָטיש, צומאָל טאַקע נאָר ווי אַפ צו דערווײַזן, אַז ייִדיש איז א קוידערוועלש, עפּעס א פאַרדאָרבענער מישמאַש.

שאָלעם־אַלייעכם האָט געפירט א קאַמפּ פאַר א פײַנערן און פאַר א מער אײנ־הײַטלעכן ליטעראַרישן ייִדיש מיט דער אָריענטירונג אַפ „פּאָשעט ייִדיש", אַפ „פּאָשעטע ייִדישע ווערטער", „אַפ אַזא לאָשן, וואָס י ע ד ע ר זאָל עס קענען

---

[1]) „יודישעס פאָלקסבלאַט" נומ. 12, ז. 13, 1889 (ברייוו־קאַסטן).

[2]) דאָרטן. יבש"ל (לעווי?). א שמועס פון שמוליקן מיט יאָסען, 1889, נ. 29.

[3]) דאָרטן, 1889, נומ. 16. ליבעצע הערשילס (לעווי. ע.ס.) ס'איז בנאמנות א געלעכטער.

[4]) י. ח. טביוב. היסודות העברים בזרגון. הזמן תרס"ג.

[5]) דאָרטן, 1888, נומ. 28, ז. 3־2, שלום עליכם. פונעם וועג.

פארשטייג" [1]) און וואָס אין דעם פראט האָט שוין „מער פון אלע אונדז באוויזן אונדזער גרויסער פאָלקשרײַבער אבראמאָוויטש... אז מע קאָן זיך גאנץ לײַכט באגיין אָן טיפ דײַטש און אָן לאָשנקוידעש, נאָר מיט פאָשעט יִדיש" [2]).

מיר האָבן בא שאָלעם-אלייכעמען אין דעם פראט א קלאָר פאָרמולירטע שטעלונג.

„עס טרעפט אָפטמאָל צו לעזן, ווי אייניקע מאכן כויזעק איבער די אויס-דריקע אינעם זשארגאָן, לעמאָשל: „באשײַמפערלעכ", קלאָמפערשט", „משטיינס געזאָגט", „סײַוויסײַ", „קאטאָוועס", „מאכטייסע", „אי אהער אי אהין", „ניש-קאָשע", „כ'לעבנ", אוכעדוימע אזעלכע ווערטער, וואָס ווערן באנוצט, גע-וויינלעכ, נישט אין הויכע פילאָזאָפישע אָדער פּאָליטישע שמועסן, נאָר אין אזעלכע ערטער, ווו עס קומט אויס צו באשרײַבנ דאָס ווירקלעכע לעבנ פון פאָלק [3]). מיר פארשטייען ניט, וואָס קענען אזעלכע ווערטער שאטן, אדעראבע, וואָס מער ווערטער איז גלײַכער. אײַ, זיי האָבן נישט אזא שיינעם קלאנג ווי אין דײַטשישן „שוואמדריבער", אָדער ווי אין רוסישן Вот те фунт?", דאָס איז א קלײניקײַט: עס ווענדט זיך אין דעם, מיט וואָסערע אויערן מע הערט זיך צו..." [2]).

ס'איז געגאנגען אין אָפּקלײַבן דאָס צוגעגגלעכע מאסן-וואָרט, ס'איז אויך געווען א פראגע פון פאָלקס-קאָלאָריט, פון שטייגער-נוסעכ:

„... איך האָב אײַך בעפיירעש געבעטן, איר זאָלט ניט ענדערן קיין אָס. צום בײַשפּיל: עס שטייט „פארדינען א קערבל", גייט איר און מאכט אי-בער „פארדינען א רובל". אזא א יאָר אף לעווין, וואָס פאר א טאַם עס האָט! [4]).

און די דאָזיקע קלאָרע אײַנשטעלונג אפן מאסעוון שטאָף אין דער ליטעראריש-באארבעטער שפראך האָט דאן נישט געשטערט שאָלעם-אלייכעמען צו האָבן אויך א ריכטיקע שטעלונג צום אנדערשפראכיקן וואָרט, צום אינטערנאציאָנאליזם, ביקלאָל צו אזא שטאָף, וואָס זאָל מאכן יִדיש פאר א שפראך צווישן שפראכן, פאר א שפראך מיט שפראכן-גלײַך.

„... אויך האלטן מיר פאר נישט איבעריק ארײַנצופירן אין אונדזער יִדיש פרעמדע ווערטער, נאָר אזעלכע, וואָס זײַנען שוין אזוי נייטיק, אז מע קאָן זיך אָן זיי אין דער ליטעראטור נישט באגיין בעשומויפן, לעמאָשל: „פּאָעזיע", „קריטיק", יובילעום", „בעלעטריסטיק", „אָרטאָגראפיע", „פאנאטיזום", „קאָ-מיזם" און נאָך אזעלכע. נישקאָשע, עס מעג אונדז אָנשטיין: שענערע לעשוינעס האָבן מער אלס צו הונדערט טויזנט פרעמדע ווערטער אין זיך..." [2]).

---

[1]) ס. ביכערפרעססער („שאָלעם-אלייכעמ. ע. ס."). אויפן ליטעראַרישן מארק. יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק, תרמ"ח (1888). קיִעוו.

[2]) דער הערויסגעבער („שאָלעם-אלייכעמ. ע. ס."). וועגן זשארגאָן אויסלעגנ. יודישע פאָלקס-ביבליאָ-טעק, תרמ"ט (1889). קיִעוו.

[3]) מײַנ אונטערשטרײַכונג.

[4]) פון שאָלעם-אלייכעמס א בריוו צו ספעקטאָרן. קיִעוו. 1 ,20, 1896 יאָר.

דער קאמפ פאר מאסעוודיקײט, פאר פאָלקישקײט פונ דעמ ליטעראַרישנ ייִדיש איז בא שאָלעמ־אַלייכעמענ געווענ ענג געבונדנ מיט דעמ דראַנג צו מעגלעכער פאַר־ריינהײטלעכונג אונ אויסגעהאַלטנקײט אפ צו מאכנ גילטיקער, ווירקעוודיקער די שפּראַך. ער האָט געקעמפט קעגנ „טיפ־דײַטש“ (ווי ביקלאָל קעגנ „דײַטש“, „האַלב־דײַטש“), קעגנ דער געדיכטער העברייִזירינג, קעגנ דעמ סטיכישנ אָנווענד פונ סלאַ־וויזמענ, וואָס א מוסטער דערפונ איז אינ א היפּשער מאָס טאקע געווענ דער „יאַק־בי ני ריידעלע“־ייִדיש פונ דער „פאָלקס־בלאַט“.

שאָלעמ־אַלייכעמ האָט גיפטיק אויסגעלאכט דעמ שפּראַכלעכנ קוידערוועלש פונ דער „פאָלקס־בלאַט“, וואָס ס'האָט פריִער פאר אַלצ שטארק געמינערט די ראָליע אונ די ווערט פונ ייִדיש, אַלס מאסעווע אופקלערעריש קולטור־געווער.

ס'איז דאָ קעדײַ צו ברענגענ פולערהייט דעמ ווייניק באקאנטנ פאמפלעט, וואָס שאָלעמ־אַלייכעמ האָט איינ צײַט אָפּגעדרוקט אינ זײַנ „קול מבשר“ אינ דער פאָרמ פונ א בינטל קאָרעספּאָנדענצנ פונ סטרישטש.

סטרישטש

בא אונדז האָט זיך פארלאָפנ א זאמעטשאטעלנער סלוטשײַ. נאפרימער, א יונג מיידל פונ א יאָר אכצנ האָט זיך גערעשעט אפ סאמאָובייסטוואָ איבער ליובאָוו צו אײַער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק“. זי איז געווענ א וואזשנע ליוביטעלניצע פונ אײַער איזדאניע; זי האָט געמיינט, אז איר וועט שוינ מער ניט פראָדאָלזשאיענ, האָט זי זיך שטארק פארבענקט אונ אײַנגענומענ יאד. איר לעבנ איז אינ גרויס אָפּאס־נאָסט!.. הער רעדאקטאָר! איך בעט נאפעטשאטעווענ מײַנ קאָרעספּאָנדענציע, אונ אז זי וועט ארויס בלאהאָפּאָלוטשנע, וועל איך אײַך אוגאָשטשאיענ מיט מײַנע ראַס־קאזנ, סטיכאָטוואָרעניעס אי טאק דאלעיע...

גבריאל מאטווייעוויטש.

נאָכאמאָל סטרישטש

דאס וואס ג—ל מ—טש איהנענ געשריבענ האט איסט ניסט זאָ ריכטיק. דאס מעד־כענ וואר קיינ מעדכענ פונ אכצנ יאר, זאנדערנ איינ קנאבע פונ זיבנ יאר אונד גע־שטארבענ איזט ער ניכט אויס ליעבע, זאָנדערנ אויס ווינטפּאָקקענ. אלזאָ מעלדנ זי דאס אינ איהרענ ווערטהעסטענ בוכ, דאמיט די ווארהייט שטאטפינדענ זאל.

לייבצי דײַטש.

ווידעראמאָל סטרישטש

לא דבים ולא יער! ס'איז שקר וכזב! עס האָט דאָ קיינער ניט שבק חיים לכל חי געווענ. אלע זײַנענ ברוך השם בקו הבריאה. עס איז קעדיי מכחיש צו זײַנ די פאלשע יעדיע ביכדיי מפרסם את החנפים צו זײַנ. אזא כוצפה באוויײַזט נאָר אפ ביאַת גואל צדק במהרה בימינו. אמן.

איש אמת.

און אָבער אמאָל סטרישטש.

כא־כא־כא. מע דארפ זיך קאטשענ פאר געלעכטער! דאָס האָב איך אליינ טאקע אלע דרײַ קאָרעספּאָנדענציעס אָנגעשריבנ אלעמאָל מיט אנ אנדער לאָשנ, אזוי ווי מע פלעג שרײַבנ די לעצטע יאָרנ אינעמ „יודישנ פאָלקס־בלאט“, אונ איינ אנדער נאָמענ געכאסמעט ביכדיי צו באווײַזנ, אז כאָטש די רעדאקציע איז דאָך שוינ

געוויס א כאכאַמע, קומט א כטרישטשער באָכערל אונ פירט זי אזוי מ׳עס בא דער נאָז.

פאראיאַריקער שניי [1].

ס׳איז געווענ א בײַסיקע פאראָדיע אפ דעמ גאַרנ סטיל, ריכטיקער, אפ דער גאַנ־דער סטיליזאַציע, אפ דעמ פלאַנטער אונ ווידערשפרעכלעכקײַט פונ געדאנק אונ פאקט, וואָס האָט געהערשט אינעמ „פאָלקס־בלאט" ביקלאל, אינ געוויסע זײַנע אָפּ־טיילנ ביפראט, ווי אשטייגער, אינ די קאָרעספּאָנדענצנ, אינ די מיטיילונגענ פונ די ערטער, וואָס די רעדאקציע האָט זיי נאָכ אָפּטמאָל צוגעריכט לויט איר אייגענעמ גוסט [2].

אזוי האָט זיכ שאָלעמ־אַלייכעמ אויכ ערנסט פארנומענ מיט דער שלעכטער שפראכ אינ מיט דעמ בונטנ סטיל פונ א ריי פארשיידענע אויסגאבעס פונ יענער צײַט, אָנגעהויבנ פונ ליטעראַרישע ווערק אונ איבערזעצונגענ פינ קרילאָוו אונ אויס־געלאָזט מיט א פראקטישער אריפמעטיק אינ ייִדיש.

„..... דאָרטנ האָט איר „רעשעניע", „נארוזשנאָסט", „קלעוועטניק", „פרי־מערינ", „פאָכוואַלינ" אונ נאָכ אזעלכע לאָרויוו... נאָר פלוצימ ווערט דער אי־בערזעצער העכער האלב א דײַטש אונ הייבט אָנ צו שיטנ מיט אזעלכע ווער־טער: „פונ פערנע" (פונדערווײַטנ). „די אסטנ" (סוקעס)..." [3].

„...וואָס זאָל מענ צוערשט לערנענ: צי בירנבוימס נײַ־דײַטשישע שפראכע, וועלכע ווייניק „העברייער" וועלנ קענענ פארשטיינ, צי דאָס, וואָס בירנבוימס נײַ־דײַטשישע שפראכע ערקלערט ?.." [3].

מע דארפ דאָ ספּעציעל אָפּמערקנ דעמ אנטישאָמערישנ קאמפּ, וואָס ש"א האָט מיט אזא ליידנשאפט אונ ברענ געפירט. אינ געביט פונ שפראכ איז עס געווענ דער־הויפּט א קאמפּ קעגנ שאָמערס דײַטשמעריש, פאר דער דעמאָקראטיזאציע פונ דער שפראכ.

„...שאָמער, פארשטייט איר מיכ, האָט זיכ זײַנ אייגענע שפראכע, זײַנ איי־גענעמ זשארגאָנ, וועלכנ מע קאָנ אונ מע דארפ אָנרופנ מיטנ נאָמענ „מאכ־טייסע־דײַטש", דענ זײַנ זשארגאָנ איז ניט קיינ ייִדיש, ניט קיינ רוסיש, ניט קיינ דײַטש, נאָר גלאט אזוי „פאָלאָווינע דײַטש, כאָצי גאָיש". אונ איכ בינ

---

[1]) קול מבשר צו דער יודישער פאָלקס־ביבליאָטהעק. ארויסגעגעבען פון שלום עליכם. אדעססא תרנ׳ב (1892).

[2]) אגעוו, די מײַסע מיטנ מיידל, וואָס „וואר קיינ מעדכענ", איז אויכ געווענ אָנגעהויבט פונ אזא קאָמישער פאסירונג. לעווי פלעגט מיט א באזונדער מינ כיישעק דרוקנ די איבערגעזעצטע פונ העב־רעיִיש אפ ייִדיש בריוו פונ עפּעס א „חנה מאָגילניצקי", וואָס פלעג לויבנ אינ טאָג ארײַנ דעמ „פאָלקס־בלאט". לעווי פונ זײַנ זײַט פלעגט זיכ אויכ צעגיסנ מיט קאָמפּלימענטנ דער „טײַערער בת ציון", דער „ליבער כאנעלענ": „ווי וואָלט איכ דיכ איצט אומארמענ פאר דער גאנצער וועלט אינ די אויגנ, דענ אינ דיר וואָלט איכ אומגעארעמט דאָס יודנטומ". אויסגעלאָזט האָט זיכ, אז ס׳איז געווענ גאָר עפּעס אײַנער א יורל יאָסעפ מאָגילניצקי, וואָס האָט די גאנצע צײַט געלעצעוועט, זיכ פארשטעלנדיק פאר א מיידל. זע וועגנ דעמ ש. ל. ציטראָנ. דרײַ ליטעראַרישע דוירעס. באנד 3. ז. 161, 1922 יאָר.

[3]) ס. ביכערפרעססער (שאָלעמ־אַלייכעמ. ע. מ.) אויפנ ליטעראַרישען מארק. די יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק. ערשטעס בוך, תרמ׳ח (1888). ק״עוו.

מעסופעק, אויב צען פראָצענט פון זײַנע לעזער פארשטייען שאָמערס „מאכ־טייסע־דײַטש" מיט זײַנע ברויטיגאמען, קאמעראדן, פרויענמאנציפאציאָנען, אימער ערוואָרבענע רעספעקט, דופטענהײַט...״¹).

אין צוזאמענהאנג מיט דעם אויבן־געבראכטן איז אויך קעדײַ צוצוגעבן נאָך אזא שטריך אין שאָלעם־אלייכעמס ברויזיקער שפראכלעך־ליטעראַרישער טעטיקײַט אין יענער צײַט. שאָלעם־אלייכעם האָט דאן אויך געשטעלט די פראָבלעם פון אן אויסגעהאלטענעם אויסלייג אין ייִדיש און פון אזא אויסלייג, אז „סײַ דער פוילישער לעזער, סײַ דער ליטוואק זאָלן קענען פארשטיין״²).

שאָלעם־אלייכעם האָט דאן אויך דערפילט די אקטועלקײַט פון פעסטערע גראמאטישע נאָרמעס פאר דער שפראך, ווײַל

„...ביזוואנען מיר וועלן נישט האָבן קיינע זשארגאָנישע גראמאטיק וועלן מיר נאָך לאנג בלאָנדזען אין דער פינצטער און עס וועט בא אונדז זײַן א בעהאָלע אין דער שפראכע, יעדער וועט זיך האָבן דאָס רעכט צו שרײַבן ווי ער וויל״²).

ער האָט געמאָנט און געוועקט צו אזא ארבעט אפן געביט פון ייִדישער גראמאטיק אלעמען, דערהויפט די „געלערנטע לײַט": „זיי וועלן באקומען דערפאר א יאשער־קויעך פון אונדזער פאָלק און פון זײַנע שרײַבער״²).

צו שאָלעם־אלייכעמס דראנג צו א ריינערן און איינהײַטלעכן ייִדיש האָט מען זיך אין „פאָלקס־בלאט" באצויגן מיט ביטל און מיט זידל. די אָריִענטירונג אף א מאסן־ייִדיש „באם באשרײַבן דאָס ווירקלעכע לעבן פון פאָלק", ווי דאָס מאסן־ייִדיש גופא אין זײַן קערנדיקער פאָלקס־פאָרם איז דאָ (ווי אינעם העברעיִישן „המליץ" פון יענע יאָרן) באנומען געוואָרן ווי „גאסרייד", „מארק־לאָשן", „קיכ־ און יאטקע־זשארגאָן":

„...דער זשארגאָן האָט קיינע מעליצע ניט און קען ניט האָבן, דען וויבאלד מע וויל אינעם זשארגאָן רעדן מיט מעליצע, מוז מען שוין דאצו געברויכן דײַטשע אָדער לאָשנקוידעשדיקע ווערטער, און דאָס וועט שוין ניט הייסן „עכט־ריין זשארגאָן", ווי די זשארגאָניסטן רופן עס. ווייניקסטנס אָבער וואָלט מען דאָך דאָס רעכט האָבן צו פארלאנגען פון דער זשארגאָנישן קוואזי־ליטעראטור, עס זאָל פירן א ריינערע, כאָטש א ביידער־ אָדער א בעסמעדרעש־לאָשן און ניט שרײַבן מיט דער יאטקע־ און פיש־מארק־לאָשן...״³).

מיט ביטל צו „ריינעם" זשארגאָן האָט מען זיך אויך באצויגן אין דער העברעיִשער. פרעסע. לעווינסקי, אשטייגער, האָט געהאלטן אין איין כידעשלעכן

---

¹) שמרס משפט. תרמ״ח (1888). בערדיטשעוו.

בא אן אנדער געלעגנהייט האָט שאָלעם־אלייכעם געשריבן: „מאכט ניט נאָך דעם דײַטש און קוועטשט ניט, באשרענקט ניט דעם זשארגאָן" (פון א בריוו צו ראווניצקין 1899, 14/7).

²) די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק. דער הערויסגעבער. וועגען זשארגאָן אויסלעגען (אָרטהאָ־גראפיע).

³) יודישעס פאָלקס־בלאט, נומ. 21. א קול מעבר לים.

אָפּפרעגן און אויסבאַטלען כאַלוימעס מעקויעך דער נייטיקייט פון א „געלייטערטן־מזוקק שבעתים״), פון א „ליטעראַרישן״ („ספרותי״) זשאַרגאָן [1]).

שאָלעם־אַליכעם האָט שמערצלעך איבערגעלעבט די העסלעכע אָנפאַלן אַפ יידיש.

„... אשטייגער, זאָל איך שווייגן, ווי מיינט איר, וואָס מע מאַכט אזא טעל פון אונדזער בידנעם זשאַרגאָן? נעמט די לעצטע דריי־פיר נומערן „פאָלקס־בלאַט״, וועט איר זען, וואָס דאָרטן טוט זיך! איך האָב ניט קיין ווערטער, מיין צונג איז צום גומען באַהעפט, מיין פעדער איז שוואַך אַרויסצוגעבן די שמערצן, וואָס איך טראָג דערפון״ [2]).

שאָלעם־אַליכעם האָט אָבער דעם קאַמף קעגן דער דאָזיקער אַטאַקע געפירט מיט זיכערקייט און מיט טיפן גלויבן, אַז

„עס וועט נאָך אופשטיין א נייע ערע אַפ אונדזער פילנוצלעכן זשאַרגאָן, ווען עס איז באַשערט, ווי עס ווייזט אויס, צו שפילן א גאַנץ גרויסע ראָליע אינעם יידישן לעבן אין יעצטיקע שווערע ביטערע ציטן״ [3]).

אינעם דאָזיקן קאַמף איז שאָלעם־אַליכעם ניט געווען אַליין. אין ריי איז צווישן אַנדערע דאָ געשטאַנען און האָט צוגעגעבן מוט טאַקע דער זיידע אַליין, וואָס שאָלעם־אַליכעם האָט ליב געהאַט זיך צו גרויסן מיט זיין פינעף־און־צוואַנציק־יאָריקער טעטיקייט צו יענער צייט.

„האָסטו געלייענט שאָלעם־אַליכעמס מוידאָע, וואָס ער האָט פאַנאַנדער־געשפּרייט צווישן אַלע יידן? צי ווייסטו ווער עס העלפט אים? ס'איז שאָ־לעם־יאַנקעוו אַבראַמאָוויטש... מענדעלע מוֹיכער־ספאָרים אַליין מיט זיין קאָוועד...״.

אזוי האָט מיט האַרצווייטיק געשריבן לעווינסקי אין זיין אויבן ציטירטן אַרטיקל. און דער זיידע האָט געהאָלפן מיט טאַט (שוין אינעם ערשטן באַנד דרוקט זיך דאָס „ווינטשפינגערל״) און האָט אַפ זיין טראַציקן שטייגער

„דערלאַנגט הינטן אַרום, פאָרנט אַרום, אַלע סאָנים און קריטיקער..., וואָס האָבן קעגן דעם יידישן לאָשן און די ספאָרים אין אים... אזויפיל גע־שריבן...״ [1]).

---

[1]) א. ל. לווינסקי. חיי עולם וחיי שעה. המליץ 1889, נומ. 104.

[2]) פון שאָלעם־אַליכעמס א בריוו צו דינעזאָנען. 1888, 4/1, ווו שאָלעם־אַליכעם אַנטפּלעקט אַ פּראָיעקט צו אַרויסגעבן א יידישן כוידעש־זשורנאַל.

[3]) שלום עליכם. פון וויטע מדינות. יודישעס פאָלקס־בלאַט. 1887, ג. 33.

שאָלעם־אַליכעם האָט עס דערנאָך אזוי איבערגעכאַזערט אין פאַרשיידענע ערטער:

„אַך, דער זשאַרגאָן, דער זשאַרגאָן! מי יעדייע, וואָס פאַר א ראָליע ער וועט נאָך אַמאָל שפּילן בא אונדזער פאָלק!״ פון ש.־א. א בריוו צו ספּעקטאָרן דעם 2/9, 1902).

„זשאַרגאָן, האַלט איך, וועט ערשט שפּילן א גרויסע ראָליע אין דער קולטור פונעם יידישן פאָלק״ (פון ש״א א בריוו צו ראַווניצקין 19/X, 1903).

[4]) פון מענדעלעס א בריוו צו שאָלעם־אַליכעמען דעם 5־טן יאַנוואַר, 1890 (פון אָדעס). ס'גייט דאָ א רייד וועגן א פאָרוואָרט, וואָס מענדעלע האָט געהאַט צוגעשיקט שאָלעם־אַליכעמען פאַרן צווייטן באַנד „פאָלקס־ביבליאָטעק״. די דאָזיקע האַקדאָמע איז אין יענער צייט ניט געדרוקט געווען. צוערשט פאַרעפנט־לעכט אין „וויסנשאַפט און רעוואָליוציע״ 1936, 1. ז. 129 (קיעוו).

שוין אין די 80־קער יאָרן אין שאָלעם־אַלייכעמס אייגענער שאַפונג און אין זיין אומדערמידלעכער רעדאַקציאָנעלער אַרבעט האָט די איינשטעלונג אַף דעם „יידישן לאָשן", אַף דער יידישער פאָלק־שפּראַך דערגרייכט איר גרעסטן און ווייטסטן פאַרנעם. די פאָלק־שפּראַך איז דאָ אופגעשטעלט געוואָרן אַף אַ פיל ברייטערער און פילאַרטיקערער ליטעראַרישער באַזע, ווי ווען עס איז באַ אים. די פאָלק־שפּראַך איז אויך באַ שאָלעם־אַלייכעמען געוואָרן דאָס גרונטיקסטע קינסטלערישע מיטל, די אוניווערסאַלסטע און פיינסטע שילדערונג־מאַניר. און מיט דער געניאַלער ליטעראַרישער באַאַרבעטונג פון דער פאָלק־שפּראַך, מיטן שאַפן די האַרמאָנישסטע צונויפשליסונג פון פאָלק־שפּראַך און ליטעראַרישער שפּראַך אַלס איינהייט, איז שאָלעם־אַלייכעם געוואָרן דער מאַסנטימלעכסטער און דער באַליבסטער שרייבער פון זיין צייט און אויך פון אונדזער צייט.

דאָס איז אין קורצן וועגן שאָלעם־אַלייכעמס שטעלונג צו יידיש אין דעם אָנפאַנגלעכן פעריאָד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. פולער און קאָנקרעטער האָט זיך עס, פאַרשטייט זיך, אַנטפּלעקט אין שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג גופע.

אַ ריי גרונט־דערשיינונגען פון לעקסיק, פראַזעאָלאָגיע, סינטאַקס, פאָנעטיק אין שאָלעם־אַלייכעמס יידיש איז געווידמעט די איצטיקע זאַמלונג.

### כ. לויצקער

# הומאָר אינ שאָלעמ־אַלייכעמס שפראַכ

## I. שאָלעמ־אַלייכעמ דער גרויסער פאָלקס־הומאָריסט

שאָלעמ־אַלייכעמ איז איינער פונ די גרעסטע וועלט־הומאָריסטנ.

זיינ הומאָר איז ניט א געוויינלעכער סטיל־קאָמפּאָנענט פונ א שרייבער, נאָר דער גאָרער ט אָ כ, דער עצעמ מעהוס פונעמ שרייבער שאָלעמ־אַלייכעמ.

די אייגנאַרטיקייט פונ זיינ הומאָר איז ענג צוזאַמענגעבונדנ מיט דעמ פאָלקישנ כאַראַקטער פונ זיינ שאַפנ. אונ פאָלקיש איז זיינ שאַפנ, ווייל ס׳איז עמעסדיק, וואָרהאַפטיק, רעאַליסטיש, שפיגלט אָפ דאָס ספּעציפישע לעבנ פונ זיינ פאָלק. „דאָס לעבנ פונ יעדער פאָלק, — זאָגט דער גרויסער רוסישער קריטיקער וו. בעלינסקי, — אַנטפּלעקט זיכ אינ זיינע, אימ אַליינ אייגנטימלעכע פאָרמענ. אויב דאָס שילדערנ דאָס לעבנ איז ריכטיק, איז עס דערמיט אויכ פאָלקיש״ 1).

וואָס זשע פאַר א צוזאַמענהאַנג איז פאַראַנ צווישנ דעמ ספּעציפיש־יידישנ פאָלקס־כאַראַקטער פונ שאָלעמ־אַלייכעמס שאַפנ מיט זיינ הומאָר?

דעמ ענטפער אַפ דער דאָזיקער פראַגע גיט די לאַגע פונ די יידישע פאָלקסמאַסנ פונ שאָלעמ־אַלייכעמס צייט אונ שאָלעמ־אַלייכעמס באַציונג צו די מאַסנ אונ צו זייער לאַגע.

וועגנ דער פּאָליטישער אונ עקאָנאָמישער לאַגע פונעמ יידישנ האָרעפּאַשנעמ קליינבירגערטומ אינ רוסלאַנד פאַר די לעצטע 40—30 יאָר ביז דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז ניט דאָ דאָס אָרט צו ריידנ אויספירלעכ. אַפ דער יידישער פאָלקסמאַסע האָט געדריקט: רעכטלאָזיקייט — דער באַרימטער „סכומ״, פּראָצענט־נאָרמע, פאַרבאָט צו פאַרנעמענ מעלוכע־שטעלעס; באַגרענעצונגענ אינעמ אויסוואַל פונ דער פּראָפעסיע אונ די פאַרורטיילטקייט אַפ אומפּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגענ; שוידערלעכע פּאָגראָמענ, — אונ אַלס רעזולטאַט פונ דעמ אַלעמ — מאַסנ־עמיגראַציע.

אַפ דער לאַגע פונ די קליינשטעטלשע יידישע מאַסנ האָט זיכ ווייטעקלעכ אָפּ־גערופנ דער ראַשער וווקס פונעמ קאַפּיטאַליזמ אינ רוסלאַנד אינ די 90—80־ער

1) В. Белинский. О русской повести и повести Гоголя.

יאָרנ פונ פאַבריקנ יאָרהונדערט: די ניט פעסטע עקאָנאָמישע לאַגע פונ די יידישע פאָלקס־מאַסנ אינ שטעטל ווערט נאָכ באַדנלאָזער, אונ א טייל לאָזט זיכ אינ דער גרויסער שטאָט, וויל זיכ אָנכאַפנ פאַר דעמ געשווינד־לויפנדיקנ ריַיטוואָגנ פונ דער בורזשואַזיע. נאָר ווערט צוריק אָפּגעשלײַדערט, ניט ווויסנדיק אונ ניט פאַרשטייענדיק דעמ מעכאַניזמ פונ דעמ דאָזיקנ ריַיטוואָגנ; דער וואַקסנדיקער קאַפּיטאַליזמ לאָזט זיכ אויכ הערנ אינ שטעטל מיט ווײַטנ דונער־אָפּהילכ, ס'ווערט עטוואָס אָנגעשפּאָלטנ די כינעזישע וואַנט פונ פאַטריאַרכאַלנ לעבנשטייגער. ס'ברעכט זיכ דער אײַנגעזע־כענער לעבנ־סיידער, ס'ברעכט זיכ אויכ די פּסיכיק, דער קאָנסערוואַטישער באַוווסט־זײַנ. ס'ווערט אַרײַנגעטראָגנ א מיש־מאַש אינ די מויכעס, דער קאַסריל־עווקער פאָלקס־מענטש איז שוינ ניט „קיינ וואָרעמ, וואָס ליגט אינ כריינ אונ מיינט, אַז ס'איז קיינ זיסערס ניטאָ". ער האָוועט, ער וואַרפט זיכ אָפּ אַלע זײַטנ אונ מאַכט דערבײַ אָנ שיר מעשונעדיקע האָווײַעס סײַ אינ די באַוועגונגענ, סײַ אינ דער שפּראַכ.

פאַרנ עבנ פאָלקשרײַבער, וואָס וויל געבנ אָנ עמעסע, רעאַליסטישע אָפּשפּיג־לונג פונ אַזא מינ לעבנ אינ אַזעלכע קאָלאָסאַלע מאַשטאַבנ, ווי דאָס האָט געטאָנ שאָלעמ־אַלייכעמ, שטייט האַרב די פּראָבלעמ וועגנ דעמ טאָנ, וואָס זאָל פּאַסנ אַהער.

עפּישע, רויִק־עפּישע שילדערונג איז ניט אימשטאַנד איבערצוגעבנ דעמ אָטעמ פונ אַזא לעבנ.

סאַרקאַזמ? — אָבער דאָ האָט צו זאָגנ שאָלעמ־אַלייכעמס באַציִונג צומ אָביעקט פונ זײַנ שילדערונג — צו דער יידישער פאָלקס־מאַסע. דעמ סאַרקאַזמ האָט גענוצט מענדעלע מויכער־ספאָרימ, וועלכער האָט זיכ געשטעלט צו דער מאַסע ווי א לערער אונ וועגווײַזער; ער האָט געטאַדלט אונ דעמאַסקירט, געמוסערט אונ געשטראָפט. אָבער שאָלעמ־אַלייכעמ, וואָס איז מיט טויזנטער אינטימע פעדעמ געקנופּט אונ גע־בונדנ מיט דער פאָלקס־מאַסע, — ער שטעלט ניט פאַר זיכ אינ זײַנ ליטעראַרישער טעטיקײַט קיינ אָפּנ־דידאַקטישע צילנ. זײַנ סאַרקאַסטישע קריטיק איז געווענדעט מער קעגנ די א ו י ס ע ר ל ע כ ע סיבעס פונ דער ביטערער דאָליע פונ דער יידישער פאָלקס־מאַסע — קעגנ דער דעמאָלטיקער סאָציִאַל־פּאָליטישער אָרדענונג, פונ איינ זײַט, אונ קעגנ די יידישע גווירימ, פונ דער אַנדערער זײַט. אונ די מאַסע גופע, די כעס־רוינעס פונ אירע באַזונדערע שיכטנ אונ פאָרשטייער טאַדלט ער ווי אָנ אייגענער־אינעווייניקסטער מענטש, אַזוי צו זאָגנ — „אינ אָרדענונג פונ זעלבסקריטיק". די קריטיק ווערט באַגלייט מיט מיטלייד, מיט באַדויער; דאַרפ זי באַ אימ זײַנ עטוואָס ווייכער, מיט א שמייכעלע, זאָל זײַנ אפילע — מיט א טרויעריק שמייכעלע אָפּ די ליפּנ... א בייזער גיט ער זיכ, אי דאָס אויכ מיט א שמייכל, אָפּ די, וואָס רײַסנ זיכ צו דער בורזשואַזיע, צו דער פּלוטאָקראַטיע. אונ ווענ זיי רײַסנ זיכ אַראָפּ פונעמ הויכנ קלעטערנ, רייצט ער זיכ אפילע מיט זיי, כאָטש אויכ ניט אָנ א צומיש פונ מיטלייד; עמעס, דאָס איז ניט מיטלייד פונ סאָלידאַרישקײַט, נאָר ריינ הומאַנישער ראַכמאָנעס אָפּ א מענטשנ — א לוי־יוצלעכ...

פאַר אַזא פּאָליטישער אונ סאָציִאַל־עקאָנאָמישער קאָניוקטור באַ די יידישע פאָלקס־מאַסנ, פאַר אַזעלכע פאַרהעלטענישנ מיטנ פאָלק, פאַר אַזא צוגאַנג צו זײַנ לעבנסגוירל האָט געפּאַסט מער פאַר אַלצ דער מ ע ט אָ ד פונ ה ו מ אָ ר.

„די הומאָריסטישע גענייט שטימונג — זאָגט נ. טשערנישעווסקי [1] — שטעלט מיט זיכ פאָר א געמיש פונ א זעלבסט־אכטונג אונ זעלבסט־אויסלאכונג, זעלבסט־פאראכטונג...

אינ יעדנ הומאָר איז פאראנ געלעכטער אונ טרויער".

שאָלעמ־אלייכעמס קינסטלעריש־אידעאָלאָגישע צילגעווענדעטקײַט באשטייט טאקע אינ דעמ, עס זאָל אויסגעדריקט ווערנ דער מאקסימומ זעלבסקריטיק באמ פאָלק אונ אינ דער זעלבער צײַט זאָל מאניפעסטירט ווערנ זײַנ זעלבסט־אכטונג, זײַנ זעלבסט־ווירדע.

„הומאָר איז א געלעכטער ניט קיינ אגרעסיווער, ווי סאטירע, נאָר א דעפרעסיווער. ער שפיגלט אָפּ דאָס באזיניקנ די ווידערשפּרוכנ, וואָס צו באזײַטיקנ זיי איז די פּערזענלעכקײַט אָנמעכטיק; דער הומאָר־געלעכטער איז א שוצ־געלעכטער, מיט וועלכנ דער באוווסטזײַנ ראטעוועט זיכ פונ פולשטענדיקער קאטאסטראָפע, פונ טראגישער פארצווייפלונג [2]).

אויכ די דאָזיקע פאָרמולירונג איז אָנגעמאָסטנ פארנ כאראקטער פונ שאָלעמ־אלייכעמס שאפנ. די געזונטע אָפּטימיסטישע נאטור פונ שאָלעמ־אלייכעמ דעמ קינסטלער האָט געפונענ אינעמ הומאָר א בליצ־אָפּווענדער פאר דער פארצווייפלונג, אינ וועלכער דעמ פאָלק אונ זײַנ בעסטנ אונ גרעסטנ שרײַבער איז ניט שווער געווענ ארײַנצופאלנ.

ס'איז נאַיוו צו מיינענ, אז שאָלעמ־אלייכעמס הומאָר איז א רעזולטאט בלויז פונ זײַנ אינדיווידועלנ טאלאנט אלס הומאָריסט. געוויס וואָלט אָנ דער דאָזיקער אײַנגעבאָרענער אונ פונ קינדווײַז אָנ געשפּירטער נייגונג צו הומאָר, צו קאָמיזמ (זע „פונעמ יאריד") בא שאָלעמ־אלייכעמענ ניט געקענט ווערנ פונ אימ קיינ שרײַבער־הומאָריסט, אָבער וויכטיקער איז דאָס, וואָס אָט די נייגונג איז פונקט צונויפגעפאלנ מיט דער צוגעפאסטקײַט פונ דער דאָזיקער אינדיווידועלער אייגנשאפט פונעמ שרײַבער צו די באדערפענישנ פונ דער ליטעראטור אינ דעמ פעריאָד, ווענ שאָלעמ־אלייכעמ איז ארופגעטראָטנ אפ דער ליטעראריש־קינסטלערישער ארענע.

אינגאנצנ צוגעפאסט פאר שאָלעמ־אלייכעמס הומאָר איז בעלינסקיס מיינונג וועגנ גאָגאָלס הומאָר:

„די אָריגינעלקײַט פונ גאָגאָלנ באשטייט אינ דער קאָמישער באגײַסטערונג, וואָס ווערט באזיגט דורכנ געפיל פונ טיפנ טרויער... די סיבע פונ דעמ דאָזיקנ קאָמיזמ [3]), פונ דער דאָזיקער קאריקאטורישקײַט פונ די שילדערונגענ באשטייט ניט אינ דער פייִקײַט אָדער גענויגטקײַט פונעמ אווטאָר צו געפינענ אינ אלצ לעכערלעכע זײַטנ, נאָר אינ דער ריכטיקײַט פונעמ לעבנ [4]).

הומאָר אונ קאָמיזמ זײַנענ ענג צוזאמענגעבונדנ. הומאָר איז אנ אקט פונ קאָמיזמ, כאָטש ער פארמאָגט אייניקע עלעמענטנ פונ ניט־קאָמישנ.

---

1) Н. Чернышевский,—Возвышенное и комическое (ж. „Под знаменем марксизма" 11, 1928).

2) В. Сретенский. Историческое введение в теорию комического. стр. 44.

3) בעלינסקי אידענטיפיצירט הומאָר אונ קאָמיזמ. וועגנ הומאָר אונ קאָמיזמ — זע ווײַטער.

4) В. Белинский. Русские повести и повести Гоголя.

„הומאָר,— זאָגט פאָלקעלט [1]),— איז די העכסטע דערגרייכונג פונעם אָביעק-טיוו-קאָמישן. ווען דער סוביעקט, וואָס אָפּערירט פרײַ מיט די קאָמישע פאָר-שטעלונגען, שטעלט זיך אין א באטראכטערישער באציִונג צו דער וועלט און דערהייבט זיך ביז צום העכסטן באגרײַפן דאָס לעבן".

גאָגאָל שטעלט קעגן איינס דעם אנדערן זײַן הומאָר און דעם אינערגעץ ניט פירנדיקן קאָמיזם; ער זאָגט:

„דער הויכער אנטציקטער געלעכטער איז ווערט צו שטיין באנאנד מיט דער הויכער לירישער באוועגונג, און א גאנצער טהאָם ליגט צווישן אים און די האוויִעס פון א באלאגאנעו-לעצ" [2]).

גאָגאָל באטאָנט די הומאנישקײַט פון הומאָר, ווען ער זאָגט, אז דער הומאָריסטי-שער געלעכטער —

„איז ניט יענער העפקערדיקער (безпутный) געלעכטער, מיט וועלכן איין מענטש לאכט אויס דעם צווייטן, וועלכער ווערט געבוירן פון ליידיקגייערי-שער פוסטקײַט, פון פרײַע צײַט, נאָר א געלעכטער, וואָס איז געבוירן פון ליבע צום מענטשן" [3]).

שאָלעם-אליינכעמס געלעכטער איז אין גרונט טיפער, געלײַטערטער הומאָר, וואָס איז קינסטלעריש-אידעאָלאָגיש אָנגעזעטיקט און ציל-געווענדט. אפילע אין די ערטער ווו שאָלעם-אליינכעם אָפּערירט מיטן אויסערלעך-קאָמישן, איז ער ניט אויסן צו צע-לאכן דעם אוילעם, צו קיצלען אים בלויז, נאָר צו כאראקטעריזירן עמעצן אָדער עפּעס. פון דער אנדערער זײַט, איז די אויסערלעכע אנטפלעקונג פונעם הומאָר אפילע אין זײַן ריינער פאָרמע — דער קאָמישער עפעקט, אף וועלכן דער לייענער רעאגירט מיט געלעכטער.

די זאפטיקײַט, קאָלאָריטפולקײַט פון שאָלעם-אליינכעמס שפּראך איז ענג צוזאמענ-געבונדן מיטן שפּראך-הומאָר, מיט וועלכן ס'שפּרודלט די פאָלק-שפּראך.

דער הומאָר אין א ליטעראריש ווערק אנטפלעקט זיך, ווי אלע קאָמפּאָנענטן פונעם ווערק, דורך דער שפּראך, אף וויפל די שפּראך איז דער פארמיטלער צווישן דעם שרײַבער און זײַנע ריידנדיקע פערסאָנאזשן מיטן לייענער. ס'זײַנען אָבער פא-ראן מאָמענטן אינעם ווערק, ווען שפּראך איז ניט בלויז א מיטל, א געוועהר אף צו איבערגעבן דאָס בילד און דעם געדאנק, נאָר זי איז אליין אן אָביעקט פון שילדערונג. מע דארף אונטערשיידן דאָס הומאָריסטישע, וואָס איז אויסגעדריקט דורך ווערטער, פונעם הומאָריסטישן, וואָס די ווערטער גופע באשאפן.

ס'קען זײַן קאָמיש א סיטואציע, אומאָפּהענגיק פון די מיטלען, דורך וועלכע זי ווערט געשילדערט.

ס'קען טרעפן, אז די סיטואציע, די האנדלונג גופע, דער געגעבענער סיוזשעט-טישער „קאדר", אזוי צו זאָגן, זאָל ניט פארמאָגן אין זיך קיין שום קאָמיזם, קיין שום הומאָריסטישן אָנווונק, אָבער די שפּראך, דער וואָרט-אויסדרוק זאָל זײַן עכט-

---

[1]) Volkelt. System der Astetik, 1910. s. 530.
[2]) Н. В. Гоголь Мертвые души, гл. VII.
[3]) Н. В. Гоголь. Авторская исповедь, 1847.

הומאָריסטיש. אין דער ערשטער רײי האָט עס א שײַכעס צו אזעלכע אנטפּלעקונגען פון הומאָר אין א קינסטלעריש ווערק, ווען די גאנצע נאטור פונעם הומאָר באשטייט אין דער ספּעציפישקײַט פון דער לעקסיק און פון דער סטרוקטור פון דער געגעבענער שפּראך, ווען, איבערגעזעצט אין אן אנדער שפּראך, ווערט דער אויסדרוק אָן די הומאָריסטישקײַט; אהער געהער, קוידעמקאָל, דער הומאָר פון היפּש אידיאָמען. דערנאָך קען מען רעכענען פאר שפּראך־הומאָר אזעלכע שפּראך־דערשײַנונגען, ווי, אשטייגער, אייניקע פיגורעלע אויסדרוקן און זייער פארהעלטעניש מיטן אייגנטלעכן באטײַט, וועלכע ווערט פארהיט אין פארשיידענע שפּראכן.

אין דעם קרײַז פון שפּראך־הומאָר דארף אײַנגעשלאָסן ווערן אויך דער דומאָריסטישער עפעקט, וואָס באקומט זיך אין רעזולטאט פון אלאָגישקײַט און פון אײַנרײַס צווישן דענקען און זײַן שפּראך־אויסדרוק אלס איינהײַט.

לאָמיר באטראכטן פון שטאנדפּונקט פון הומאָר פאָלגנדיקן טעקסט:

1) „דער גאנצער אוילעם האָט גענומען צו גלעזלעך קוואס, און איך אליין אויך מיט זיי. אויסגערעכנט, אז עס פעלט מיר א גלעזלעך צוועלף־דרײַצן געטראנק, האָב איך מיך ארײַנגעכאפּט אין הויז, דאָרט, ווו דאָס וואסער שטייט בא זיי"...

2) אָנשטאָט דער דייזשע מיט וואסער האָב איך, אפּאָנעם, געטראָפן צו דער באליע, ווו מע וואשט גרעט, און אדײַנגעפּליאָסקעט א פּופּצן־צוואנציק גלעזער צו מיר אין קרוג ארײַן, און בין אוועק אין גאס ארײַן מיט א נײַעם ניגון, וואָס איך אליין האָב צוגעטראכט:

3) „יידן, א געטראנק! טאם גאניידן!

אזא יאָר אף מיר, אף אײַך און אף אונדז ביידן" (מאָטל)[1]

דאָס איז א דורכויסיקע שטיק פון „מאָטל פּייסי דעם כאזנס". אין אספּעקט פון הומאָר ביכלאל און שפּראך־הומאָר ביפראט האָבן מיר דאָ דרײַ פארשיידענע קאטעגאָריעס:

אין ערשטן טעקסט איז ניטאָ קיין שום הומאָר. אין צווייטן טעקסט האָבן מיר שוין הומאָר, אָבער הומאָר פון סיטואציע. דער קאָמישער עפעקט ווערט דאָ ארויסגערופן ניט דורך דעם אויפן פון דערציילן וועגן דעם פאקט, נאָר דורכן געשילדערטן פאקט גופא. אין דריטן טעקסט האָבן מיר שוין הומאָר פון שפּראך. פון שפּראך דערפאר, ווײַל, ערשטנס, איז דאָ ביכלאל קיין סיטואציע ניט פאראן. קען עס ניט זײַן קיין סיטואציע־הומאָר; צווייטנס, די עקספּרעסיווקײַט פונעם ווינטשעניש קומט אין קאָנטראסט מיט דער פאקטישער זאכלאגע (דער לייענער האָט דאָך אָקאָרשט געזען, וואָס פאר א קוואס דאָ ווערט רעקלאמירט! דערצו נאָך דער גראם, וועלכער האָט ניט אין אספּעקט פון הומאָר קיין זעלבשטענדיקן באדײַט, אָבער אינעם קאָנטעקסט פונעם פאראנענעם הומאָר באקומט ער אויך א הומאָריסטישן טיקן.

אף צו אילוסטרירן אויך יענע קאטעגאָריע הומאָר, וואָס האָט א דירעקטן שײַכעס צום דענקען איז קעדײַ פארגלײַכן ביידע פריערדיקע „וואריאנטן" פון מאָטלס לידל.

---

1) קירצונגען: „מאָטל פּייסי דעם כאזנס" (מאָט.), „טעוויע דער מילכיקער" — (טעוויע), „מענאכעם־מענדל" — (ממ), „דער פארקישעפטער שנײַדער" — (פש), „צעזייט און צעשפּרייט" (צעז.).

זייַן ברודער עליע האָט צונויפגעשטעלט א געוויינלעכ רעקלאַמע־לידל:

„יידן א געטראנק! א קאָפּעקע א גלאָז!
קאַלט און זיס — א דערקוויקעניש!"...

דאָס דאָזיקע לידל איז ניט קאָמיש. מאָטלען זעט עס אויס צו „סטאַטעטשנע" און ער דרייט איבער „דעם פּאָסעק מיט די פּיס ארופ":

זיסער קוואס א גלאָז,
א קאָפּיקע א ייד,
א קוויק און א קאַלט,
א דערטרינקעניש!...

דער נייטיקער עפעקט איז דאָ דעררגרייכט פונקט אפ דעם זעלבן אופן, ווי ווען ער זאָל געוואָלט אָנטאָן די היטל אפ דער לינקער זייַט אָדער אָנטאָן איין זאָק א וויַסע, די אנדערע א רויטע...

אָט דאָס לידל פארמאָגט אפילע א שטריכ פון דירעקטן שפּראַכ־קאָמיזם (די אויסטערלישע סובסטאנטיווירונג „א קוויק", א „קאַלט"). אָבער ביט דאָס גראָד וואַרפט זיכ דאָ אין די אויגן. דער קאָמיזם נעמט זיכ דאָ אין גרונט און דעריקער פון דער אלאָגישקייַט, פון דער אינהאלטלעכער אבסורדישקייַט פון די מיטלסטע צוויי שורעס — אן און פאר זיכ („א קאָפּיקע א ייד" (!) און פון דער לעצטער שורע — אין איר פארהעלטעניש צום גאנצן לידל.

אלס אָביעקט פון פאָרשן די שפּראַכ און סטיל פונעם שרייַבער דינען פארשיידענע שפּראַכ־מיטלען, מיט וועלכע ער שילדערט די פערסאָנאַזשן, די סוויווע, די אינדיווידועלע רייד פון די פערסאָנאַזשן; אויכ די צוזעפאסטקייַט פון די אָדער יענע לעקסישע עלעמענטן און פונעם סינטאקסישן בוי פארן ווערק, אינגאנצן גענומען, און פאר דער רייד פון די פערסאָנאַזשן א. אז. וו. אומאָפּהענגיק פון דער שטימונג, וואָס דאָס אָדער יענץ שפּראַכ־מיטל רופט ארויס באם לייענער.

הומאָריסטישע שפּראַכ־מיטלען דאָס איז איינע פון די קאַטעגאָריעס אינעם גאנצן סכום פארשיידענע שפּראַכ־מיטלען באם שרייַבער. דאָס איז אזעלכע שפּראַכ־אייַנפאלן, וואָס צעשטערן די אָנגענומענע שפּראַכ־נאָרמעס, אָדער זייַנען געבויט אפ אן אייַנרייַס מיטן דענקען. אהער געהערן אויכ, ווי געזאָגט, די פארשיידענע אנטפלעקונגען פון אלאָגישקייַט, אפ וויפל זיי ווערן פארקערפּערט אין שפּראַכ. בלויז אזעלכע שפּראַכ־דערשייַנונגען אינטערעסירן אונדז אין דער פאָרגעלייגטער ארבעט.

אין דער ארבעט באטראכט איכ שאָלעם־אלייכעמס שפּראַכ־הומאָר לויט אזעלכע אנטפלעקונגען זייַנע:

1) שפּראַכ־דערשייַנונגען, וואָס שפּיגלען אָפּ אלאָגישקייַט אינעם דענקען;
2) צווייַדייַטיקייַט און אנדערע שפּראַכ־דערשייַנונגען, וואָס דריקן אויס ניט קלאָר דעם געדאנק;
3) באריידעוודיקייַט, ריידפארשווענדונג, פאראזיטיזמען אין דער רייד;
4) שפּראַכ־דערשייַנונגען אפ דער ליניע פון בילדערישקייַט, פון די עקספרעסיוו־מיטלען;

5) שפּראַך־דערשײַנונגען, וואָס צעשטערן די אָנגענומענע ליטעראַרישע נאָר־מעס — אַן איבערפֿלעכט פֿון פֿאַרשיידענע רייד־סטיכייעס;

6) שפּראַך־דערשײַנונגען, וואָס באַזירן זיך אויף ניט־ווילנדיקן אָדער בכּיוונדיקן וואָרט־קריפּל און אויף קלאַנגען־שפּיל.

## II. שפּראַך־הומאָר פֿון אַלאָגישקייט

ס'איז פֿאַראַן אַזאַ שפּראַך־הומאָר, וואָס איז דירעקט געבונדן מיט דער קאָנסעקווענטקייט אינעם דענקען און אין דער שפּראַכלעכער אַנטפּלעקונג זײַנער.

אַמאָל ברענגט דערצו דאָס וועלן אַרגומענטירן אַ פֿאַלשע באַהויפּטונג; דער רייד־דער קריכט פֿון דער הויט אויף צו „דערווײַזן" זײַן גערעכטיקייט און באַמערקט גאָר ניט, ווי די דערווײַזן, וואָס ער האַלט אָן איינס אויפֿן אַנדערן, וואַלגערן אום איינער דעם אַנדערן:

„זאָג איך: „ווי קומט צו מיר אַ שטשערבאַטע טעפּל, אַז איר האָט בײַ מיר גענומען אַ גאַנץ טעפּל?" זאָגט זי: „שאַט, שרײַט ניט אַזוי, מע ווערט פֿון אײַך ניט גליקלעך! ערשטנס, האָב איך אײַך אָפּגעגעבן אַ גאַנץ טעפּל, צווייטנס, אַז איך האָב בײַ אײַך גענומען דאָס טעפּל, איז דאָס געווען אַן אָנגעשטשערבעט טעפּל; און דריטנס, האָב איך בײַ אײַך קיינמאָל ניט גענומען קיין טעפּל" (דאָס טעפּל).

אַמאָל איז די אַלאָגישקייט אַ רעזולטאַט פֿון וועלן פּאַראַוואַלירן אָדער פֿאַרמילדערן אַ שאַרפֿן אויסדרוק, אַ בייזע מאַכשאָווע.

א) „איך וויל אים ניט שעלטן, אַ קאַזאַרמע זאָל אויף אים (אויף פֿעדאָצערן) אײַנפֿאַלן!" (טעוויע).

ב) „די גויִרים, איך וויל אויף זיי קיין שלעכטס ניט ריידן, נאָר עס מעג אויף זיי קומען אַ גוטע כאָליערע" (ממ).

פֿריִער גייט די אַלגעמיינע האַנאָכע, וואָס דינט ווי אַ מין רויך־שלייער פֿאַר דער צווייטער טייל־פֿראַזע, פֿאַרן אויסדרוק פֿון טעוויעס עמעסן געפֿיל צו זײַן „לייטישן" איידעם, אָדער פֿון מענאַכעם־מענדלס באַציִונג צו די גויִרים אין אַ באַשטימטן מאָמענט, און ביידע טיילן זײַנען לויטן אינהאַלט קעגנזעצלעך צווישן זיך.

אויף דער ליניע פֿון צעשטערן דעם לאָגישן גאַנג פֿונעם דענקען און ריידן געפֿינט זיך אויך פֿאָלגנדיקער מאָמענט:

דער גוויר פֿרעגט טעוויען, וויפֿל וועט ער זיך הייסן באַצאָלן פֿאַר ברענגען די ווײַבער. טעוויע האָט אַ יִשעוו מיט זיך אַליין:

„זאָל איך זאָגן אַ קערבל, איז צו ווייניק, אפֿשר קען מען נעמען צוויי? זאָל איך זאָגן צוויי, האָב איך מוירע, טאָמער קוקן זיי מיך אָן ווי אַ משוגענעם: פֿאַרוואָס קומט דאָ צוויי קערבן?"

אַלץ איז צוגעגרייט דערצו, אַז צוויי רובל — דאָס איז דער מאַקסימום, וואָס טעוויע וואַקלט זיך נאָך אים צו פֿאָדערן, און פּלוצעם קומט דער אויספֿיר, וואָס צעשטערט דעם קאָנסעקווענטן גאַנג פֿון לאָגישן דענקען: „— אַ דרײַערל!"

ניט אין דער טעווע פֿון לאָגישער רייד, פֿון ענטפֿערן „צו דער זאַך" איז דער פּוסטער, גאָרנישט ניט זאָגנדיקער ענטפֿער, ווען איינער מאַכט אַן אָנשטעל אויף צו

דערקלערן עפּעס, וואָס ער וויל ניט, אָדער וואָס ער איז ניט אימשטאַנד צו דער־קלערן:

א) „— נאָכ עפּעס ווײַט? פרעגן זיי מיכ. — נעענטער, זאָג איכ, ווי פונ דאַנען אוואַדע ניט" (טעוויע).

ב) „מע דאַרפ אהינ פאָרנ און פאָרנ אַזוי לאַנג, ביז מע קומט" (מאָטל).

דער קאָמישער עפעקט באַקומט זיכ פונעם לאָגישנ אײַנרײַס צווישנ דער ערשטער טייל פראַזע און דער אַנדערער: נאָכ דער ערשטער טייל איז דער לייענער (צוהער־רער) צוגעגרייט אַפּ צו באַקומענ אַ קאָנקרעטע דערקלערונג וועגנ אַ באַשטימטער צאָל, און לאָזנ לאָזט זיכ אויס, אַז דאָס ווײַטער געזאָגטע איז ניט מער ווי אַ גאָר־נישט ניט זאָגנדיקע אַלגעמיינע באַהויפּטונג, וואָס גיט ניט פאַקטיש קיינ שום ענט־פער און דערקלערט גאָרנישט ניט.

אַ שמייכל רופט אַרויס די אַלאָגישקײַט אינ מאָטלס נאַיוונ פּרווו אויסצומעלדע־וועגנ יוינע דעמ בעקערס בעקערײַ אינ אַמעריקע:

„אַז איר וועט גיינ אַפּ עסיקס סטריט, וועט איר דערזענ אָנגעשריבנ אַפּ אַ פענצטער מיט גרויסע אויסיעס אַפּ ייִדיש: בעקאַנ פאַרקויפט מענ היימישע קנישעס — זאָלט איר וויסנ, אַז דאָס איז אונדזער מעכוטנ... יוינע דער בע־קער. און טאָמער וועט איר ווענ טאַקע אַפּ דער אייגענער סטריט, אַקוראַט אַקעגנ אויכ אַ ייִדישנ אויפשריפט און אויכ מיט גרויסע אויסיעס: בעקאַנ... קנישעס זאָלט איר וויסנ אַז דאָס איז שוינ ניט אונדזער מעכוטנ יוינע דער בעקער. דאָס האָט מענ שוינ געמאַכט אימ אַ קאָנקורענציע" (מאָטל).

די אַלאָגישקײַט באַשטייט דאָ אינ דעמ, וואָס אַלס מיטל צו געפינענ יוינע דעמ בעקערס „קאָנקורענציע" דינענ פונקט די זעלבע קאָנקרעטע סימאָנים, וואָס אַפּ צו דערקענענ יוינעס קראָמ. און דער „אַקוראַט אַקעגנ" בלײַבט אומפּראָדוקטיוו, וואָרעמ לויט דעמ דאָזיקנ „אויסמעלדעוועג" וועט זײַנ אומעגלעכ פעסטצושטעלנ, וועלכע בע־קערײַ איז יוינעס און וועלכע זײַנ קאָנקורענטס.

שפּראַכלעכער שאַרפזינ שטעקט אינעמ אײַנרײַס צווישנ דער לאָגישער באַשטענ־דיקער פונקציע פונעם וואָרט אָדער אויסדרוק מיט זײַנ קאָנקרעטנ ניט פּאַסיקנ אָנ־ווענד באַמ געגעבענעמ פּערסאָנאַזש אינ דער געגעבענער סיטואַציע.

אַשטייגער, דער שטענדיקער באַטײַט פונ די ווערטער „מאַכט ניט אויס", „אַבי" אינ זייער קאָנקרעטער אָנווענד אינ דער רעפּליק:

„אויב, זאָג איכ, אַ באָרשטש, איז מאַ־טויוו, עלעניט־מאַכט ניט אויס, זאָג איכ, קנישעס אָדער קרעפּלעכ, מאָנשקעס, צאָרעס־קנייד־לעכ, צי עפּשער גאָר, זאָג איכ, בלינצעס, ווערטליקעס, ווערטוטנ. עס מעג זײַנ, זאָז איכ, מער מיט אַ געריכט, — אַבי גיכ" (טעוויע).

אַלפּיסייכל איז „קנישעס" אָדער קרעפּלעכ, מאָנשקעס, צאָרעס־קניידלעכ... בלינ־צעס, ווערטליקעס, ווערטוטנ אַ העכערע מאַדרייגע פונ אַ באָרשטש, און דאָ באַקומט זיכ פונקט פאַרקערט: אַ באָרשטש איז אוואַדע גוט, נאָר אויב ניט איז כאָטש קנישעס א. אַז. וו. דאָס איז אַ שפּיל אַפּ קוואַליטעט — וואָס איז בעסער און וואָס איז ערגער. דאָ קאָנ נאָכ זײַנ אַלערליי געשמאַקנ: עפּשער האָט עמעצער ליב אַ באָרשטש בעסער ווי ווערטוטנ. אָבער אָט גייט ווײַטער די שפּיל איבער אינ קוואַנ־

טיטאטיווע קאטעגאָריעס, ווו קיין אינדיווידועלער געשמאַק איז שוין געוויס ניט שײַעך, און אויך דאָ האָבן מיר דעם זעלבן אײַנרײַס און דערפון — דעם קאָמישן עפעקט.
„מ ע ר מיט א געריכט, אבי גיך", טראָצ דער געוויינלעכער אופאכונג פון נאָכגיביקײַט, ווו מע איז מעוואַטער אפ איין זאך צוליב א צווייטער!

שאָלעם־אליײכעמ גיט אמאָל א שפיל אפ אלאָגישקײַט אינעם באַנוצן סינאָנימישע גרופעס, צ. ב.:

„מעלקן מעלקט זי זיך, נאָר קיין מילך גיט זי ניט" (טעוויע).

פסיכאָלאָגיש איז די דאָזיקע רעפליק באַרעכטיקט פאַר דער גווירנטע, וואָס וויל פארדעקן אָדער פארמילדערן די אומנוציקײַט פון דער מאַטאָנע: זי זאָגט טעוויען, אז די מאָורע בעהיימע, וואָס זי שענקט אים, מעלקט זיך ניט, נאָר אזויווי דאָס קלינגט זייער שאַרף און קען איינגאַנצן אנטוישן דעם איבעראַשטן טעוויען, פאַר־כאַפּט זי זיך גלײַך מיטן „דאָס הייסט", אין דעם זעלביקן געדאַנק דריקט זי אויס מיטן „קיין מילך גיט זי ניט", וואָס קען מאַכן אַן אײַנדרוק פון צײַטווײַליקן צופאַל בא דער בעהיימע, ניט פון א שטענדיקער טעווע אירער.

אפן אלאָגישן קעגנשטעלן א פּראַט דעם קלאַל איז געבויט דער שפּראַך־קאָמיזם אין פאָלגנדיקער רעפליק:

„א מענטש, זאָג איך, איז געגליכן צו א ס ט אָ ל י ע ר: א ס ט אָ ל י ע ר לעבט און לעבט און שטאַרבט, און א מענטש לעבט און שטאַרבט" (טעוויע).

שוין אין דער ערשטער טייל פּראַזע איז פאַראַן קאָמיזם: א סטאָליער (א ו י ך א מענטש) איז קעגנגעשטעלט א מענטשן ביכלאַל: אָבער דער לייענער דערוואַרט נאָך פאַרט עפּעס אַן אונטערשייד, וואָס דרינגט אַרויס פון דער כאַראַקטעריסטיק סטאָליערישער ספּעציפיק. צום סאָף קומט ווידער אַן אלגעמיינער שטריך: די שטערבלעכקײַט פון מענטש און פון סטאָליער.

מעכאַנישע אָנווענדונג פון שטאַמפּירטע אויסדרוקן פירן צו קאָמישן עפעקט אויך אין די אָנהייבן פון שיינע־שיינדלס בריוו:

„ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זײַנען גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן, צווייטנס, שרײַב איך דיר, אז ס'האָט זיך מיר ווידער אָנגערופן די אמאָליקע ספּאַזמע".

דער אָנהייב פון דער בריוו איז פאַר שיינע־שיינדלען שוין אויסגעהוילט פון יעטווידן אינהאַלט; דאָס איז א פאָרמע, א סטערעאָטיפּ, וואָס קומט אומפאַרענדער־לעך אין יעטווידן בריוו, אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס ווײַטער וועט געשריבן ווערן, אפילע פונקט דאָס פאַרקערטע, ווי ס'איז צו זען פון די דאָזיקע בריוו. מעכאַניש איז אויך דער שלום פון שיינע־שיינדלס בריוו:

זי פילט גאָר ניט, אז נאָרוואָס, אין דער זעלבער פּראַזע האָט זי געשריבן אזעלכס, וואָס, געבונדן מיט דער שלום־פּראַזע, ווערט עס פאַרוואַנדלט אין א קלאָלע.

„ווער סע שטויסט זיך ניט אליין, דעם גיט מען אין זײַט אַרײַן, ווי עס ווינטשט דיר פון טיפן האַרצן דײַן בעטעמעס געטרײַע פרוי שיינע־שיינדל" א. ד. גל.

אָט איז נאָך מעכאַנישע אָנווענדונג פון פּראַזעאָלאָגיע, ניט געקוקט אפ א לאָגי־שער ווידערשפּרעכיקײַט:

„געשטאָרבנ זאָל לעבנ, זאָג איכ, גאָלדע! מיר וועלנ אַלע, זאָג איכ, שטאַרבנ" (טעוויע).

דאָס זעלבע קאָנ פּאָרקומענ אויכ מיט ניט־פּראָזעאָלאָגישע קאַטעגאָריעס:

„ביסטו געשטאָרבנ — שרײַב, עלע דו לעבסט נאָכ, באַדאַרפסטו דאָכ אוודאי שרײַבנ" (ממ).

אָט גייט שיינע־שיינדל אַרײַנ „אינ טראַנס", זי איז אויפגעבראַכט, אַלעמײַ מענאַכעמ־מענדל האָט גענומענ א וועקסל באַמ פעטער מענאַשע אָנשטאָט געלט, זי מוז דאָכ אָבער עס אויסדריקנ אפ איר שטייגער מיט א יאָדערדיק וואָרט, שרײַט זי אויס פאַרביטערט:

„וועקסעלעכ וואָלט איכ באַ אימ גענומענ! קרענק וואָלט איכ באַ אימ נעמענ! קאַדאָכעס אפ פינפ כאַדאָשימ!" (ממ).

אונ זי באַמערקט דערבײַ ניט, אז זי שעלט זיכ אַליינ.

קאָמיזמ פונ אַלאָגישער מעכאַנישקײַט איז פאַראַנ אויכ אינ פאָלגנדיקנ אויסדרוק:

„דאָרט איז געזעסנ איינער א גוויר א גרויסער פונ יעהופּעצ, א מיליאָנטשיק פונ אוודאי א מייע עלפ קאַרבנ אונ עפּשער פונ רייש אַלאָפימ" (טעוויע).

„א מיליאָנטשיק" איז באַ טעוויען א סינאָנימ צו „גוויר", „נאָגיד" — אַנ אייגנטימער פונ אַסאַכ געלט. באַ טעוויען דעמ קאַפּצנ איז אַלציינס פאַנטאַסטיש די סומע „מייע עלעפ" (הונדערט טויזנט), רייש אַלאָפימ (צוויי הונדערט טויזנט) אונ א מיליאָנ, אונ ס׳גייט אימ ניט אָנ, וואָס, א מענטש, וואָס פאַרמאָגט בלויז הונדערט — צוויי הונדערט טויזנט רובל איז לאָגיש גענומענ, ניט קיינ מיליאָנער.

אַמאָל איז דער שפּראַכ־קאָמיזמ געבויט אפ פּאַראַדאָקסאַלער שפּיל מיט א וואָרט.

1. „קומט צו א מענטש מיט א פּראַק אונ הייסט, מע זאָל הייסנ געבנ מאָראָזשענע" (ממ).

דאָ ווערט אויפגעדעקט די נעבעכדיקײַט פונעמ לופטמענטשנ מענאַכעמ־מענדל, וואָס זײַנ „באַפעלנ" געבנ מאָראָזשענע איז א געצווונגענע, אז ער טוט עס ניט פאַר טײַנעג, נאָר צוליב „פּאַרנאָסע".

2. „צווייטנס שרײַב איכ דיר, אז איכ האָב דיר ניט וואָס צו שרײַבנ" (ממ).

די געשעפטנ באַ אימ גייענ אַזוי שלימאַזלדיק, אז אַפילע אימ, דעמ פאַנטאַזיאָר, פעלט אויס ווערטער אפ צו פאַרגלעטנ די אויסגאַנגלאָזיקײַט פונ זײַנ לאַגע.

3. אינגאַנצנ פּאַראַדאָקסאַל איז פאָלגנדיקער שפּריכוואָרט, וואָס שיינע־שיינדל ברענגט פונ איר מאַמענ:

„פונ אַלע מילכיקע מײַכאָלימ איז דאָס בעסטע א שטיקל פלייש" (ממ).

ס׳איז לאָגיש צו זאָגנ: פונ אַלע מילכיקע מײַכאָלימ איז דאָס בעסטע, לאָמיר זאָגנ, ווערטוטנ. דאָ אָבער, אינ שפּריכוואָרט, איז אַלס פּראַט פונעמ זאַמלנאָמענ „מילכיקס" גאָר אָנגעגעבנ... א שטיקל פלייש, ד. ה. אַזא געגנשטאַנד, וואָס ליגט אויסער דער קאַטעגאָריע „מילכיקס".

אינ שאָלעמ־אַלייכעמס ווערק טרעפט זיכ אַמאָל דער טיפּ שפּראַכ־הומאָר, ווענ דער אָדער יענער פּערסאָנאַזש פּלאָנטערט איבער — מערסטנטייל באַוווּסטזיניק — די

אָרדענונג פונ די ווערטער אונ ווערטער־גרופעס, אונ ס'באקומט זיכ דערפונ אלאָגישקייַט מיט שפראכ־קאָמיזמ, וואָס די דאָזיקע אלאָגישקייַט רופט ארויס.

דעמ עקספאנסיוונ פיניענ „טראָגט" קיינ לאָנדאָנ. עס ציט אימ, זאָגט ער, קיינ לאָנדאָנ. לאָנדאָנ, זאָגט ער, שמעקט שוינ מיט אמעריקע: ענגלענדער... געלע האָר... קעסטלדיקע הויזנ... ס'איז גאָר אנ אנדער וועלט!"...

מאָטלס שוועגערנ בראָכע, וואָס לאכט שטענדיק בייז אויס פיניעס היספּייַלעס אונ דאָס, פונ וואָס ער ווערט ניספּאָעל, וויל אויכ איצט אָפּשפּעטנ פונ דעמ, פונ וואָס פיניע האָט נאָר וואָס אָנגעקוועלט, פונ די ענגלענדער. נאָר זי ווייסט ניט די שוואכע ערטער פונ די ענגלענדער, — געפינט זי (מיט שאָלעמ־אלייכעמס הילפ, פארשטייט זיכ) א מיטל — זי פארבייַט די אָנגעהעריקע ווערטער פונ די ווערטער־פּאָרנ מיט וועלכע ס'האָט אָפּערירט פיניע:

— „פאָר־זשע דיר געזונטערהייט צו דייַנע ענגלענדער מיט די קעסטל־דיקע האָר אונ מיט די געלע הויזנ"...

צו דער קאטעגאָריע שפראכ־פלאָנטער דארפ מענ צורעכענענ פאָלגנדיקנ פאל: מענאכעמ־מענדל באשרייַבט פאר שיינע־שיינדלענ די אופירעכצ פונ די יעהופּעצער שפּעגעליאנטנ, צווישנ אנדערע — אויכ די געשלעכטלעכע זיטנ זייערע:

... „אונ דאָס ווייַב פונ יענעמס מאנ פארליבט זיכ אינ יענערס ווייַבס מאנס ווייַב, איכ מיינ, אינ יענעמס ווייַבס מאנ מע פארבייַט זיכ מיט די יאָצרעס, שעלי שעלאָכ, ווּעשעלאָכ שעלי" (ממ).

גאָר אינטערעסאנטער שפראכ־הומאָר באקומט זיכ אינ דער פּראָזע, ווו טעוויע שטעלט פאָר זייַנ ווייַב גאָלדע:

„מייַנ אלטע איז קיינאייַנאָרע אזא באלעבאָסטע, אז פונ גאָרניט בראָקט זי לאָקשנ, פונ פינגער קאָכט זי זאטירקעס, מיט ניסימ מאכט זי שאבּעס אונ מיט בוכענצעס לייגט זי די קינדער שלאָפנ..." (טעוויע).

דער שפראכ־הומאָר איז דאָ אויסגעדריקט דורכ פארשיידענע מיטלענ: מיר האָבנ דאָ אנ איבערפלעכט פונ אלאָגיזמ („פונ גאָרניט בראָקט זי לאָקשנ, פונ פינגער קאָכט זי זאטירקעס"), קאלאמבור אפ דער פילבאטייַטיקער אָנווענדונג פונ דער פרעפּאָזיציע „מיט" אונ אפ דער אידיאָמאטישקייַט פונ אויסדרוק „מיט ניסימ" („מיט ניסימ מאכט זי שאבּעס אונ מיט בוכענצעס לייגט זי די קינדער שלאָפנ").

א מינ לאָגישע קאָנטאָמינאציע שטעלט מיט זיכ פאָר דער קאָמיזמ פונ פאָלגנ־דיקנ אויסדרוק:

... „שטארבנ פונ הונגער דרייַ מאָל אינ טאָג כוצ וועטשערע" (טעוויע).

די קאָנטאָמינאציע באקומט זיכ איבער דער אסאָציאציע מיטנ אינהאלטלעכ־קעגנזעצלעכנ אויסדרוק:

„עסנ דרייַ מאָל א טאָג כוצ וועטשערע".

אינ דער מערהייַט פאלנ פונ שפראכ־הומאָר פונ אלאָגיזמ ווערט אנטפּלעקט דע־דיקער די צעטומלטקייַט פונעמ לופטמענטש, פונעמ דערשלאָגענעמ האָרעפּאשניק, פונ דער פארביטערטער יידענע, זייער שמייַענ אונ האווענ אינ קאמפ פאר עקזיסטענצ, אינ טרוימ ווענג — זאָל זייַנ כאָטש באשיידענעמ — ווּוילשטאנד; אמאָל אויכ — א פּרווו צו פארמאסקירנ א ליגנ אָדער צו פארשלייערנ אנ אומאנגענעמענעמ פאקט. דאָ

ווערט אויך אָפּגעשפּיגלט די פּיקבעס פֿונעם געזונטן פֿאָלקס־מענטשן (טעוויע), זײַן טעווע צו אָפּשטופּן די ביטערע אויסקומעניש מיט א שפּאס, מיט א פּאראדאָקסאַלן ווערטשפּיל.

## III. שפּראַך־הומאָר פֿון צווייִדײַטיקייט

ס'רעדן צווישן זיך צוויי מענטשן. ביידן דאכט זיך, אז זיי ריידן פֿון איין זאך, אָבער אינדערעמעסן ריידן זיי פֿון פֿארשיידענע זאכן. די איליוזיע, אז זיי ריידן וועגן איינער און דער זעלבער זאך דויערט אזוי לאנג, קאָלזמאַנ דאָס, וואָס יעדער פֿון זיי זאָגט, האָט א שײַכעס צו דעם, וואָס יעדער פֿון זיי מיינט. ווי נאָר אָבער עמעצער פֿון זיי רירט אָן א פּונקט, וואָס איז שײַעך בלויז צו זײַן אָביעקט און וואָס קלינגט אבסורדיש פֿארן אָביעקט פֿון צווייטנס רייד, — ווערט פֿאר ביידן קלאָר די מיספֿארשטייעניש, און פֿארן לייענער אָדער צוהערער, אמאָל אויך פֿאר די מיט־שפּרעכער גופֿא, באקומט זיך א קאָמישער אופּרײַס. דער דאָזיקער טיפּ קאָמיזם טראָגט דעם נאָמען qui pro quo, בא ייִדן אין דער אומגאנג־שפּראַך רופֿט מען עס „א טויבע מײַסע". די מיספֿארשטייעניש איז אָפּט א רעזולטאט דערפֿון, וואָס בא יעדן פֿון די מיטשפּרעכער איז אן אנדער אידיי־פֿיקס, און ער איז דעריבער גענייגט צו רעכענען, אז ס'האָט א שײַכעס צו זײַן אידיי, אפֿילע אזעלכע זאכן, וואָס דער צווייטער באציט עס צו עפּעס אנדערש.

קאָמיזם פֿון אָט דעם טיפּ טרעפֿן מיר בא שאָלעם־אליכעמען ניט זעלטן.

טעוויע גייט צו לייזער־וואָלף דעם קאצעוו. עפּעס האָט אים דער קאצעוו גערופֿן צו זיך, און טעוויע איז כוישעד, אז יענער וויל בא אים קויפֿן די בעהיימע. לייזער־וואָלף, פֿון זײַן זײַט, האָט גאָר אין זינען טעוויעס טאָכטער צייטל, ער רעדט מיט טעוויען אפּן וווּנק, זײַענדיק זיכער, אז אויך טעוויע מיינט מיט אים א שידעך טאָן. לייזער־וואָלף זאָגט, אז ער האָט געוואָרפֿן אן אויג, נאָר טעוויע מיינט, אז ער ווייסט; אפּ וואָס לייזער־וואָלף האָט געוואָרפֿן אן אויג, זאָגט ער, אז „ס'וועט ניט גיינ"; פֿרעגט לייזער־וואָלף: פֿארוואָס? זאָגט טעוויע, אז ער האָט נאָך צײַט... לייזער־וואָלף רעדט אים צו, זאָגט, אז זי איז בא טעוויען ניט איינ־און־איינציקע, מיינען־דיק, פֿארשטייט זיך, צייטלען. אָבער אויך בעהיימעס האָט טעוויע מער פֿון איינער, איז אים נאָך אלץ ניט קאָשע. כידעשן הייבט ער זיך אָן ערשט, ווען לייזער־וואָלף זאָגט אים: עפּעס ווערן מיר דאָך שטיקלעך מעכוטאָנים, הא? און ס'הייבט ביסלעך ווײַז אָן זיך אויסקלאָרן די מיספֿארשטייעניש:

„— וואָס פֿאר א מעכוטאָנעשאפֿט?

— געוויינטלעך, מעכוטאָנים!

— וואָס מיינט איר, רעב לייזער־וואָלף, פֿון וואָס רעדן מיר?

אדעראבע, זאָגט שוין איר, רעב טעוויע, פֿון וואָס רעדן מיר?

— וואָס הייסט, מיר רעדן דאָך פֿון דער מאורע בעהיימע מײַנע, וואָס איר ווילט בא מיר קויפֿן!

— כא־כא־כא! ס'איז נישקאָשע פֿון א בעהיימע, און נאָך א מאורע דערצו. כא־כא־כא!

— וואָס־זשע דענ האָט איר געמיינט, רעב לייזער־וואָלף ? אדעדאבע זאָגט, וועל איכ אויכ לאכנ".

אונ דאָ ווערט אינגאנצנ קלאָר די מיספארשטייעניש :

— „פונ אייער טאָכטער... פונ אייער צייטלענ רעדנ מיר דאָכ די גאנצע צייט !"...

דאָ, ווי אינ דער מערהייט פאלנ, העלפט מיט דער „טויבער מייסע" דאָס ניט אָנ־רופנ דעמ אָביעקט פונ דער רייד בא זיינ קאָנקרעטנ נאָמענ.

אמאָל קומט דער qui pro quo איבערנ נוצנ אָנשטאָט דעמ קאָנקרעטנ נאָמענ פונ דער זאכ, וועגנ וועלכער מע רעדט, אנ אומבאשטימטע אָנרופונג, עפעס א מע־טאפאָר, וואָס קענ זיכ באציִענ צו אנדערע געגנשטאנדנ אויכ, אָדער — נאָכ מער — קענ אופגענומענ ווערנ אינעמ אייגנטלעכנ זינענ פונ דעמ דאָזיקנ וואָרט, באזונדערס, ווענ דאָס דאָזיקע וואָרט דריקט אויס זיינ בוכשטעבלעכנ טייטש.

אראָנטשיק, וואָס האָט פארפירט טעוויעס טאָכטער שפרינצע, ווארפט זי אוועק, טעוויע ווייסט נאָכ דערפונ ניט. ס'קומט צופאָרנ אראָנטשיקס פעטער אונ רופט צו זיכ טעוויענ. ער וויל זיכ אויסקויפנ פונ טעוויענ : ער האָט מוירע, טעוויע זאָל ניט מאכנ קיינ סקאנדאל פאר דער פארפירטער טאָכטער. גייט ער צו צו אימ מיט אונטערשיסעלעכ, מיט אָנצוהערעניש :

„ — וויפל וועט אונדז קאָסטנ ארומ אונ ארומ די כאסענע ?"

מיטנ וואָרט „כאסענע" מיינט דער גוויר דאָס פארשוויי‌גנ די מייסע פונ אראָנ־טשיק־שפרינצעס ראָמאנ. אָבער טעוויע איז פונ קיינ זאכ ניט כוישעד, נעמט ער אופ דאָס וואָרט „כאסענע" בוכשטעבלעכ, ענטפערט ער לעפי־טומוי :

„ — עס ווענדט זיכ וואָס פאר א כאסענע איר מיינט : אויב איר מיינט א גרויסארטיקע כאסענע, ווי אייכ שטייט אָנ, בינ איכ ניט אימשטאנד".

דער גוויר ווערט דערשטוינט פונ אזא אויפנ פונ אופנעמענ דאָס וואָרט „כא־סענע", וואָס איז בא אימ אינ מויל געווענ ניט מער, ווי א וואָרט אפ צו פארלייגנ א פוסט אָרט, אפ צו ניט אָנרופנ קיינ ניט־איינגענעמע זאכנ. דערציילט טעוויע :

שטעלט ער אָנ אפ מיר א פאָר איינאָימ אונ מאכט צו מיר אזוי : אָדער איר מאכט זיכ טאמעוואטע, אָדער איר זיינט טאקע א טאמ..."

אנ אנאלאָגישע מיספארשטייעניש ווערט געשילדערט אינ „נייקאסרילעווקע". באנאכט ווערט א פאניק : מע האָט עמעצנ באגאנוועט, אונ די גאנצע גאס איז אופ. מע רעדט פונ גאזלאָנימ, וואָס האָבנ זיכ זאנאדעט אינ שטאָט.

„ — נא דיר גאָר גאזלאָנימ, טאָמער איז קארג !

כאפט זיי ! כאפט זיי ! כאפט זיי ! — הערט זיכ פלוצעמ פונ דרויסנ א קאָל פונ א נעקייווע. א געלויפ מיט א קלאפעריי פונ אסאכ מענטשנ : — כאפט זיי ! כאפט זיי !

— געכאפט ! איינעמ געכאפט ! צוויי געכאפט !..." .

אָנגעעלעקטריזירטע פונעמ אָקאָרשטנ שמועס וועגנ די גאזלאָנימ, זיינענ אלע זיכער, אז געכאפט האָט מענ די גאזלאָנימ — וועמענ זשע ! אונ וואָס ווייזט זיכ ארויס ? — מ'האָט טאקע געכאפט... אונ געבינדנ... אלע דריי... אָבער ניט קיינ גאז־לאָנימ, נאָר... אינדיקעס, וואָס זיינענ גראָד די נאכט אנטלאָפנ.

צווײדײַטיקײַט באַקומט זיך אויך פֿון אַ מיספֿאַרשטייעניש, וואָס קומט פֿאָר איבערן ניצן אַ פֿראַנאָם אָנשטאָט דעם קאָנקרעטן נאָמען אָדער באַנאַנד מיט אים, ווען דער מיטשפּרעכער פֿאַרשטייט אונטערן פֿראָנאָם אַ מענטשן.

מענאַכעם־מענדל שרײַבט שיינע־שיינדלען וועגן זײַן נײַער, „בעקאָוועדיקער פּאַרנאָסע" — ער איז געוואָרן אַ שרײַבער, אַז זי, די רעדאַקציע, ליגט אים פֿאַר שרײַבן:

„— איאָ אַן איידלקײַט פֿון אַ רעדאַקציע? קאָן מען דאָך שוין אַזוי גראָב ניט זײַן און ניט אָפּלייגן אַף מאָרגן. האָב איך אויסגעטאָן די קאַפּאָטע און איך האָב מיך אָוועקגעזעצט און איך שרײַב איר..."

שיינע־שיינדל פֿאַרשטײַט ניט, וואָס איז דאָס אַזוינס „רעדאַקציע", דאָס וואָרט „זי" גרילצט איר אויך אין אויער (עפּעס אַ פֿרעמדע „זי" בײַ מענאַכעם־מענדלען!), מיינט זי, אַז דאָס איז אַ פֿרוי, שרײַבט זי אין גרויס אופּגעבראַכטקײַט:

„— ווער איז דאָס דאַרטן אָט די יעפּייפע דײַנע, וואָס דו האָסט אויס־געטאָן צוליב איר די קאַפּאָטע און ביסט געוואָרן מיט איר קוצעניר־מוצעניו?"

אין דער פֿלאַך פֿון צווײדײַטיקײַט ליגט אויך דער שפּראַך־הומאָר פֿון דער פֿאַר־העלטעניש צווישן אייגנטלעכן און פֿיגורעלן אין דער שפּראַך.

אין דער פֿראַזעאָלאָגיע, אין דער אידיאָמאַטיק פֿון דער פֿאָלקס־שפּראַך איז פֿאַראַן אָן שיר פֿיגורעלע אויסדרוקן, וואָס די דעשיפֿרירונג פֿון די באַזונדערע ווערטער זייערע גיט אין סכום גאָר אַנדערע באַטײַטן, איידער דער גאַנצער אויסדרוק — צומאָל גאַנץ אַבסורדישע באַטײַטן. דער ריידער נוצט די דאָזיקע אידיאָמען אַלס אויסדריקער פֿון אַ גאַנצן אומצערטײלבאַרן באַגריף און טראַכט אפֿילו ניט וועגן דעם טײַטש פֿון די באַזונדערע ווערטער. אָבער ווען אַזאַ פֿיגורעלן אויסדרוק הערט אַ מענטש, וואָס ווייסט ניט פֿון אָט דעם אידיאָם, נעמט ער אים אויף אין אייגנטלעכן באַטײַט פֿון די באַזונדערע ווערטער, און ס'באַקומט זיך דערפֿון אַ קאָמישע מיס־פֿאַרשטייעניש. באַזונדערס אָפֿט טרעפֿט עס מיט קינדער, וואָס דענקען בילדעריש־קאָנקרעט.

דער אײַנדרוקפֿולער, קינסטלעריש־באַגאַבטער מאָטל כאַפּט אָפּטמאָל אויף אין די רייד פֿון די דערוואַקסענע עפּעס אַן אויסדרוק, וואָס קלינגט אים מעשונע ווילד. מאָטל דערציילט:

„דאָ, אַז עמעצער דערציילט אַזעלכע מײַסעס, זאָגט מען אויף אים, אַז ער „האַקט אַ טשײַניק", אָדער אַז ער „בלאָזט". מיר געפֿעלט בעסער די ווערטער „ער האַקט אַ טשײַניק". עס איז מיר אַזוי שטאַרק געפֿעלן, אַז איך האָב עס אַרופֿגעכאַפּט אויף פּאַפּיר, ד. ה. איך האָב אויסגעמאָלט בערע דעם שוסטער, ווי ער האַלט אַ האַמער, אויפֿן טיש שטייט אַ גרויסער טשײַניק, און ער האַקט אים"...

מאָטל האָט דעם פֿיגורעל־געבויטן אידיאָם גלײַך אַריבערגעפֿירט אויף קאָנקרעטע אָנשוילעכע בילדער און קווועלט דערפֿון אָן.

אָט האָט מאָטל געהערט, ווי מע רופֿט די עמיגראַנטן „גרינהאָרן". ער איז ניט אימשטאַנד אַרײַנצודרינגען אין דער פֿיגורעלקײַט פֿונעם וואָרט, סובלימירט ער זײַן נײַגיר, פֿאָרשטעלנדיק די זאַך אָנשוילעך:

„וואָס הייסט א „גרינהאָרן“?... איך בין א באַלן געווען אַף א טשיקאַווען אָפּמאָלן דעם ייִדן, וואָס האָט אָפּגעהאַנדלט בײַ אונדז דעם סטענד, נאָר אַפן שטערן האָב איך אים צוגעזעצט א לאַנגן האָרן מיט גרינעם קרײַד“.

ניט שטענדיק קאָן מאָטל „רעאַליזירן“ די אַלע מעטאַפאָרישע אויסדרוקן אַף געמעלן. אין אַזעלכע פאַלן דריקט ער אויס זײַן שטוינונג. אויך דערמיט אַנטפּלעקט ער די „ניט־מאַטעריעלקײַט“ פונעם געגעבענעם אויסדרוק, און ס'באַקומט זיך א קאָמישער עפעקט.

מאָטלס ברודער עליע דערציילט, אז אַף צו ראַטעווען דעם טאַטן האָט ער פאַרקויפט דעם זייגער, א מאַטאָנע פונעם מעכוטן. דער מעכוטן זאָל וויסן, וואָלט זיך געטאָן כוישעך! די וועלט וואָלט זיך איבערגעקערט!...

מאָטל נעמט אוף זיך לעצטע ווערטער בוכשטעבלעך און זאָגט:

„איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס זײַן מעכוטן ווייסט ניט פונעם זייגער און וואָס די וועלט קערט זיך נאָך ניט איבער. ווײ! ווײ! ווען כאָלילע, די שאָ זאָל גאָר ניט זײַן, עס קערט זיך איבער די וועלט, וואָס וואָלט דעמאָלט זײַן מיט מעניען, מיטן שאָכנס קעלבל? א שטומע צרוּנג“...

ווען עמעצער גיט א זאָג וועגן א שידעך, וואָס קאָן אַרויס צווישן מאָטלען און אַלטעלען, און די מאַמע זאָגט, אז עס וועט נאָך געניג וואַסער איבערלויפן, כידעשט זיך מאָטל:

„איך פאַרשטיי ניט, וואָס דאַרפן לויפן אַזויפיל וואַסער, איידער איך גיי כאַסענע האָבן?“

צו דער גווירנטע מאַדאַם גאָלד אין קיך אַרײַן קומט אָן א נײַע דינסט רעוועטשקע. זי ווייסט נאָך ניט, אז „מענטש“ איז דאָ ספּעציאַליזירט צו אָנרופן די הויז־באַדינער. קומט אַף דעם באָדן פאָר א מיספאַרשטייעניש:

„ריקל: און אז מײַן פייגעלע איז אונטערגעוואַקסן, האָב איך זי אויך באַשטעלט פאַר א „מענטשן“...

רעוועטשקע: פאַר א „מענטשן“?

ריקל: פאַר א „מענטשן“. מיר זײַנען „מענטשן“ און אונדזערע קינדער זײַנען „מענטשן“... שוין אַזוי באַשערט פון גאָט, מיר זאָלן זײַן „מענטשן“...

רעוועטשקע הייבט ניט אָן פאַרשטיין און זי פרעגט איבער פאַרוווּנדערט:

„באַשערט פון גאָט, מיר זאָלן זײַן „מענטשן“?

ריקל: נו, יאָ, נעם, לעמאָשל, אָט דו אַליין טאָקע. אָט ביסטו איצט א „מענטש“ בײַ יענעם. וועסט אָנקלײַבן עטלעכע קערבלעך, וועסטו מיסטאמע כאַסענע האָבן אויך פאַר א „מענטשן“?

רעוועטשקע: פאַר וועמען זאָגט איר?

ריקל: פאַר א „מענטשן“.

רעוועטשקע: פאַר וועמען דען האָט א מענטש כאַסענע? ניט פאַר קיין מענטשן?

ריקל (א פּליעסק מיט די הענט): אוי, יידן! איז דאָס מיידל נאַריש — מע קאָן בלײַבן אָן א בויך לאַכנדיק!“

ריקל, דער אַלטער „מענטש“ בײַ דער גווירנטע, איז שוין אַזוי צוגעוווינט מיטן

לאָקאלן באַטײַט פונעם וואָרט „מענטש״, אז ס׳זעט איר אויס נאריש יעדער איינער, וואָס נעמט אופ דאָס וואָרט „מענטש״ אינ זײַנ געוויינלעכנ באַטײַט.

„מענטש דאָס קלינגט שטאָלצ״ — האָט געזאָגט מאקסימ גאָרקי, אָבער בא די אונטערדריקטע באדינערס פונ די גאָלדס קלינגט עס ווײַט ניט שטאָלצ, נאָר ווי א אויסדרוק פונ מינדערווערטיקײַט.

ס׳קומט אָבער א מאָמענט, ווענ דער דערנידעריקטער האָרעפּאַשניק דערפילט אינ זיכ דעמ שטאָלצ פונ מענטשנ־באַוווסטזײַנ, אונ דער גרענעצ צווישנ „מענטש״ אונ מענטש ווערט אָפּגעווישט. אזוי, אשטייגער, ווענ די מאדאמ גאָלד באפעלט אָפּשאפנ אלע אירע „מענטשנ״, גיט איר פאניטשקע, די געוועזענע פּאָקאָיאָווע, א שארפנ אונ ווירדיקנ ענטפער:

„— דורכטרײַבנ אלע „מענטשנ״? אײַכ איז גרינג „מענטשנ״ צונעמענ אונ „מענטשנ״ אָפּשאפנ! איר ווארפט זיכ מיט „מענטשנ״, מא שער מאדאמ!... ווארפט זיכ נאָר ניט אזוי מיט „מענטשנ״, מאדאמ, וואָרעמ „מ ע נ ט ש נ זײַ־ נ ע נ א ו י כ מ ע נ ט ש נ״, טשאָרט וואס פּאָבערי!...״

דער קאלאמבור מיטנ וואָרט „מענטש״ באקומט א העכסטע סאָציאלע פונקציע אונ אפנ פארשיידענעמ סאָציאלנ אָנווענד פונעמ דאָזיקנ וואָרט איז געבויט דער שפראכ־הומאָר.

קאָמישער עפעקט באקומט זיכ, ווענ איינער פונ די מיטשפּרעכער מאכט אנ אָנשטעל, אז ער פארשטייט די רייד פונעמ צווייטנ אינ אייגנטלעכנ אינהאלט, אינ דער צײַט, ווענ דעמ געגעבענעמ אויסדרוק האָט יענער גענוצט אינ פיגורעלנ זינענ, ד. ה. ווענ די אידיי פונ דער מעטאפּאָרישקײַט ווערט מאטעריאליזירט.

אזא פאל האָבנ מיר אינעמ דיאלאָג צווישנ טעוויענ אונ פעפערל:

„— ... זאָג־זשע מיר, זאָג איכ, טאכשיט מײַנער, פונ וואָס לעבסטו, אשטייגער?

— פונ דעמ, זאָגט ער, וואָס איכ עס.

— אהא, זאָג איכ, גאנצ גוט, וואָס־זשע, זאָג איכ, עסטו?

— אלצדינג, זאָגט ער, וואָס מע גיט מיר.

— איכ פארשטיי, זאָג איכ, ביסט ניט קיינ איבערקלײַבער. אז ס׳איז דאָ וואָס צו עסנ, עסטו, אונ אז ס׳איז ניטאָ וואָס צו עסנ, פארבײַסטו מיט א ליפּ אונ לייגסט זיכ שלאָפנ א ניכטערער״.

אפ דער באזע פונ ניט פארשטיינ גענוי איינס דעמ אנדערנ איז געבויט דער שפראכ־הומאָר אויכ אינ די פאלנ, ווענ איינער פונ די מיטשפּרעכער נעמט אופ (אָדער מאכט זיכ, אז ער נעמט אופ) א ריטאָרישע פראגע פונ דעמ פארטנער זײַנעמ אלס אייגנטלעכע פראגע.

דעמ דאָזיקנ טיפּ שפראכ־הומאָר געפינענ מיר אינ א דיאלאָג־שטיק צווישנ מייער שאלאנט מיט זײַנ מיזיניקל סאשקע (דורכ דער פארמיטלונג פונ דער מוטער):

„סאשקע: האָסט דאָכ מיר צוגעזאָגט, אז מע וועט מיר קויפנ א הונט!...

מייער (אינ כּעס פונ פריער): וואָס פאר הינט?

סאשקע: א מאָפּס, אנ עמעסנ מאָפּס!״ (צעז.)

מייער איז אופגעבראכט אפ דער צעבאלעוועטקײַט פונעמ בענאָק אונ רופט אויס: „וואָס פאר הינט?״ ניט אויס אינטערעס דערצו, וואָס פאר א סאָרט הונט

סאשקע וויל, נאָר אפּ אויסצודריקן זײַן קאַס, און סאשקע, וואָס איז ניט געווינט, מע זאָל אים אָפּזאָגן אין זײַנע קאַפּריזן, נעמט אויף די פראגע אין אייגנטלעכן זינען און ענטפערט, וואָס פאַר א מין הונט אים ווילט זיך.

אמאָל באַקומט זיך א קאָמישער עפעקט פון דעם, וואָס איינער פון די מיט־שפּרעכער פירט איבער דעם געשפּרעך אפּ אנדערע רעלסן. „שאַרפזינן אַנטפּלעקט זיך אָפּט אין דעם, וואָס זי פאַרברייטערט די אידייע פונעם מיטשפּרעכער ביז צו יענעם פונקט, ווען זי דריקט אויס שוין עטוואָס אַזוינס, וואָס איז קעגנזעצלעך צו זײַן געדאַנק און ווי ער (דער מיטשפּרעכער) פאַלט אַרײַן, אַזוי צו זאָגן, אין די נעצן פון זײַנע רייד“ [1]).

אָט דערציילט מאָטל, וויאַזוי עליע, זײַענדיק מיט אים, מאָטלען, ניט צופרידן פאַר ניט קענען דעם קאַדעש, נעמט אים אָן פאַרן אויער און זאָגט:

— „אַז דער טאַטע זאָל אופשטיין און זען, וואָס פאַר א זון ער האָט!..

כאַפּט מאָטל אונטער: — וואָלט איך פאַרשפּאָרט זאָגן קאַדעש...“

מאָטלען ליגט דער קאַדעש גוט אין די ביינער, און ער פירט אומדערוואַרטעט איבער אפּ פּראַקטישע רעלסן עליעס עקספּרעסיווע אויסדרוק, וואָס האָט ניט אונטער זיך קיין רעאַלע אינהאַלטלעכע פאַרקערפּערונג (דער טאַטע קאָן ניט אופשטיין).

קאָמישן עפעקט פון אומדערוואַרטעטקייט האָבן מיר אויך אין פאָלגנדיקן אָרט: פיניע זאָגט צו עליען:

„איך וואָלט א באַלן געווען, זאָלסט מיר זאָגן נאָר איין זאַך — וואָס וואָלט פון אונדז געווען, ווען קאָלומבוס זאָל, כאָלילע, ניט געווען אַנטדעקן אַמעריקע?

— וואָלט עס אַן אַנדערער אַנטדעקט — ענטפערט אים אָפּ מײַן ברודער עליע...“ (מאָטל).

די אומדערוואַרטעטקייט איז דאָ אויסגעדריקט אינעם אונטערשייד צווישן דעם לאָגישן אַקצענט פון דער פראגע און דעם אינהאַלט פונעם ענטפער. פיניע איז מיט זײַן ריטאָ־רישער פראגע אויסן צו אונטערשטרײַכן דעם רעזולטאַט, וואָס וואָלט זיך באַקומען, ווען אַמעריקע ווערט ניט אַנטדעקט. עלי טראָגט איבער דעם אַקצענט אפּ קאָלומבוסן, ווי פיניעס פראגע וואָלט, קלאָמערשט, געווען אַקצענטירט אפּן אַנטדעקער, און ענטפערט, אַז אַן אַנדערער וואָלט עס אַנטדעקט. דערמיט איז עליע מעוואַטל דעם עצם איניען פון אַנטדעקן אַמעריקע, דערמיט ווײַזט ער זײַן אינדיפערענטקײַט דערצו.

הומאָריסטישן שפּראַך־עפעקט גיט אויך דער ק א ל א מ ב ו ר.

מיר האָבן עס שוין געזען אפּן בײַשפּיל מיטן וואָרט „מענטש“. בא שאָלעמ־אַלייכעמען טרעפן מיר נאָך אַנדערע טיפּן קאַלאַמבור.

אמאָל דריקט ער זיך אויס אין שפּיל אפּ פאַרשיידענע באַטײַטן פון איינעם און דעם זעלבן קלאַנגען־קאָמפּלעקס:

1. „וואָס זאָלן מיר מ א כ ן, זאָג איך, מע מ א כ ט און מע מ א כ ט און מע האַלט, זאָג איך, נאָך אַלץ פונפאַרנט“ (טעוויע).

---

[1]) Бергсон. Смех в жизни и на сцене.

טעוויע שפילט דאָ אפנ אידיאָמאטישנ אינהאלט און אפנ אייגנטלעכנ באטײַט פונעם וואָרט „מאכנ“.

2. „בעסער אָ נ ק ו מ ע נ צו „אַליינו“ איידער צום בעסטנ מענטשנ“ (ממ) [1].

דאָס דאָזיקע גלײַכווערטל, וואָס שיינע־שיינדל ברענגט אינ אירער א בריוו צו מענאכעמ־מענדלען, איז געבויט אפ די פארשיידענע באטײַטנ פונעם וואָרט „אָנקו־מענ“: אפנ אייגנטלעכנ (приходить) און אידיאָמאטישנ (прибегать к помощи).

3. א „נ ע מ ע ר אָ ו ו ע ר איז ניט קיינ ג ע ב ע ר אָ ו ו ע ר“ (ממ).

דער קאלאמבור אינעם דאָזיקנ שפּריכוואָרט, וואָס שיינע־שיינדל ברענגט אינ איר בריוו, באקומט זיכ פונ דער צווייד־יטיקײַט פונעם וואָרט „נעמעראָוועֿר“. דער אייגנטלעכער — שוינ אויסערנ קאָנטעקסט פונעם שפּריכוואָרט — איינציקער באטײַט פונ דעמ דאָזיקנ וואָרט איז „א מענטש פונ דער שטאָט נעמיראָוו“. אָבער אדאנק דער קעגנשטעלונג פונ א קינסטלעכ געשאפענעמ קלאנגלעכנ אנטאָנים „געבעראָוועֿר“ באקומט דאָס וואָרט „נעמעראָוועֿר“ אויכ דעמ באטײַט פונ „א מענטש, וואָס נעמט“ (אינ קעגנזאצ צו „א מענטש, וואָס גיט“ — „געבעראָוועֿר“).

4. „זאָגט איר עליע: פּאָרע־אדומע. פרעגט אימ בראָכע: וואָס הייסט דאָס? מישט זיכ שוינ ארײַנ אונדזער כאוועֿר פיניע און פארטײַשט איר די ווערטער „פּאָרע־אדומע“:

— אז דער מאנ איז א פ ע ר ע־אָ ד אָ מ, איז דאָס ווײַב א פּ אָ ר ע־א ד ו מ ע“ (מאָטל).

די קאלאמבורישקײַט באשטייט דאָ דערינ וואָס ס'איז דאָ צוזאמענגעשטעלט אומ־דערוואַרט א ווײַטע אסאָציאציע צווישנ צוויי פארשיידנסטע באגריפנ: „פערע־אָדאָמ“ באטײַט בוכשטעבלעכ „א ווילדער מענטש“, אינ אומגאנג איז עס א סינאָנימ צו „נאר“; „פּאָרע אדומע“ איז די טײַטש „א רויטע בעהיימע“ (דער דאָזיקער באגריפ איז פארבונדנ מיט א געוויסנ רעליגיעזנ ריטואל לויט דער ביבל), אָבער פיניע טראָגט עס אונטער ווי א ווײַבלעכע אויסבילדונג פונ „פערע־אָדאָמ“. דערמיט רופט ער פארשטעלט אָנ בראָכענ „נאר“.

אמאָל איז עס א שפּיל אפ פארשיידענע אויסבילדונגענ פונ איינעמ און דעמ זעלבנ וואָרט:

„ניט קיינ סאָניטשקע, נאָר א גאנצער סאָניטשניק!“ (ממ).

אזוי זאָגט מענאכעמ־מענדל דער שאדכנ, ווענ ער דערזעט די קאלע, וואָס ער רעדט איר א שידעכ. די קאָנטראסטישקײַט צווישנ דער פארצערטלונג „סאָניטשקע“ מיט „סאָניטשניק“, וואָס רופט ארויס א פאָרשטעלונג פונ גרויס, מעגושעמדיקס, רופט ארויס א קאָמישנ עפעקט.

די פארשיידענע אנטפלעקונגענ פונ צווייד־יטיקײַט נוצט שאָלעמ־אַליכעמ גלענ־צנדיק אויס צוליב שפּראכ־הומאָר. דער דאָזיקער טיפּ שפּראכ־הומאָר איז, ווי אלע אנדערע טיפּנ, אינגאנצנ פונקציאָנעל: ער שפּיגלט אָפּ די צעשטרײַטקײַט און אופ־

---

[1] אָט דאָס ווערטל, ווי די מערהײַט אנדערע שפּריכווערטער, האָט שאָלעמ־אַליכעמ ניט „אויסגע־טראכט“, נאָר ער האָט עס גענומענ פונעמ יידישנ פאָלקלאָר, באמ פאָלק און דורכ זײַנע געניאַלע ווערק עס אומגעקערט צוריק דעמ פאָלק.

געשרויפטקייט, די אומגעהייערע אימפּולסיוויקייט, וואָס ס'פאַרמאָגן אסאך פּערסאָנאַזשן שאָלעם־אלייכעמס אין רעזולטאַט פון ניט גענוגנדיקער אָריענטירטקייט אין באַזונדערע לעבנס־פאַלן, אין רעזולטאַט פון א ניט געזיכערטער מאַטעריעלער און גייסטיקער עקזיסטענץ.

## IV. שפּראַך־הומאָר אין דער בילדערישקייט

שאָלעם־אלייכעמס בילדערישקייט איז פול מיט שפּראַך־הומאָר.

מיר טרעפן בא אים אַ שיר מעטאַפערס, עפּיטעטן, פאַרגלייכן, אַנטאָנימען, סינאָנימען און אַנדערע עקספּרעסיע־מיטלען, וואָס זיינען געבויט אַפן געזונטן פאָלקס־הומאָר. אלס אָביעקט פון דער בילדערישקייט ווערן גענומען שטייגער־דערשיינונגען, וואָס זיינען ענג געבונדן מיטן אַמאָליקן יידישן לעבן; זי איז געבויט אַפ אַסאָציאַציעס מיט געגנשטאַנדן און דערשיינונגען פונעם טאָג־טעגלעכן היימישן אויסקומעניש.

די מעטאַפער איז אַפ דורך און דורך פאָלקסטימלעך. ניטאָ אין איר קיין שפּיר פונעם אַרויסגעצוווּנגענעם ביכלדיקן בילד. זי איז בא שאָלעם־אלייכעמען אין־גאַנצן נאַטירלעך, איבערגעשאָטן און דורכגעזאַפּט מיט יאָדערדיקער פּראַזעאָלאָגיע:

א) „א קאָרעוו האָט מיר גאָט צוגעשיקט, עפּעס א שמעלקע, ווייס איך: מיין פערדס בייטש שטעקעלע, ווי מע זאָגט" (טעוויע).

ב) „איך ווער צעזעצט שרייענדיק, און ער זיצט זיך אין געהאַקטע ווונדן אין יעהופּעצ און טרינקט קאַווע" (ממ).

ג) „פון אזא געלעכטער... קאָן אייך אויסוואַקסן א געלעכטער אַפן פּופּיק" (פּש).

ד) „ער באַקט בייגל. „איר מעגט שוין ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל" — אַזוי זאָגט אים פעסי" (מאָטל).

ה) „עסן עסט ער מאַקעס מיט בכוירעס און פאַרבייסן פאַרבייסט מען מיט קאַדאָכעס" (טעוויע).

די לעצטע מעטאַפער טרעפן מיר בא שאָלעם־אלייכעמען גאַנץ אָפט, און דאָס איז ניט צופעליק: זי שפּיגלט אָפּ די טרויעריקעווירקלעכקייט בא שאָלעם־אלייכעמס הויפּט־פּערסאָנאַזשן. אָט איז, אשטייגער, א גאַנצער דיאַלאָג, וואָס איז געבויט אַפ אָט דער מעטאַפערע.

פּייוול דער יאָסעם, וואָס שפּילט יויסעפ האַצאַדיק אין דער פּורעם־שפּיל, שמועסט מיטן באַלעבאַטישן יינגעלע:

... „מע פאַלט אריין צו א קאַפּצן, עסט מען קאַדאָכעס.

— וואָס הייסט מע עסט קאַדאָכעס?...

— קאַדאָכעס עסן ווייסטו ניט? מע עסט מאַקעס הייסט עס... ניטאָ וואָס צו עסן, עסט מען מאַקעס..." (באַם קעניג אַכאַשווייראָש).

הומאָריסטיש זיינען די פעפערדיקע עפּיטעטאַרטיקע אויסרופן. דאָס זיינען אידיאָמען, וואָס לויטן אינהאַלט שטעלן זיי מיט זיך פאָר פאַמיליערע פאָלקס־אויס־דרוקן:

„— עפּעס א שלימאַזל! — רופט זיך אָן איינע צו דער אַנדערער.

— א פ א ר ש ל ע פ ט ע  ק ר ע נ ק? — זאָגט די אנדערע...

— א ר ע ש ט ל  צ ו  ד י  צ אָ ר ע ס!  זאָגט ווידער יענע.

— מיר שייַנט, א מ ע ש ו ג ע נ ע ר! — זאָגט די אנדערע".

דער קאָמיזם ווערט נאָך אָפּט אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פארשארפט דורך דער מאקאראָנישקייַט פונעם לעקסישן באשטאנד פון דעם אויסדרוק:

א) „ש ו י ט ע  ב ע נ  פ י ק ה אָ ל צ" (טעוויע).

ב) „ב ע ה י י מ ע  ב ע צ ו ר ע ס  פ ע ר ד" (טעוויע).

ג) „דו בלינדער י א צ ק אָ, דו ס ל י פ א ק  איינער" (מאָטל).

ד) „ד א ו י ד ק ע: וואָס זאָגט איר אפ דעם ט א ר נ ע ג ו י ל... עס שטייט דיר ניט אָן, דו שויטע בענ פיקהאָלצ, דו שארלאָט שעבעשאר־לאָטים, דו פאנסקי צאפּ איינער" (צעז).

דאָ האָבן מיר אן איבערפלעכט פון יידישע, העברייִשע און סלאווישע לעקסי־שע און סטרוקטורישע דערשייַנונגען. אמאָל איז עס פאָלקס־מעטאפערעס.

און אָט איז שפראך־הומאָר דורך מ ע ט אָ נ י מ י ע:

„איינער טראָגט א טענדעווערענדע מיט א הענגקאָלנער... ט ע נ ד ע ו ו ע־ ר ע נ ד ע  האָט זיך אָנגערופן צו מיר בזע האלאָשן... עט מאכט צו מיר ט ע נ ד ע ו ו ע ר ע נ ד ע" (ממ).

די קאָמישקייַט פונעם נאָמען פון מאלבעש „טענדעווערענדע" גופע ווערט דאָ נאָך פארשטארקט דערמיט, וואָס עס ווערט אויסגענוצט אלס מעטאָנימיע — אפּ צו באצייכענען דעם מענטשן, דעם טרעגער פונעם מאלבעש.

סאָציאַל אָנגעזעטיקט זייַנען בא שאָלעמ־אלייכעמען די קאָמישע פ א ר ג ל ײַ־ כ ו נ ג ע נ.

1. טעוויע זאָגט וועגן זייַן פערדל:

„ער איז שוין אזוי געווינט מיט דער ב ײַ ט ש  ווי איך מיטן ד א ל ע ס" (טעוויע).

דער דאָזיקער פארגלייַך איז עכט־הומאָריסטיש, אפּ וויפל ער באטאָנט דורך א קאָמישן מאָמענט דעם טראגיזם פון טעוויעס שווערער לאגע.

2. שימען־עליע שמא־קוליינו און זייַן ווייַב זייַנען שטארק דערצאָרנט פון דער ניט־געראָטענער קניִע, וואָס זיי האָבן געמאכט — וואָס מע האָט זיי, ווי זיי מיינען, פארקויפט א צאפּ אָנשטאָט א ציג. איז קעדיי אונטערצושטרייַכן די פיקטיווקייַט פון דער ציג, זאָגן זיי מיט הארצ:

— „די ציג, זאָגט איר? ס'איז אזוי א צ י ג, ווי איר זייַנט א ג ו ב ע ר־ נ א ט אָ ר!"

— „א שיינע ציג! ס'איז אזוי א צ י ג, ווי איך בינ א ר ע ב ע צ נ" (פּש).

די קאָמישקייַט נעמט זיך דאָ פון דער קאָנטראסטישקייַט פון די אויסגעטיילטע ווערטער. א ציג — און א גובערנאטאָר, א ציג — און א רעבעצן!

א י ר אָ נ י ע גיט בא שאָלעמ־אלייכעמען אָפּט א קאָמישן שפראך־עפעקט.

מערסטנטייל איז דער דאָזיקער טראָפּ געבונדן מיט דער פיגור פון ריטאָרישן אויסרופ און עקספּרעסיווער פראגע, וואָס גיבן די נייטיקע אינטאָנאציאָנעלע באַ־ גלייטונג. דערצו קומען צו פארשיידענע אנדערע שפראך־סטיליסטישע מאָמענטן.

1. אין איין אָרט איז עס יאָדערדיקע אידיאָמאַטיק, וואָס אין איר אַליין שטעקט איראָניע:

„מייער: וואָס פאר זאסעדאניעס גאָר?
פלאָרע: שפּילסט זיך מיט זיי? יענע קערן וועלטן!
מאטוויי: מע ברענט די באָד!" (צעז).

2. אין א צווייט אָרט איז עס די היפּערבאָלע:

א) „האָסטו געהערט אביסל א געדולע: ער שפּריצט מיט גאז, פּליט קיין פּאריזש, ווארפט מיט מיליאָנען!" (ממ).

ב) „מאזלטאָוו דיר מיט דיין נייעם מיסכער, מיט די אימעניעס און מיט די גראפן! בראָש ווארפט ער זיך מיט געשעפטן, אלע טאָג א נייעס" (ממ).

3. אמאָל ווערט די איראָניע אויסגעדריקט אין פּאָלקס־מעטאפאָריק, אין קאָמישער אידיאָמאטיק:

„געבראָטענע פייגעלעך האָט זיך אים פארגלוסט! „לאָנדאָן"! מאַ־ראָזשענעווע! קובעבע מיט לאקריץ!" (ממ).

4. אמאָל קומט דערצו צו וואָרט־פּאראָדיע:

א) „פּאָרט ארום רייטנדיק אפ „דראָנזשיקעס", באָדט זיך אין „קאָ־ראָטקי־וויק" (ממ).

ב) „סאָרע־קאנציע: אויסטראכטן? איך טראכט אויס? איאָ, רוווּנ־הערש? ווער איז גערעכט? דו מיט דעם גאניידעם דיינעם!" (געט).

5. אמאָל גיט דער איראָניע צו א קאָמישן עפעקט די קאָנטראסטיקייט אינעם אינהאלט צווישן צוויי קעגנגעשטעלטע ווערטער:

— „שוין! ער איז שוין ווידער דאָ מיט זיין פּאָסעק!... מע רעדט פון א ציג, קומט ער מיט א פּאָסעק!" (פש)

די איראָניע ווערט, כוץ אלעמען, דאָ שפּראכלעך אויסגעדריקט דורך אָנווענדן די 3־טע פּערזאָן, אָנשטאָט דער 2־טער, האגאם די רייד קומט דאָ פּאָר דירעקט צווישן צווייען. אינעם דאָזיקן נוצן „ער" אָנשטאָט „דו" שטעקט פאראכטונג, ביטל צום מיט־שפּרעכער. דער איראָניזירער וואָלט דערמיט ווי געזאָגט: „ס'איז ניטאָ מיט וועמען צו רעדן", דעריבער ווענדעט ער זיך וועגן דעם מיטשפּרעכער צו עפּעס אן אויס־געדאכטער דריטער פּערזאָן.

אינעם ארסענאל פון הומאָריסטישע שפּראך־מיטלען צוליב איראָניע געפינט זיך בא שאָלעם־אלייכעמען אויך דאָס מיטל פון אנטיפראזע אָדער, ווי מע רופט עס אין יידיש, „לאָשן־סאגינאָער": דאָס איז א מין אייפעמיזם אפ צו אויסדריקן אפ אן „איידעלן" אויפן א געוויסע באליידיקונג:

א) „כאַים־כאָנע דער קלוגער" — דערפאר, וואָס ער איז א גרויסער שויטע".

ב) „טעמע־גיטל די שטילשווייגנדיקע" — דערפאר, וואָס זי האָט אין זיך ניין מאָס רייד" (פש).

שאָלעם־אלייכעם נוצט ברייט אויס די שפּראך־רייכקייט, די פאראנענקייט פון ווערטער אפ צו אויסדריקן פארשיידענע ניואנסן און שאטירונגען פון געדאנק. דערפון באקומט זיך אויך אינטערעסאנטער שפּראך־שפּיל; די סינאָנימען דינען אפ צו פארשטארקן, אונטערשטרייכן, אפ אויסצודריקן עקספּרעסיע.

1. טעוויע האלט פיר ביילקען אלעמיי̆ זי וויינט. ביילקע פארבֿאהאלט פון טעוויען איר וויינען:

„— איך וויין דען?"

טעוויע איז קלוימערש „מאסקים", אז זי וויינט ניט און באמערקט:

„ניין, דו וויינסט ניט, נאָר דו כליפעסט..."

דערמיט פארשטארקט ער נאָך זיַין פריערדיקע באהויפּטונג.

2. באסיע, די יידענע פון די געגנדז, איז אָפּגעבראכט אפ אלטער דעם פראָ־צענטניק, א ייד, וואָס האָט ליב אויסקאָכן די וואסער: שלעפט „פּריצענט", רעכנט צו טעג. זי איז צופרידן, וואָס זי קען זיך קילן דאָס הארץ אין רעב אלטערן, וואָס האָט גענומען פאר זיַין טאָכטער ניט קיין גראָטענעם כאָסן; זי זאָגט וועגן כאָסן:

„אז בעסאכאקל האָט ער גאָר א פליך — איר רופט עס פליך, איך רופ עס פארך..." (געגנדז).

אריַינגעבנדיק באסיען אין מויל אריַין די ביידע קימאט־סינאָנימען אפ צו שיל־דערן רעב אלטערס איידעם, פארשטארקט שאָלעם־אלייכעם דעם איַינדרוק פון באַ־סיעס פארביסענער סינע צום פּראָצענטניק און צו אלץ, וואָס איז אים נאָענט.

3. פעסיע די גראָבע האָט געזאָגט, אז ס'גייען בא איר צום טיש צוועלף מענטשן און רעכנט דערביַי ניט דעם בלינדן פעטער באָרעך, וועלכער האָט קיין ציין ניט אפ צו קיַיען. מאָטל זאָגט דערופ קלאָמערשט טאמעוואטע:

„איך וועל מיך ניט שפארן. קיַיען קאָן ער ניט, דערפאר אָבער שלינגט ער ווי א גאנדז און כאפט..." (מאָטל).

די אויסגעטיילטע ווערטער זיַינען ניט קיין סינאָנימען, אָבער אין קאָנטעקסט קלינגען זיי בעפיירעש סינאָנימיש. מיט דער דאָזיקער קעגנשטעלונג פון צוויי באַ־גריפן, וואָס אסאָציירן זיך לויט שכיינעשאפט, מיט גראדאציע פונעם צווייטן לעגאבע דעם ערשטן ווערט אָפּגעוואָרפן דער מאָטיוו אפ ניט אריַינרעכענען באָרעכן צווישן די עסערס, און ס'ווערט דערגרייכט א קאָמישער עפעקט.

4. אָט האָט עליע געפאקט מאָטלען באם מאָלן. עליע קאָן עס ניט פארליַידן. ער איז שטארק אינקאס, דריקט ער עס אויס מיט א ריי יאָדערדיקע סינאָנימען:

„— וואָס? א מאָלער? א מולגעטש? ער וועט שמירגעווען קלויס־טערס? וואלגאזשען ווענט? פליאסקען דעכער? אומגיין מיט פאר־פאטשקעטע הענט" (מאָטל).

די דאָזיקע סינאָנימען קלינגען בא עליען ווי פאראכטלעכע ווערטער און זיי דריקן אויס די גאָרע עקספּרעסיע פון עליעס רעפליק. אין יעדן וואָרט באזונדער האָבן מיר דאָ נאָך א דערשיַינונג פון קאקאָפעזם און דאָס פארשטארקט דעם קאָמישן עפעקט.

5. אין אספעקט פון הומאָריסטישער סינאָנימיע קענען מיר באטראכטן אויך די אויסגעטיילטע ווערטער אין פאָלגנדיקן טעקסט, כאָטש די סינאָנימען זייערע פיגו־רירן דאָ ניט (כוץ באם וואָרט „באָנים"). די דעשיפרירונג פון די סינאָנימען גיט דאָ דער שריַיבער אליין:

„אצינד וואָלט איך נאָך באדארפט פאָרשטעלן איַיך מאלקינס דריַי עלטערע באָנים, נאָר אז איך זאָג איַיך „באָנים", ניט „זין", איז די כאשמאָעס, אז דאָס זיַינען דריַי הויכע, געזונטע קלאָפערס, מיט הויכע ראגלאים, מיט

געזונטע יאדאים, וואָס קאָנען גוט ארבעטן און גוט אכלען. זיי האָבן אן אפעטיט, וואָס מיליאָנערן מעגן זיי מעקאנע זיין...״ (אין שטורעם).

מיטן נוצן „ראגלאים״ אָנשטאָט „פיס״, „יאָדאים״ אָנשטאָט „הענט״, „אכלען״ אָנשטאָט „עסן״ ווערט אויסגעדריקט מעגושעמדיקייט פון די געשילדערטע געגנ־שטאנדן.

אן אינטערעסאנט לעקסיש־סינטאקסיש הומאָריסטיש מיטל איז דאָס אויסרעכענען אין א קאָאָרדינירט־קייט עטלעכע סימעטריש צעשטעלטע גלייכארטיקע זאצגלידער מיט אנטאָנימישע דערקלער־ווערטער צו זיי:

א) „קינדערלעך אסאך, קיין איינהאָרע ניט, איינס קלענער פונעם אנדערן, האלב־נאקעטע, גאנץ־באָרוועסע, ניט קיין געצוואָגענע, שטענדיק הונ־געריקע״ (פש).

ב) „אויב איר מיינט עפעס קויפן, וועט איר בא מיר נישט געפינען גאָר־ניט, סיידן בויכווייטיק אפ מיינע סאָנימס קעפּ, אָדער הארצקלעמעניש א פולע וואָך, אָדער אביסל קאָפּדרייעניש, טרוקענע שמערצן, נאסע יעסורים, סיפּקע צאָרעס!... (טעוויע).

„האלב״ און „גאנץ״, „ניט קיין״ און „שטענדיק״, „טרוקענע״, „נאסע״ און „סיפּ־קע״, — אָבער די דאָזיקע אנטאָנימען באגלייטן ווערטער, וואָס דריקן אויס אן אל־ציינע שטימונג — א שטימונג פון אומעט: „נאקעט״, „באָרוועס״ „שמערצן״, „יעסור־רים״, „צאָרעס״. און דאָס טיילט נאָך בוילעטער אויס די פינצטערע דאָליע פונעם האָרעפּאשניק.

פארביטערטקייט אין א קאָמישן טאָן ווערט אויסגעדריקט אויך אין דער קעגנ־שטעלונג:

„עס קען זיך אויסלאָזן, אז די ערד, וואָס שפּריצט מיט שעמענזאים, זאָל גאָר שפּריצן מיט „מאים־אכרוינים־וואסער״ (מם).

די קעגנשטעלונג ווערט דאָ נאָך פארשטארקט דערמיט, וואָס די קעגנגעשטעלטע ווערטער זיינען ניט קיין ווערטער, געניצטע אין אייגנטלעכן באטייט, נאָר זאפטיקע, בילדערישע אויסדרוקן: „שעמענזאים״ — איראָנישער אויסדרוק פון הייליקער פליסי־קייט און „מאים־אכרוינים־וואסער״ — א טאַווטאָלאָגישער פאָלקס־אויסדרוק אפ צו אָנ־רופן אייפעמיסטיש א מיעסע פליסיקייט.

היפּערבאָלע. קאָמיש באקומט זיך, ווען דער פערסאָנאזש פליוראליזירט זיי־נעם צו יענעמס א געגנדשטאנד אָדער אן אקציע מיטן צוועק צו פארגרעסערן דעם ווערט פון דער דאָזיקער אקציע אָדער פונעם אָביעקט פון דער אקציע:

א) „א ייד שפּאנט, — זאָגט שימען־עליע... קיין קאָדאָיעווקע שפּאנט ער, האנדלען ציגן״ (פש).

ב) „ער (יוינע דער בעקער) איז ניט מעכויעוו, זאָגט ער, מיט זיינע זיי־גערס אויסצוהאלטן פרעמדע טאטעס. פונעם זייגער איז שוין בא אים געוואָרן „זייגערס״ און פונעם טאטן — „טאטעס״ (מאָטל).

דאָס נוצן מערצאָל אָנשטאָט איינצאָל דינט דאָ צוליב עקספּרעסיע און קלינגט הומאָריסטיש, סיי אן און פאר זיך, סיי נאָכן רעאגירן דערויף פונעם נאַיוון קינד, וואָס דאָס פארטיפערט נאָך דעם קאָמיזם.

אָט זײַנען בײַשפּילן פֿון פֿאַרשיידענע אַ נ ד ע ר ע עקספּרעסיװ־מיטלען.

זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם „מײַנעלאָשן" פֿון אַ ייִדענע איז די צווײדײַ־טיקע ווענדונג באַ אַ קלאָלע:

א) „ווער וואַרגט זיך מיט אַ קאַרטאָפֿלע פֿאַר אַ גאַנצן טאָג? דערוואָרגן זאָלסטו ווערן, ל י ב ע ר ג אָ ט!" (געט).

ב) „אַ וויסטער, אַ פֿינצטערער כאָלעם אָפֿ דײַן קאָפּ און אָפֿ דײַנע הענט און פֿיס, ר י ב ו י נ ע ש ע ל א ו י ל ע מ, זיסער פֿאָטער, האַרציקער — גע־טרײַער!" (פּש).

לויטן קאָנטעקסט קאָן זיך באַקומען פֿאָרמעל, אַז די קלאָלע איז געווענדעט צו גאָט: „דערוואָרגן זאָלסטו ווערן, ליבער גאָט!" אַ. אַז. וו., ווען פֿאַקטיש איז די קלאָלע געווענדעט צום מיטשפּרעכער. ס'פֿאַרשטייט זיך, אײַנגעוועגס טרעפֿט עס שוין אויך דעם ריבוינעשעלוילעם, און אין דעם טאַקע ליגט דער אופֿרײַסיקער טאָך פֿון דעם דאָזיקן הומאָר.

## V. הומאָר פֿון באַריידעוודיקײַט

אייניקע קריטיקער, וואָס האָבן געוואָלט פֿאַרמינערן שאָלעם־אַלייכעמס ווערט אַלס קינסטלער, האָבן אָפֿט גערעדט וועגן זײַן באַריידעוודיקײַט. דאָס איז געווען רעכילעס אָפֿן גרויסן שרײַבער. די דאָזיקע קריטיקער האָבן זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק פֿון דעם, אַז אָט־די באַריידעוודיקײַט איז ניט שאָלעם־אַלייכעמס, דעם אווטאָרס, נאָר ס'איז באַריידעוודיקײַט פֿון די פּערסאָנאַזשן, און זי פֿילט אויס אַ קינסטלערישע פֿונקציע.

און בעעמעס — שאָלעם־אַליכעם איז איינער פֿון די גרעסטע וואָרט־מײַסטערס, טאַקע אַ שפּראַך־מײַסטער אַ באַוווסטזיניקער, וואָס ניט בלויז ער פֿאַרמאָגט רײַכע שפּראַך־אויצרעס, נאָר וואָס קלײַבט באַוווסטזיניק אָפּ פֿון די דאָזיקע אויצרעס און שטעלט אוועק יעדער וואָרט אָדער וואָרט־באַהעפֿט דאָרט, ווו ס'איז נייטיק, און אַזוי, ווי מע דאַרף.

שאָלעם־אַלייכעמס שטעלונג צו דער פֿראַגע וועגן באַריידעוודיקײַט, ווערט אָפּ־קלײַבט אַ. ד. גל. כאַראַקטעריזירט פֿאָלגנדיקע אַרויסזאָגונג זײַנע אין דער פֿאָרעדע צו דער ב־טער אופֿלאַגע פֿון „מענאַכעם־מענדל":

„דער מעכאַבער פֿון דעם בוך גייט מיט דעם גאַנג, אַז אַ ווערק, וואָס ס'איז קירצער, איז דאָס אַלץ בעסער. די, וואָס וועלן געפֿינען, אַז ס'איז נאָך אַביסל צו לאַנג, קאָנען זיכער זײַן, אַז, אימירצעשעם, באַ די ווײַטערדיקע אופֿלאַגן זאָל דאָס ווערן אַלע מאָל קירצער און קירצער..."

באַריידעוודיקײַט, רייד־פּאַזוראָנעס איז ברייט אויסגענוצט אין שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אַלס ס ט י ל י ז י ר ־ מ י ט ל און האָט באַ אים פֿאַרשיידנאַרטיקסטע אַנטפּלע־קונגען.

אייניקע פּערסאָנאַזשן פֿ אַ ר ע ד ן ז י ך. די רייד־פֿאַרשווענדונג באַ זיי נעמט זיך פֿונעם כאַאָס אין זייער דענקען, אין רעזולטאַט פֿונעם ניט־קלאָרן באַנעמען דעם קאָמפּליצירטן אַרום אָדער פֿון געוויסער פֿאַרלאָרנקײַט.

דער שפּראַך־קאָמיזם באַ די דאָזיקע פּערסאָנאַזשן באַשטייט אין דעם, וואָס די רייד גייט באַ זיי לויט אַסאָציאַציעס, וואָס ווערן ניט רעגולירט דורך לאָגישער גע־זעצמעסיקייט; אין דעם, וואָס זיי פאַרלירן אָפט דעם לאָגישן ריכטשנור אין זייערע רייד און ווערן פאַרהריזנעט אין פאַרשיידענע זייטיקע פּראָטים און אָפּווייכונגען, באַלאַסטיקנדיק דערמיט דעם גאַנג פון דער דערציילונג.

טיפּיש אין דעם פּראַט איז דער מאָנאָלאָג „דאָס טעפּל":

„ערשט יענע וואָך געפּלאַצט באַ מיר אַ גלעזל, און פאַרצווייוואָכן אַ גלעזל... יאָ אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד?..."

יענטע די קורעלאַפּניטשקע פאַרעדט זיך, פאַרעדט זיך און מישט איינס מיטן אַנדערן, כאַפּט זיך אָן פאַר אוועלכער ס'ניט איז דעטאַל און דערציילט וועגן איר, גלייך ווי אָט די דעטאַל וואָלט געווען דער הויפּט־אָביעקט פונעם שמועס; איינגיכן אָבער פאַרפּלאָנטערט זי זיך אויך אין דעם פּראַט־מאָטיוו, פאַרטשעפּעט זיך און האַקט זיך אַליין אָפּ מיטן „יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד?" דאָ מיינט שוין דער לייענער, אַז אָט־אָט — זי שלאָגט זיך שוין אַרופּ אַפן ברייטן טראַקט פון דער גרונט־טעמע, ער ווערט אָבער גלייך אַנטוישט: דער „אַקעגן וואָס איז דאָס געקו־מען צו רייד" האָט געדינט בלויז פאַר אַ טראַפּלין אַפּ צו איבערשפּרינגען אַפּ אַ צווייטן, אויך אַ זייטיקן, „יויצעדויפנדיקן" מאָטיוו... שאָלעם־אַלייכעמען דינט עס, אַגעוו, פאַר אַן אינטערעסאַנטן שפּראַך־קאָמפּאָזיציאָנעלן מיטל אַפּ צו לינדערן דעם רייד־כאַאָס, אַפּ צו לאָזן דעם לייענער אַביסל אָפּעטעמען פונעם מאַבל שוואַך־אָרגאַניזירטע רייד.

דאָס זעלבע איז באַם יונגערמאַנען, וואָס דערציילט די מייַסע מיט זייַן אוילעמאַבע:

א) ... „נאָר באַ מיר איז דאָס געזעגענען זיך אַדאַיעם אַל אַפּי וועאַל כאַמאָסי! נאָר שאַ! מיר דאַכט, איך הייב שוין אָן פאַרקריכן קיין בויבעריק!..."

ב) „דאַכט זיך, ווער האָרעוועט אַפּ געלט? מיר צו זיי? נאָר שאַ! מיר דאַכט, איך בין שוין ווידער פאַרקראָכן קיין בויבעריק..." („אוילעמאַבע").

ברייטער — מיט עלעמענטן פון זעלבסטכאַראַקטעריסטיק און „זעלבסטקריטיק" — איז דער „טראַמפּלין" באַ באַסיען, דער יידענע פון די געגנדז:

„...דער כיסאָרן, וואָס איך קוק ניט אַרייַן אין יענעמס טעפּלעך... נאָר איך מיש אייַך איינס מיטן אַנדערן. האָט קיין פאַריבל ניט. ס'איז באַ מיר אַזאַ טעווע. ווי זאָגט איר: „אַ יידענע האָט אין זיך נייַן מאָס רייד". איצטער גייט אַ סעדרע פון..."

אייניקע פּערסאָנאַזשן פאַרטאָרמאָזירן דעם שווינדיקן לויף פון זייערע רייד מיט עפּעס אַ באַמערקוואָרט אָדער פראַזע אַלס אויספיר פונעם אָקאָרשט דערציילטן: „אַלקאַלפּאָנעם („גימענאַזיע"), אַלזאָ („דרייַ אַלמאָנעס"), בעקיצער („מע טאָר ניט זייַן קיין גוטער"), קיצער („באַשערט אַן אומגליק"), קיצער־האַדאָוואָר, וואָס טויג אייַך היסטאָריעס־זאַכן־מייַסעס... („פונעם פּריזיוו").

נאָך אַ טיפּ באַריידעוודיקייט איז דער פאַרקישעפטער קרייַז, אין וועלכן ס'פאַלט אַרייַן דער אינטעלעקטועל אָפּגעשטאַנענער פּערסאָנאַזש, באַזונדערס, ווען ער געפינט זיך אין דער קלעם פון אוועלכער ס'איז אומאַנגענעמער פּאַסירונג.

נעמען, אשטייגער, דעם בארימטן דיִאלאָג צווישן מאָטלס מאמע און ריוועלע די בעקערן וועגן דעם בעטגעוואנט און וועגן דער ראָטאָנדע, וואָס מע האָט אוועקגע־גאנוועט אפ דער גרענעץ:

„... — זאָגט כאָטש לעהאוודל.

— בא מיר איז דען גנייווישע קישנס?

— גנייווישע, ניט גנייווישע, איך בין צוקאָפּנס ניט געשטאנען.

— איך פארשטיי ניט, מעכוטענעסטע, וואָס איז בא אײַך פאר א לאָשן?

— וואָסער א גוט מאָרגן, אזא גוט יאָר.

— מעכוטענעסטע, מיט וואָס האָב איך דען אָנגערירט אײַער האָנאָר?

— ווער זאָגט דען, אז איר האָט מיר אָנגערירט מײַן האָנאָר?

— וואָס זשע זאָגט איר לעהאוודל?

— פארשטייט זיך, לעהאוודל! אז איך רעד פון מײַן ראָטאָנדע, פאָרט איר מיר ארײַן מיט אײַער בעטגעוואנט, מיט אײַערע קישנס!

— בא מיר איז דען גנייווישע קישנס?

— גנייווישע, ניט גנייווישע, איך בין צוקאָפּנס ניט געשטאנען...“

די ארגומענטאציע בא ביידע מיטשפּרעכערנס האָט זיך שוין אויסגעלאָזט, דאָס אויסטײַנען זיך אָבער האָט זיך נאָך ניט געענדיקט, מע איז נאָך ניט געקומען צו קיין פארשטענדיקונג, און ס'איז דאָ א באדערפעניש פאָרצוזעצן דעם וויקועך, — קערט מען זיך אום צום אויסגאנג־פּונקט, און ס'באקומט זיך א מין רייד־קאָנווייער א מין сказка про белого бычка: אפ אזא אויפן קאָן מען זיך אויסטײַנען אָן א סאָף, און אין דעם שטעקט דער קאָמיזם.

עטוואָס ענלעכס טרעפן מיר אינעם דיִאלאָג פון יענטע דער קורעלאפּניטשקע מיט אזריִעלן:

„איז אינדרויסן שטיל, כאפּט זיך פיש, און אז ס'כאפּט זיך פיש, איז וואָלוול פיש. איז אינדרויסן א ווינט, כאפּט זיך ניט קיין פיש, און ס'איז טײַער פיש. נאָר גלײַכער איז, אז ס'כאפּט זיך און ס'איז וואָלוול... אזוי זאָגט ער, אזריִעל, הייסט עס. פרעג איך אים: „וואָס איז דער סייכל?“ זאָגט ער: „דער סייכל איז א פּראָסטער סייכל: איז אינדרויסן שטיל, כאפּט זיך פיש!...“ א. אז. וו. („דאָס טעפּל“).

נאָך אן ארט וואָרט־פארשווענדונג איז די איבעריקע „באוואָרענישן“, פאר־פּינקטלעכונג, היסנאצלעס, רעזערוואציעס:

א) „... א ווײַב, הייסט עס, ווי אלע ווײַבער, דאָס הייסט, אזוי אפן קוק איז זי אפילע דאפקע גאָר נישקאָשעדיק, אן „אָסאָבע“, קיין אײַנאָרע, צוויי מאָל אזוי די גרויס ווי איך, און ניט קיין מיִעסע, טאקע א יעפּאס־טויאר, קאָן מען זאָגן, און ניט קיין נארישע, א קלוגע, קאָן מען זאָגן, א גאנצע קלוגע, א באר־דאס, א גאנצער מאנצבל...“ („גימענאזיע“).

ב) אליין בין איך, דארפט איר וויסן, א יונגערמאן, ווי איר זעט מיִך, פון א קליין שטעטל... דאָס הייסט, דאָס שטעטל איז דאפקע א היפּש שטעטל, א שטאָט, קאָן מען זאָגן, נאָר קעגן אײַער שטאָט הייסט עס א שטעטל... און דערצו, דארפט איר וויסן, איז זי נאָך נישט איבעריק קלוג אויך. דאָס הייסט,

אזוי אפילע אז איר וועט מיט איר ריידן, איז זי, דאכט זיך, ניט קיין נאר, גאָר קיין נאר נישט, מע קאָן זאָגן, א קלוגע, א גאנץ קלוגע, א כרוצע, א מאנצבלשער קאָפּ אפ איר! („אן אייצע״).

דער דערציילער איז געוויינלעך א מענטש מיט אן אָנגעוויטיקט הארץ, א מענטש, וואָס טראָגט זיך ארום מיט עפּעס אן אומגליק, א „באָמבע״, א „פּעקל״. פאר אזא איינעם איז פּסיכאָלאָגיש גאנץ בארעכטיקט דאָס שטרעבן צו פארפינקט־לעכן יעדער דעטאל, צו באוואָרענען יעדער קלייניקייט. צוליב דעם נוצט ער א ריי סינאָנימען מיט גראדאציע (אָנוווּקס פון דער אייגנשאפט): נעגידים—גווירים אדירים, גאָר נישקאָשעדיק — אן „אָסאָבע״, ניט קיין נארישע — א קלוגע — א גאנץ קלוגע — א בארדאס א. ד. גל. דערביי פילט אָפּט ניט דער דערציילער, ווי אין דראנג צו באַוואָרענען, צו פארפינקטלעכן פאלט ער אריין אין ווידערשפרוך מיט זיך אליין: נישט איבעריק קלוג — א גאנץ קלוגע — א כרוצע; א קליין שטעטל... — ...א שטאָט קאָן מען זאָגן א. ד. גל.

אין א גרויסער מאָס ווערט די רייד־פאזראָנעס נאָך אויסגעדריקט אין איבערכאזערנג איינעם און דעם זעלבן קלאנגען־קאָמפּלעקט.

פארשטייט זיך, ניט יעדער מין איבערכאזורונג איז אן אויסדרוק פון באריי־דעוודיקייט און איז קאָמיש. ווייסן מיר דאָך פון איבערכאזורונג, וואָס קומט פון טיפער איבערלעבונג, פון אופרעגונג — איבערכאזערונג, וואָס אינעם ארסענאל קינסטלע־רישע מיטלען דינט זי אלס פיגור אפ אויסצודריקן בעפיירעשט טראגישע, דערהויבענע מאָמענטן. אשטייגער, די איבערכאזערונג אין פאָלגנדיקער שטעל:

„כאנע: ...איך קאָן נישט זיין דאָ מער, אין דער דאָזיקער שטוב!..

מייער! הא? דו קאָנטס ניט זיין דאָ מער? אין דער דאָזיקער שטוב? מאלקע! דו הערסט? זי קאָן ניט זיין דאָ מער, זאָגט זי, אין דער דאָזיקער שטוב! ס'איז איר דאָ ענג, ס'איז זיי דאָ אלעמען מיט אמאָל געוואָרן ענג אין דער דאָזיקער שטוב!... ווינ לאנג, אז ס'איז אייך נימעס די דאָזיקע שטוב?...״ (צעז).

דאָ דינט די איבערכאזערונג ניט אפ צו ווייזן באריידעוודיקייט, נאָר אפ צו באַטאָנען די דראמאטיקייט פון דער האנדלונג. מיט די ווערטער „אין דער דאָזיקער שטוב״ דריקט כאנע אויס פאראכטונג און סינע, וואָס זי פילט צו דער אומגעלומ־פערטער שטוב פון אירע עלטערן. איר פאָטער, מייער שאלאנט, פילט זיך געטראָפן, שטארק שאָקירט פון אָט דער פארביסענער סינע פון אן אייגענער טאָכטער צו דער שטוב, וואָס אפ אופשטעלן זי האָט ער אוועקגעלייגט, ווי ער רעכנט, אזויפיל מי, און ער כאפט זיך אָן אין דעם דאָזיקן אויסדרוק אפ צו אדויסווייזן זיין אופגע־בראכטקייט מיטן ווידעראנאנד, וואָס הערט אין זיין מישפּאָכע, זיין פארביטערט־קייט פונעם „צעזייט און צעשפרייט״.

הומאָריסטישע איבערכאזערונג מיינט אזא איבערכאזערונג, וועלכע נעמט זיך פון ניצלאָז אויסגעבראכטער שפּראך־ענערגיע.

אין דער ערשטער ריי איז עס שייך צו דעם טיפ איבערכאזערונג, וואָס אָפּע־רירט מיט ווערטער אָדער ווערטער־גרופּעס, אין וועלכע ס'איז ווירקלעך אויסגעדריקט די אידיי־פיקס, דער גאנצער לעבנס־אָנהאלט פון געגעבענעם פערסאָנאזש, אָדער

אזעלכע שפראכ־מאָמענטנ, וואָס שפיגלענ אָפ א געוויסנ נאטור־שטריכ צי פסיכאָלאָגישע אייגנשאפט פונעמ מענטשנ.

גיטל פוּ־ישקעוויטש, אשטייגער, כאזוערט אָפט איבער: „בא א מאמע אנ אלכאָנע וואָס פריִער גאָט, דערנאָכ וויסאָצקי“. דאָס דאָזיקע ווערטל שטרייַכט אונטער דעמ קאָמפלעקס איבערלעבונגענ, מיט וועלכנ ס׳איז פארבונדנ איר איינציקער כיִונעקוואל.

דאָס זעלבע איז מיטנ ווערטל־רעגילעס באמ „פארקישעפטנ שנייַדער“ שימענ־עלי שמא־קויליינו: „שער אונ אייַזנ אונדזער פאָלק אמכאָ“ — אנ אויסדרוק, וואָס איז ענג צוזאמענגעבונדנ מיטנ זייַנ שנייַדערישער פראָפעסיע.

דער „דזשענטלמענ“ פונ דער דערציילונג „יויסעפ“ כאזוערט אָפט איבער דעמ אויסדרוק „איכ בינ, ווי איר זעט מיכ, א יונגערמאנ א הייַנטיקער, אונ א שיינער פארדינער, אונ א קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פאָדאָבנע“. פונ דעמ דאָזיקנ שפראכ־הומאָריסטישנ אויסדרוק באקומענ מיר א פולשטענדיקע, א פארגאנצטע כאראקטעריסטיק פונ א זעלבסצופרידענעמ פיליסטער, א באַרימער. דער „אי טאָמו פאָדאָבנע“ שטרייַכט אונטער דעמ אינטעלעקטועלנ דאלעס פונ אָט דעמ טיפ.

פאר די איבערלעבונגענ אונ שטימונג פונעמ באָסלעווער „ניסרעפ“, וואָס איז אופגעטראָגנ אפ דער גאנצער שטאָט אייַנוווינער, וועלכע האָבנ אימ, ווי ער רעכנט, פארמאסערט, איז כאראקטעריסטיש דאָס ווערטל: „א רועכ אינ זיי אינ טאטנ, אונ גאָרניט“.

דער באלעגאָלע פונעמ מאָנאָלאָג „קיינ אייַנאָרע ניט“, א גוטמוטיקער פאָלקסמענטש, איז, נישט געקוקט אפ אלע אומגליקנ, צופרידנ מיט זייַנ שיקזאל. אינ יעדער זאכ געפינט ער עפעס א טרייסט, עפעס אנ אָנהאלט פאר זייַנ אָפטימיזמ. פאר דער שפראכ פונ אזא פערסאָנאזש איז ווי אָנגעמאָסטנ דאָס אומענדלעכ זיכ איבערכאזערנדיקע „קיינ אייַנאָרע“:

„ווי איר זעט מיכ אָטאָ, בינ איכ מיר א ייִד מיט קיינ אייַנאָרע צוויי פערדעלעכ אייגענע. יענער, דער בולאנער, איז בא מיר שוינ קיינ אייַנאָרע דאָס אכטע יאָר, ווי איר קוקט אימ אָנ, א שווערפיסיקער, נישט אזא לויפער, נאָר א „נעמער“ קיינ אייַנאָרע א גוטער, אונ דעו׳ קאשטאנאָוואטער איז אויכ קיינ אייַנאָרע א יאָדערדיק פערדל... אינדערהיימ איז פאראנ א ווייַב מיט קיינ אייַנאָרע זעקס פיקערס; זי קינדלט קיינ אייַנאָרע, אלע יאָר עסטער הייסט זי, אונ דערפאר האָט זי טאקע א פאָנעמ פונ א רועכ. געוועזנ א שיינע קיינ אייַנאָרע...“

דער קאָמישער עפעקט באקומט זיכ דאָ ניט בלויז פונעמ איבערכאזערנ דעמ „קיינ אייַנאָרע“, נאָר אויכ פונ אָנווענדנ אימ אבסאָליוט מעכאניש — אפילע בענעגייע דערשייַנונגענ, וואָס זייַנענ שוינ פאָרגעקומענ, בא וועלכע מע קענ שוינ, לעכאָל האדייעס, קיינ גוט־אויג ניט געבנ...

אפ צו אקצענטירנ אוועלכנ ס׳ניט איז מאָמענט נוצט אמאָל שאָלעמ־אלייכעמ אנ אָריגינעל מיטל — א קאָמבינאציע פונ איבערכאזערונג דורכ וואָרטבילדונג; דערבייַ איז די וואָרטבילדונג אמאָל א געוויינלעכע אונ אמאָל א נעאָלאָגיזירטע.

מענאכעם־מענדל רעדט וועגן דער פּאַרנאָסע פון אַן אַגענט און וויל באַטאָנען, אַז דער איקערדיקער „אינסטרומענט" איז בײַ אים דאָס ריידן. ווערט אַרום דעם וואָרט „רייד" געבויט אַ גאַנצע ווערטער־שפּיל:

„אַן אַגענט מוז קאָנען שפּראַך, דאָס הייסט, ער דאַרף קאָנען ר ע ד ן,
צ ו ר ע ד ן, אײַ נ ר ע ד ן, א י ב ע ר ע ד ן און פ א ר ע ד ן, אַזוי לאַנג רעדן,
ביז יענער זאָל זיך שוין מוזן שטראַפירן פון טויט".

דאָ איז גענומען איין וואָרצל — „רעד" — און ער ווערט וואַריִרט מיט אַלערליי אַפּיקסן.

נאָר אָט איז בײַ אים אַן אַנדער אידיי־פיקס — ער ווערט אַ „שרײַבער". נעמט ער מאַניפּולירן מיטן וואָרט „שרײַב" אויף אַלערליי אופנים:

„זיי ש ר ײַ ב ן מיר, אַז מײַנע ש ר ײַ ב ע כ צ געפעלט זיי דאָפּקע זייער גוט,
און לייגן מיר פֿאָר, איך זאָל זיי א ר ו י ס ש ר ײַ ב ן די אַלע מײַנע ב א ש ר ײַ־
ב ע כ צ ן באַאַריכעס; און אויב מײַנע ב א ש ר ײַ ב ע כ צ ן וועלן זײַן גוט
ב א ש ר י ב ן, וועלן זיי מײַנע ב א ש ר ײַ ב ע כ צ ן מיט פאַרגעניגן אָפּדרוקן..."

שיינע־שיינדלעס זײַן ווײַב אַרט שטאַרק, וואָס מענאַכעם־מענדל שפּילט אין קאָרטן, אין „אָקע". דאָס דאָזיקע וואָרט איז בײַ איר אין געגעבענעם מאָמענט אין פּסיכישער הינזיכט אַ מין „קרענקונג־קאָמפּלעקס", קאָנויגירט זי דאָס דאָזיקע וואָרט לויט אַלע צײַטן און מאָדוסן, אַנטפּלעקנדיק דערבײַ איר גאַנצע פֿאַרבײ־טערקײַט:

„...מע זעצט זיך אוועק אויף אַ גאַנצער נאַכט שפּילן אין „אָ ק ע". עס זאָל
אײַך אַזוי אָ ק ע נ אין קאָפּ... ווי עס אָ ק ע ט מיר אין האַרצן..."

אין דער דערציילונג „דער פּאַרקישעפטער שנײַדער" איז דער צענטער פון דער האַנדלונג די ציג. טרעפן מיר דאָרט עטלעכע ערטער, וווּ דאָס וואָרט „ציג" ווערט איבערגעכאַזערט, אָפט מיט די פאַרשיידנסטע וואָרטבילדנדיקע, צומאָל נעאָ־לאָגיזירנדיקע מיטלען:

א) ...און זיי: צ י ג־צ י ג! צ י ג־צ י ג! מאָנעשעכ, אָדער פאַרקויף זיי די
צ י ג, אָדער פאַרקויף זיי ניט די צ י ג..."

ב) „...צ י ג־צ י ג! צ י ג־צ י ג! סע ציגט מיר שוין אין קאָפּ, צ י ג ט מ י ר!"

ג) „טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג צו צ י ג ן טאָמער?"

ד) „איך האָב שוין אײַנגעהאַנדלט אַ צ י ג, אָבער פון צ י ג נ ל א נ ד אַ צ י ג,
אַ צ י ג אשער לוי צ י ג ו נ י אוויסיינו..."

שימען־עליע עסט זיך אײַן זײַן שטאַרק בייזער ווײַב מיט זײַנע פּסוקים, וואָס ער שיט אויף יעדער טריט און שריט, — זאָגט זי מיטן האַרצן:

„מיר דאַכט, אַז איך וועל דיר געבן אַ פּ אָ ס ע ק, וועסט דיר ווערן פּ אָ־
ס ע ק ד י ק אין די אויגן!"

אַמאָל דינט די איבערכאַזערונג פון אַ וואָרט פּאָשעט אויף צו אונטערשטרײַכן די טעווע פון באַריידעוודיקײַט באַם געגעבענעם פּערסאָנאַזש ביכלאַל; דאָ איז שוין ניט וויכטיק, וואָס פֿאַר אַ וואָרט ס'ווערט איבערגעכאַזערט.

נעמען, אַשטייגער, פּעסלען פון „צעזייט און צעשפּרייט": כאַפּט זי זיך אָן פֿאַר עפּעס אַ וואָרט, לאָזט זי עס ניט אַרויס פון מויל, ביז... ס'וואַרפט זיך ניט און

טער א צווייט וואָרט, וואָס זי האָט א מינדסטע געלעגנהײַט עס איבערצוכאַזערן לויטן גאַנג פון איר דערציילן:

„... האָט ער געהאַנדלט מיט ווײַץ, איז ווײַץ געלעגן אין דער ערד. אַ־וּוּ וואָס די ווײַץ אליין האָט געטויגט אף קאַפּאָרעס, איז ניט געווען קיין קינעט אף קיין ווײַץ. כאַטש נעם די ווײַץ און וואַרף ארויס די ווײַץ. זאָג איך אים: וואָס האָסטו זיך אָנגעקלעפּט אין ווײַץ? זעסט דאָך, אז די ווײַץ איז ניט קיין ווײַץ. נעמט מען, זאָג איך, און מע קויפט פּראָסע, און מע קויפט הירזש. גייט ער און קויפט הירזש. ווערט א זאַך אף הירזש. אומעטום הירזש, ווו מע טוט זיך א וואָרף — איז הירש און הירזש! צו וואָס האָט דיר געטויגט, זאָג איך, הירזש? הירזש גייט דיר אָפּ? זאָגט ער: האָסט דאָך מיר אליין געהייסן קויפן הירזש! האָב איך דען געמיינט, זאָג איך, דאַפקע הירזש?

אין דער איינער רעפּליק האָבן מיר איבערגעכאַזערט פריִער דאָס וואָרט „ווײַץ" (9 מאָל!), דערנאָך דאָס וואָרט „הירזש" (10 מאָל!). נאָר אָט איז שפּעטער אביסל געקומען צו רייד פון מאַזל, אהא — פּעסיע מאַזלט שוין אָן אופהער...

צי, לעמאָשל, רעב מוישעלע זײַדנשטאַמער. ער האָט געגוג צײַט אף צו צעלייגן יעדער נאַרישקײַט אף טעלערלעך. און ער נעמט ברייטלעך דערציילן:

„ס׳איז אַזוי די מײַסע. געגאַנגען פּאַרבײַ, וואָלט ניט ארײַנגעגאַנגען. רופט זיך אָן צו מיר זי: לאָמיר ארײַנגיין. זאָג איך: וואָס עפּעס פלוצעם אינמיטן דערינען? זאָגט צו מיר זי: וואָס אַרט דיך? מיר זײַנען שוין דאָ, לאָמיר ארײַנגיין. זאָג איך: מיילע, לאָמיר ארײַנגיין... און יאָ־אָ! איך בין, דאַרפט איר וויסן, ניט קיין ליבהאָבער אף גיין. מיר אלע האָבן ניט ליב גיין. די זײַדנשטאַמערס האָבן פײַנט גיין. כאָטש דער דאָקטער האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל דאַפקע גיין..."

ס׳אַרא „טיפער אינהאַלט" ליגט אין אָט דער ארויסזאָגעכץ! די דאָזיקע גאָרנישט ניט זאָגנדיקע רעפּליק מיטן „זאָג איך" — „זאָגט זי", מיטן אָן שיר זיך איבערכאַזערנדיקן וואָרט „(ארײַנ)גיין" כאַראַקטעריזירט זייער טרעפלעך דעם באַגרענעצטן, זעלבסט־צופרידענעם, אין ייִכעס „אײַנגעטונקענעם" פּערסאָנאַזש פון שאָלעם־אליכעמס פּיעסע.

א טיפּ הומאָריסטישע רייד־אויסברענגערײַ איז די פּאַראַזיטיזמען, מיט וועלכע שאָלעם־אליכעמ באַשענקט א ריי פּערסאָנאַזשן. דאָס איז פאַרשיידענע ווערטלעך — רעגילעסן, וואָס דער אָדער יענער פּערסאָנאַזש פלעכט אָפּט ארײַן אין זײַנע רייד, — ווערטער־באַהעפטנן אָן שום באַטײַטלעכן אינהאַלט.

אמאָל איז דאָס סטאַם א וואָרט־לאַטע אף צו פאַרדעקן עפּעס א לאָך אינעם געדאַנק.

בא אייניקע דריקט זיך עס אויס אין דעם, וואָס זיי קערן זיך אום צוריק צו איינעם אָדער עטלעכע זאַצגלידער, מיט וועלכע די פראַזע איז אָנגעהויבן:

א) איך בין יענטע בין איך, יענטע די קורעלאַפּניטשקע, איך האַנדל מיט אייער האַנדל איך... („טעפל").

ב) „איך בין געזעסן און געלערנט מיט די טאַלמידים בין איך געזעסן. קומט ארײַן אָט דער ייִד פון זלאָדיִעווקע, אָט דער, און זאָגט, אז

ער איז א זלאַדיִעווקער, פון זלאַדיִעווקע, זאָגט ער, און גיט אָפּ שאָלעם גיט ער מיר אָפּ, און דערציילט מיר א גאַנצע מײַסע דערציילט ער מיר...״ (פּש).

די דאָזיקע איבערכאַזערונגען זײַנען ניט קיין צופעליקע. זיי זײַנען א היפּשער בײַטראָג צו דער כאַראַקטעריסטיק פון די פּערסאָנאַזשן: בײַ יענטע דער קורעלאָפּניטשקע איז עס איינע פון די אַנטפּלעקונגען פון איר באַריידעוודיקײַט און העלפט מיט צוצוגרייטן דעם פינאַל — ווען דער ראָוו פאַלט אױש כאַלאָשעס פון איר באַריידעוודיקײַט; בײַם ייִדן פון דעם מאָנאָלאָג „פונעם פּריזיוו״ דינט עס אױף צו באַטאָנטיקן די לעצטע ווערטער, — אַז ער איז א נודניק; פאַר כאַים־כאָנע דעם „קלוגן״ איז עס כאַראַקטעריסטיש אַלס פאַר א ייִד א טיפּעש, וועמעס שפּראַך ס'איז אַזוי פאַרטעמפּט און פאַרהאַמעוועט ווי זײַן באַגרענעצטער מויעך... אינעם לעצטן בײַשפּיל, אַגעוו, האָבן מיר אויך א דערשײַנונג פון „פאַרקישעפטן קרײַז״, ווען וועלכן מיר האָבן שוין איבן גערעדט.

בײַ אַנדערע פּערסאָנאַזשן באַשטייען די איבערכאַזערונגען אין גאָרנישט ניט זאָגנדיקע ווערטער, וואָס דינען אױף צו שליסן דעם שטראָם ווערטער, אױף צו „פאַרקײַלעכיקן״ עפּעס אַן אַרויסזאָגונג:

„א בוך מיט כויוועס, מיט שלעק, מיט צאָרעס, מיט דאָס, מיט יענץ, מיט אוקעדוימע״ („באַשערט אַן אומגליק״).

דער ריידער צעיאָגט זיך אױף אַרויסצורעכענען א גאַנצע ריי געגנשטאַנדן אָדער דערשײַנונגען, אָבער דער געדאַנק זאָגט מער ניט אונטער ווי א צוויי־דרײַ, איז די אינערץ פון דער רייד כּירט צו אַרויסברענגען א ריי ווערטער, וואָס געבן דער אַרויסזאָגונג גאָרנישט ניט צו.

דער פּאַראַזיטיזם, דאָס קאָמישע מיסברויכן מיט עפּעס א וואָרט־רעגילעס, וואָס ווערט דער אוניווערסאַלער טרעגער פון אַלע באַטײַטן בײַם געגעבענעם פּערסאָנאַזש, איז אָפט א רעזולטאַט פון זײַן גײַסטיקן דאַלעס, פון געדאַנקען־פּלאָנטער. אױף אָט דעם באָדן באַקומט זיך א קאָמישער ווערטער־שפּיל אין דער רייד פון בעני שאַדכן אין „צעזייט און צעשפּרייט״:

א) „בעני: איר האָט מיטן דאָזיקן שידעך ניט שלעכט געדאָסט, געטראָפן מיין איך..״

ב) „בעני: וואָס דאַרפט איר זײַן אַזוי דאָסיק? איך בין דאָך ניט מער ווי א דאָס, א שאָליאַך מיין איך. מע זאָגט, איך זאָל דאָסן, דאָס איך, מיין איך, איך זאָל גיין, גיי איך...

מייער: דאָסט זשע געזונטערהייט!...״

אין אייניקע פאַלן קומט פאָר בײַם בויען די פּראָזע אַן איבערוק פון די סעמאַנטישע רייען, א ניט־אַנטשפּרעכיקײַט צווישן דער סינטאַקסישער און געדאַנקלעכער זײַט פון דער רייד, א ניט־צוועקמעסיקער וואָרט־באַנוץ.

דער יונגערמאַן פון דער „אײַצע״, אַשטייגער, דערפילט זיך ניט אַמבעסטן, ווען מע שטעלט אים א פראַגע וועגן זײַן באַשעפטיקונג, הייבט ער אָן שטאַמלען:

„מיט וואָס איך פאַרנעם זיך, ווילט איר וויסן? המ... איך פאַרנעם זיך... הייסט עס, כוועט טו איך לעסאַטע גאָרנישט ניט, זיץ נאָך, הייסט עס,

אפּ קעסט באַ שווער און שוויגער, דאָס הייסט, ניט אפּ קעסט, נאָר אינײַנעם זיצן מיר, אפּ אַלעם גרייטן...

שאָלעם שאַדכנ, ריידנדיק מיט סאָרע-כאַנציע, קאָן זיך ניט „אויסדרייען אפּג טעלער" און פאַלט אַרײַן אינ שטאַמלעניש:

„...(לעפּעטשעט מיט דער צונג) איך בעט אײַך, סאָרע־כאַנציע... איר זײַנט דאָך... א...א... איך מיינ טאַקע בעעמעס מיינ איך... א...א... ווי זאָגט ער, א...א...א... אישע צנוע, א..." („געט").

ווי מיר זעען, איז די באַריידעוודיקייט פונ שאָלעמ־אַלייכעמס פּערסאָנאַזשנ אינ־גאַנצנ פונקציאָנעל, קינסטלעריש באַרעכטיקט. זי איז אינ גרונט כאַראַקטעריסטיש פאַרנ קליינשטעטלדיקנ פאָלקסמענטש מיט זײַנ פאַרלאַנגזאַמטנ לעבנס־טעמפּ (ס'איז דאָ צײַט צוריידנ אַסאַך). זי שפּיגלט אָפּ די שטרעבונג פונעם באַוווּלטנ און דער־שלאָגענעם צו „אויסגיסנ דאָס ביטער האַרצ", דעם נערוועז־היפּערטראָפּירטנ פלײַס באַם אַרגומענטירנ די אייגענע גערעכטיקײַט; אויך די פאַרשיידענע אינדיווידועלע כאַראַקטעריזירנדיקע רייד־שטריכנ פונ באַזונדערע פּערסאָנאַזשנ, — מיט איינ וואָרט — זי גיט סינטעטיש איבער דעם רייד־קאָלאָריט פונ שאָלעמ־אַלייכעמס רײַכער גע־שטאַלטנ־גאַלעריי.

## VI. שפּראַך־הומאָר פונ נוצנ אַנדערשפּראַכיקע ווערטער און אויסדרוקנ

שאָלעמ־אַלייכעמס טיפּאַזש — דאָס איז די פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס מאַסנ־מענטשנ, וואָס געפינענ זיך אָפּט אפּ א גאַנצ נידעריקנ קולטור־ניוואָ.

ווי רײַך און זאַפטיק די דאָזיקע פאָלקס־מענטשנ זײַנענ אינ זייערע רייד, ווענ זיי טוקנ זיך אינ די זאַפטנ פונ דער ריינער אומגאַנגלעכער פאָלק־שפּראַך, — אַזוי אומבאַהאָלפנ ווערנ זיי, ווי נאָר זיי מאַכנ א פּרווו צו מאָדערניזירנ זייער שפּראַך, צו פאַרייגענענ די אָדער יענע עלעמענטנ פונ אַנדערע שפּראַכנ און אַפילע צו פאַר־ייגענענ עלעמענטנ פונ דער אייגענער שריפט־שפּראַך.

אַזוי ווי ס'איז פאַראַנ קאָמישע האַוואיעס באַם פאַרייגענענ נאָך ניט געוווינטע באַווע־גונגענ אָדער פּראָצעסנ, אַזוי דינענ אַלס שפּײַז פאַר שפּראַך־קאָמיזמ די פּרווונ פונעם קאַסרילעווקער פאָלקס־מענטש צו פאַרייגענענ נײַע קולטור־דערשײַנונגענ אינ זײַנ שפּראַך.

אַנ אָנדײַט אפּ דעמ, אפּ וואָס פאַר אַנ אויפנ מענאַכעמ־מענדל נעמט אופּ די לי־טעראַריש־יידישע שפּראַך און די ריינ־ליטעראַרישע עלעמענטנ, וועלכע זײַנענ נאָך געווענ פרעמד דעמ פאָלקס־מענטש, — האָבנ מיר שוינ אינ אַנ אָרט פונ א בריוו צו שיינע־שיינדלענ:

„... ווי מע זאָגט באַ אונדז אינ אָדעס: „אינ בעסטנ אָ ר ד ע נ ו נ ג" (ממ).

מענאַכעמ־מענדל ווערט א „שרײַבער", ער פאַרבינדט זיך מיט א רעדאַקציע, ער באַקומט פונ איר בריוו, געשריבנ אפּנ ליטעראַרישנ ייִדיש. אַסאַך ווערטער קלינגענ אים נאָך מאָדנע, זײַנענ אים ניט פאַרשטענדלעך. פּרוּווט ער זיך דערגרונטעווענ צומ טײַטש פונ אָט די ווערטער דורך עטימאָלאָגיעס:

„זי (די רעדאַקציע) וויל נישט מער, בילטי איך זאָל איר שילדערנ (אַזוי טאַקע מיט דעם לאָשנ) דאָס לעבנ פונ דער שטאָט יעהופּעצ מיט אַלע אירע

ט י פ נ. די מאשגיאָעס, אז זי וויל וויסנ, וואָס בא אונדז אינ יעהופּעצ ט ו ט זיכ, וואָרעמ וואָס דענ איז דער פּשאט „טיפנ״?

מענאכעמ־מענדל וויל אײַנגעפינענ אײנ געמײנזאמענ וואָרצל אינ די ווערטער „טיפנ״ אונ „טוענ״ (דיאלעקטאל — „טיענ״); ס׳פארשטײט זיכ א פאלשע עטימאָלאָגיע.

אָבער די ספּעציפישע וואָג פונ דער ייִדישער ל י ט ע ר א ר י ש ע ר שפּראכ אלס ק ו ל ט ו ר ־ פ א ק ט אָ ר איז נאָכ צו יענער צײַט געווענ א גאנצ קנאפּע צווישנ דער אָפּגעשטאנענער שטעטלשער פאָלקסמאסע. אינ פּראָצעס פונ צופּאסנ זיכ צו דער בורזשואזיע האָט דאָס קלײנבירגערטומ איבערגענומענ אײניקע ווערטער פונ רוסיש (דערינ אויכ — אינטערנאציאָנאליזמענ, וואָס זײַנענ אײַנגעבירגערט אינ רוסיש), דעריקער אזעלכע, וואָס באצײכענענ באגריפנ פונ סאָכרישנ, ביוראָקראטישנ אָדער קוואזי־אריסטאָקראטישנ אנטוראזש.

שאָלעמ־אלײכעמ ווײַזט, וויאזוי ס׳קומט פאָר דער פּראָצעס פונ פארדײענ די רוסישע ווערטער:

1. „ווער עס האָט געהאט גאָט אינ הארצנ אונ א קערבל אינ קעשענע, דער איז נע גאָדימ״ („גיטל פורישקעוויטש״) —

אזוי קלינגט דאָס רוסישע פּאטאלע וואָרט („טויג ניט״) אינ די אויערנ פונ דער פארביטערטער ייִדענע, וואָס פירט איר זונ צומ פּריזיוו.

2. „אז סע פאלט ניט אָנ אפ מיר דאָס באָכערל: „א וואמ קאקאיא דעלאָ״ (ממ) —

הערנ מיר פונעמ קלאָמערשט „גרויסשטאָטישנ״ מענאכעמ־מענדלענ.

אונ אפילע דער אופגעקלערטער פּיניע, וואָס האָט זיכ אָנגעלײענט מיט ביכער ווי א פּויק אונ לאָזט ניט ארויס פונ מויל די נעמענ פונ די גרעסטע מענטשנ, — לײגט ער אוועק א רוסיש, שוינ אײנמאָל א רוסיש!

א) „סלוכײַ, נאָ, טשאָלאָוויק! טשאָרט טאָבי נע ווזיאל קאק מי פּאָיעכאלי אווו אמעריקו איז מנאָזשעסטווענע טשיסלאָ פּאָדושעטשעק אי פּאָדושעק, קאָטאָרע מי טאָבי דאל נא וואָדקע אי מאָלטשי סוויניא!״

ב) „א קאק ווי קושאיעטע סוויניא?״ (מאָטל).

דאָס רעדט פּיניע מיט ניט־ייִדנ. אָבער מיט זײַנ רוסיש לאָזט ער זיכ הערנ אויכ, ווענ ער רעדט צו ייִדנ. דאָס קומט בא אימ פאָר אינ צושטאנד פונ אפעקט, ווענ ער איז שטארק אופגערעגט אונ זוכט דעמ מאקסימומ אויסדרוק־מיטלענ אפ צו ארויסברענגענ זײַנ עקספּרעסיווקײַט:

„קאק מאָזשנע — וויאזוי איז דאָס מעגלעכ? קאקוי פּאָלנע פּראוו — ווי האָבנ זיי דאָס רעכט אונדז הייסנ פאָרנ צוריק? קאק אימ נע סטידנאָ — ווי שעמענ זיי זיכ ניט אינ א לאנד פונ ציוויליזאציע?״ (מאָטל).

פּיניע פארמאָגט אינ א געוויסער מאָס די רוסישע אונ אינטערנאציאָנאלע לעקסיק, נאָר דאָס אלצ איז בא אימ פונ בוכ, ניט פונ לעבנ, אונ דאָס שפּיגלט זיכ גלענצנדיק אָפּ אינ זײַנע רוסישע אונ רוסיש־ייִדישע טיראדעס.

די שוואכע באהאוונטקײַט אינ דער רוסישער שפּראכ פירט צו מעכאנישער איבערזעצונג, אונ דאָס גיט דעמ גרעסטנ קאָמישנ עפעקט.

א רוסיש פונ אָט דעמ שניט אומגעפער (אונ מיט פארקריפּלטע רוסישע פאָרמעס דערצו) טרעפנ מיר אינעמ טעלעגראמענ־אויסטויש צווישנ די שאדכאָנימ פונ „עס פידלט ניט" (ממ):

א) „טאָוואר אָסמאָטרעל. פּערווי סאָרט. שעסט טיסיאטשי. טעלעגראמירויטע סקאָלקאָ נאפּראָטיוו. גדיע סיעכאיעמסיא".

ב) „... נע טיאנוט דלינע סקאמייקע. סטראָטשיטע וועיעכאיעמ".

אנאליז אונ קאָמענטארנ זײַנענ דאָ אינגאנצנ איבעריק.

שאָלעמ־אלייכעמ האָט פײַנט דעמ פּארוועניו, דעמ אופגעקומענעמ גוויר, וואָס רײַסט זיכ אָפּ פונ דער ייִדישער מאסנ־סוויווע אונ פונ אייגעמ פונ אירע וויכטיקסטע אטריבוטנ פונ דער ייִדישער פאָלקשפּראכ; ער לאכט בייז אויס די „געבוילבעסטע־מעשטשאנישע „באַרישנע", וואָס רעדט „פּאָ רוסקאָמו:

„...איכ האָב געוואָלט עפּעס פרעגנ.

— נאפּרימער?

— נאפּרימער,... איכ האָב אײַכ געוואָלט פרעגנ, וואָס איז אײַער באגער...

וידיטע... סאָבסטוועננאָ וואָלט איכ געוואָלט א געקאָנטשעטנ,

נאָר איכ וויס, אז ס'איז פּאָנאפּראסנאָ, וואָלט איכ וועלנ, פּאָ קרײַנימערע, ער זאָל זײַנ אנ אָבראזאָוועטער, וואָרעמ כאָטש אונדזער יאמפּעלע סטשיטאיעט זיכ א פּאנאטיטשעסקע שטאָט, האָבנ מיר ניע־סמאָטריא אלע פּאָלוטשעט רוסישע אָבראזאָוואניע אונ כאָטיא מיר פּאָסעשטשאיענ ניט קיינ אוטשעבנע זאוועדעניעס, פונדעסטוועגנ וועט איר ניט געפינענ בא אונדז איינ באַרישניע, וואָס זאָל ניט זײַנ זנאַקאָמע מיט עמיל זאָליא, מיט פושקינענ אונ אפילע דאזשע מיט גאָרקינ".

דאָ האָבנ מיר אי גאנצע רוסישע ווערטער („געקאָנטשעטנ", „אָבראזאָוועטנ", „פּאָסעשטשאיענ", „זאסעדאניעס"), אי רוסישע אויסבילדונגענ בא אינטערנאציאָנאלע ווערטער („פּאנאטיטשעסקע"); פאר דעמ, ווי נעפּלדיק־אומבאוווסטזיניק די באַרישנע נעמט אופ אייניקע רוסישע ווערטער, איז כאראקטעריסטיש דער „ניע־סמאָטריא" אָנ אנ אָביעקט אונ די טאוטאָלאָגיע „אפילע דאזשע", וואָס קלינגט זייער קאָמיש.

אונ אָט ווי דאָנקיכאָטיש זעט אויס פיניע מיט זײַנ „מאָדערנער" שפּראכ:

„איכ וועל אײַכ געבנ אינ קורצנ א וזגליאד אפּ דער גאנצער פּאָלאָזשעניע, ווערט איר האָבנ א טאָטשקע זרעניע. מיר פאָרנ קיינ אמעריקע ניט אזוי צוליב ווּאָינסקע פּאָווינאָסט, ווי צוליב סאמאָסטאָיאטעלנאָסט אונ ציוויליזאציע..." (מאָטל)

דער קליינשטעטלדיקער „אינטעליגענט" פיניע מיינט, אז אפּ צו אויסדרוקנ אזעלכע „הויכע" געדאנקענ מוז ער אָנקומענ צו רוסיש. אלע ווערטער פאר אבסטראקטע באַגריפנ נוצט ער רוסישע: וזגליאד, פּאָלאָזשעניע, טאָטשקע זרעניע, וואָרעמ ווי קומט דער „בידנער זשארגאָנ" צו אזוינע הויכע מאטעריעס?!..

אינ דער דאָזיקער פּאראָדיע אפּנ אָדעסער לאָשנ פילט זיכ שאָלעמ־אלייכעמס איראָניזירנ איבער די קאסרילעווקער „זשארגאָנ"־קעגנער...

די כוואליע בלוטיקע ייִדישע פּאָגראָמענ אינ צארישנ רוסלאנד בײַס דעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג אינ 1905 יאָר רופט ארויס א מאסנ־עמיגראציע. די שטעטלשע

ייִדישע פאָלקסמאסע ריַיסט זיך אָפּ פון די איַינגעזעסענע ערטער און לאָזט זיך אין דער וועלט אריַין, דעריקער קיין אמעריקע.

זיך אקלימאטיזירן אין א ניַי אָרט הייסט, אין דער ערשטער ריי, פאררייגענען די שפּראך פון דעם אָרט.

דער פּראָצעס פון שפּראך־אקלימאטיזאציע ווערט באגלייט מיט אָנ־שיר שפּראך־וויי, וואָס גייט אָפּט אריבער אין שפּראך־קאָמיזם.

מאָטלס מישפּאָכע פאָרט קיין אמעריקע.

שוין אין וועג שטויסן זיי זיך צוזאמען מיט א ניַיער שפּראך — מיט דיַיטש. צו־ליב דער לעקסישער ענלעכקיַיט צווישן ייִדיש מיט דיַיטש גייט דאָ דאָס אָריענטירן זיך אין דער ניַיער שפּראך דעריקער אָפּ דער ליניע פון פאָנעטיק.

באַם פארגליַיכן ווערטער פון ביידע שפּראכן טרעפן מיר אויך קאָמישע ערטער:

א) „וואָס" איז „וואס", „דאָס" איז „דאס", שלאָפן" איז „שלאפן", „ברויט" איז „בריַיט", „מילך" איז „מעלך"... „קינד" איז „קונד", „טינטורל" איז „טונטירל"...

ב) „כריין. איינער האָט געזאָגט, אז כריין איז אָפּ דיַיטש: כראן, דער אנדערער האָט געדרונגען, אז כריין דארף מען זאָגן אָפּ דיַיטש „כראָן".

דאָרט, ווו דאָס ייִדישע וואָרט פאלט ניט צונויף לעקסיש מיטן דיַיטשישן, האָבן מיר שוין שפּראך־אנאלאָגיעס:

„דאכט זיך, וואָס קאָן שוין זיַין מער פּאָשעט פון א זייגערל? הייסט דאָס באַ קירע־דיַיטש ניט א זייגערל, נאָר „א האָר". און א האָר איז באַ אים „האר". א האר איז באַ אים א „הער". אהער איז באַ אים „היר־היר", אז מע זאָגט קירע־דיַיטש, זאָל מען גלייבן".

מאָטל ווערט געוואָר, אז „זייגערל" הייסט אָפּ דיַיטש „הור". אָבער אין זיַין וואָ־ליניש־דיאלעקטאלן אויער קלינגט עס ווי האָ ר (волос); וויל ער וויסן, וויאזוי זאָגט איז „האָר" אָפּ דיַיטש, דערוווּסט ער זיך, אז אויך האר איז פאראן אין ייִדיש, נאָר מיט אן אנדער באטיַיט... אזוי ארום באקומט זיך א גאנצע קייט פון פאראלעליזמען צווישן ייִדיש און דיַיטש מיט אן אינטערעסאנטן באטיַיטן־איבערוק: הור — האָר — האר.

דער עמעסער „שפּראך־שטודיום" הייבט זיך אָן באַ די העלדן פון „מאָטל פּייסי דעם כאזנס", ווען זיי קומען „אפן אָרט", קיין אמעריקע. ס'קומען פאָר פּיַיערדיקע דיסקוסיעס און ליידנשאפטלעכע וויקוכים ארום די פארשיידענע באטיַיטן פון די אומ־באקאנטע ווערטער. ס'ווערן דורכגעפירט פארגליַיכן מיט ווערטער ייִדישע, וואָס זיַי־נען קלאנגלעך ענלעך צו די דאָזיקע פרעמדע ווערטער:

1. „פארוואָס עפּעס „עליס איילאנד"? „וויַיל דאָס שטיקל לאנד האָט אמאָל געהערט צו איינעם עלי, איז ער געווען א נאר ביז דער סטעלי".

דער קאָמישער עפעקט ווערט דאָ נאָך פארשטארקט דורך דער גראמען־שפּיל אפן וואָרט „עלי".

2. „זאָגט מיַין ברודער עלי, אז „עליוויַיטער" נעמט זיך פונעם וואָרט „לייטער", און „צאָבהיי" זאָגט מען באַ אונדז אויך, אז מע טריַיבט אָן א פּאָר אָקסן".

אביסל סטימולירט אונדזערע „גרינהאָרנס״ אין זייער „שפּראַך־פאָרשונג״ דאָס, וואָס אין דער לעקסיק פון ענגליש איז ווירקלעך פאראן ווערטער געמיינזאמע מיט ייִדישער (דײַטשישער) לעקסיק. איז געגוג זיי אָנצוטרעפן אין א וואָרט, וואָס איז ענלעך אפּן ייִדישן סײַ לויטן באַטײַט, סײַ לויט די קלאנגען, זיי זאָלן זיך אוועקלאָזן אין א לאנגער כקירע, פאַרוואָס און אַלעמײַ, מיט פאַרשיידענע סוואָרעס און איי־בערסוואָרעס.

3. „...אָפּ צו שלאָפן א רום. הייסט עס „בעד־רום״, און אָפּ צו עסן האָבן זיי א באַזונדער רום, וואָס מע רופט דאָס „דײַנינג־רום״. פאַרוואָס עפּעס דײַ־נינג־רום? ברעכן זיך עליע און פיניע די קעפּ און קאָנען ניט פאַרשטיין. מיילע בעד־רום — ווײַל דאָרטן שטייען בעטן, אָבער דײַנינג־רום — וואָס איז די טײַטש דײַנינג? פאַרוואָס ניט עס־רום״.

די קלאנגלעכע מאָדיפיקאציע פון געמיינזאמע ווערטער מיט ייִדיש רופט ארויס בא מאָטלען פאַרדראָס. ער מיינט, אז ס׳איז ניט אנדערש ווי א צעלאָכעס פון די אמעריקאנער, וועלכע סטאַרען זיך ווײַט־מעגלעך דערווײַטערן זייער שפּראַך פון ייִדיש:

4. „דאָ זאָגט מען ניט „גאָז״, נאָר „געז״. ד. ה. שטינקען שטינקט עס אזוי ווי בא אונדז גאָז, נאָר מע טאָר ניט זאָגן גאָז. מע דאַרף זאָגן געז. אקו־ראַט פאַר׳ערט: סע זאָל בא אונדז אינדערהיים הייסן געז, וואָלט מען דאָ מיסטאמע געזאָגט גאָז״.

קינדער, וואָס הייבן זיך ערשט אָן אָריענטירן אין זייער מוטערשפּראַך, בויען אָפּט לויט אנאלאָגיע. דאָס זעלבע איז בא דערוואַקסענע אין פּראָצעס פון פאַרייגע־נען א נײַע פאַר זיי שפּראַך. אָפּ דעם באָדן טרעפן מיר אויך אינטערעסאנטע שפּראַכ־לעכע אָפּהאנדלונגען:

5. „פּאָנטשן די קלאָק״. קלאָק איז א זייגער און נעמט זיך, זאָגט מײַן ברו־דער עליע, פון גלאָק. א גלאָק קלינגט און א זייגער, זאָגט ער, קלינגט אויך. אָבער נאָר א וואנטזייגער. א סימען האָט איר: א קעשענע־זייגערל קלינגט ניט, הייסט עס „וואטש״. פרעג איך בא עליען: „פאַרוואָס עפּעס וואטש?״ זאָגט ער: „ווי דען זאָל עס הייסן?״ זאָג איך: „וואטשל״. פרעגט מיך עליע: „פאַרוואָס עפּעס „וואטשל״? זאָג איך „אז א זייגער איז א זייגערל, דאַרף זײַן וואטש א וואטשל: עלעהיי, זאָג איך, א „בוי״ איז א יונג, איז א ייִנגל „בויטשיק״, און א קליין ייִנגעלע א „בויטשיקל״.

אונדזערע נײַע אמעריקאנער זײַנען גערן זיך אָנכאַפּן אָן א מינדסטער קלאנג־לעכער ענלעכקײַט מיט ייִדיש אָפּ צו זוכן דעם טײַטש פונעם וואָרט, צו דערגרונ־טעווען זיך צו זײַן עטימאָלאָגיע:

1. „ברעקפיש״ — אָנבײַסן. דערפאַר זאָגט עלי, איז אן אָנבײַסן ברעקפיש, ווײַל צום אָנבײַסן עסט מען פיש אָדער הערינג. זאָגט פיני: „ווי באַלד אז הערינג, פאַרוואָס זשע זאָגט מען ניט: „ברעק־הערינג״?...״

צום סאָף לאָזט זיך גאָר אויס, אז ס׳איז ניט „ברעקפיש״, נאָר „ברעגפעסט״.

2. „דאָ הייסט דאָס ניט מעלאמעד. דאָ הייסט דאָס „טיטשער״. פאַרוואָס טיטשער? ווײַל ער טיטשט די קינדער, ד. ה. ער קנײַפּט זיי שטילערהייט, קיינער זאָל ניט זען״.

באזונדערס איז שווער די עלטערע מענטשן צו אויסלערנען די פרעמדע שפראך, ביפראט נאָך בא די ווערטער, וואָס קלינגען ענלעך פאר פארשיידענע באטײַטן. אזעלכע ענלעכע ווערטער האלט מען אין איינ פּלאָנטערן:

3. „א „קיך" און א „הונ" זאָגט זי (די מאמע) שוין ניט. זי זאָגט שוין א „טשיקנ" און א „קיטשנ". נאָר וואָס דען? בא איר קומט נאָך אויס פאר־קערט: א „קיך" איז בא איר א „טשיקנ" און א „הונ" איז בא איר א „קיטשנ". . ...לאכט מען פון איר. לאכט זי אויך. „א דײַגע — זאָגט זי — יאק ריידעלע טאָ ריידעלע, אבי דאָברע מיינעלע"... אנו, זײַט א בעריע און זעצט דאָס איבער אפ ענגליש!"

די פערסאָנאזשן, וואָס זײַנען ניט אָנגעמאָסטן אפ דער נײַער היים, אזעלכע, וועמען ס'איז שווער זיך דאָרט צו אקלימאטיזירן, לאָזן אויס זייער ביטער הארץ צו די אמעריקאנער, אָנכאפנדיק זיך פאר א קלאנגלעך־באקאנט וואָרט אפ צו א זידל טאָג זיך מיט דער הילף פון א קאלאמבור:

4. „א ווינדע הייסט דאָ א פענצטער. זאָגט בראָכע דערויף: „ווינד און וויי זאָל זײַנ צו זיי".

שאָלעם־אלייכעמס דורכשניטלעכער דערוואקסענער טיפּאזש, אָנגעהויבן פון דעם צענטראלן פערסאָנאזש טעוויע און ענדיקנדיק מיט דער יידענע סאָרע־כאנצע, האָבן אין זייער שפראך א היפּשן שטראָם העברייִשע פראזעאָלאָגיע. דאָס איז אָבער ניט קיין אָרגאַנישער גליד אין זייער שפראך, וועלכער זאָל זיך צונויפשמעלצן מיט דער גאנצער רייד, נאָר א מעכאניש־אָנגעהאנגענער „לונג־ און־לעבער".

די דאָזיקע פערסאָנאזשן זײַנען מער אָדער ווייניקער פארבונדן מיט דער רעלי־גיעז־גײַסטיגערישער אויסקומעניש. אין זייער באוווּסטזײַן איז די בעסמעדרעש־קולטור א גאנץ וויכטיקער פאקטאָר, די גאנצע אינטעלעקטועלע אסאָציאציעס שעפּן זיי פון דער בעסמעדרעש־קולטור. יעדער איינער רײַסט זיך צו „די קליינע אויסיעלעך", רעכנט פאר „באָנ־טאָנ" צו ווײַזן זײַן לאמדעס, ער בראווירט דערמיט; כאָטש ניט זעלטן לאכט ער אויס דעם „הייליקן" פּאָסעק און רײַסט אים אופ מיט זײַן אייגנ־ארטיקער „אויסטײַטשונג".

די פערסאָנאזשן, בא וועמען די העברייִשע פראזעאָלאָגיע איז א שטענדיקער שטראָם, דעקלארירן אָפט וועגן זייער באציִונג צו דעם, וואָס „ראשע מאכט".

טעוויע זאָגט, אז דער מענטש, ער מעג אפילע גיין מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף, אבי ער ווייסט, וואָס ראשע מאכט, איז ער פון זײַנע מענטשן. דער פארקישעפטער שנײַדער שימען־עליע קוקט פון אויבן ארויף אפ זײַן קאָרעוו דעם קרעטשמער, וואָס יענער איז א „גראָבער יונג", סאָרע־כאנצע זשאָנגלירט מיט לאָשן־קוידעשדיקע ווערטער.

אָבער בא די אלע „לאָמדימ" קלעפּט זיך מערסטנטייל די העברייִשע פראזעאָ־לאָגיע צום גאנצן קאָנטעקסט פון זייערע רייד ווי אן ארבעס צו דער וואנט. און טאקע איבער דער דאָזיקער קינסטלעכער צוגעטשעפּעטקײַט רופט די העברייִשע פראזעאָלאָגיע אין זייערע רייד ארויס א קאָמישן עפעקט.

דער העברייִשער רייד־שטראָם איז אין מויל פונעם פאָלקס־מענטש ניט כסאם קאָמיש. ער פילט אָפט אויס א באשטימטע אינדיווידואליזירנדיקע פונקציע.

די העברעיִישע פראזעאָלאָגיע גיט שאָלעם־אַלייכעמען א מעגלעכקייט אופדעקן שטיקער שטייגער־פּסיכאָלאָגיע פונעם פּערסאָנאַזש. העלפט מיט צו ארויסברענגען אינטערע־סאַנטע סאָציאַל־אָנגעוועטיקסטע סענטענציעס, ציִען אסאָציאַציעס צווישן שפּריכווער־טער פון פארשיידענע שפּראכן, מיט וועלכע דער יִדישער פאָלקס־מענטש קומט איִן באריר, זי דינט אויך צוליב סטיליזאציע־צוועקן; זי ווערט אויסגענוצט צוליב וואָרט־און קלאנג־שפּיל.

פון שטאנדפונקט פון זייער קינסטלערישער פונקציע וועלן מיר פּרווון איִינטיילן די העברעיִישע פראזעאָלאָגיע פון שאָלעם־אַלייכעמס פּערסאָנאַזשן אפ עטלעכע קאַ־טעגאָריעס.

ס'איז שוין אריִין אין א ווערטל „טעוויעס טייטשן". מיינען מיינט מען דערמיט אינגאנצן אומזיניקע טײַטשן. ס'זײַנען פאראן אזעלכע אויך, צ.ב.:

א) „סאָלאכטי קידוואָרעכאָ — לאָז זײַן מיט גליק" (טעוויע).

ב) „בעכאָל לעוואָוכאָ איווכאָל נאפשעכאָ — עסטו ברויט, דארפסטו וויסן פארוואָס" (טעוויע).

דאָס איינציקע, וואָס פארבינדט דעם העברעיִישן אויסדרוק מיטן יִדישן „טײַטש", איז דאָ עפּשער בלויז דער ריטם פון די שורעס, אמאָל — דאָס אויך ניט.

אמאָל כאפּט זיך טעוויע אָדער שימען־עלי אָן פאר עפּעס איין וואָרט אָדער א פּאָר ווערטער פונעם העברעיִישן אויסדרוק און דאָס דינט זיי פאר אן אָנשפּאר צו זייער געדאנק:

א) „קאָל יִסראָעל יעש לאָהעם כיילעק — איטלעכער יִיד באדארף האָבן א ציג" (פש).

ב) „סימלעכאָ לעכאָ קאָצין טיהיע לאָנו — פּעטש זאָלסטו כאפּן און א גאַבע זאָלסטו זײַן!" (פש).

אמאָל ווערט דער קאָמישער עפעקט פארשטארקט דורך דעם, וואָס דער העב־רעיִישער פּאָסעק ווערט פארטײַטשט מיט א יִדישן פראזעאָלאָגישן בילדערישן אויס־דרוק:

א) „מי באַיִיש אומי באמאִים — פאר פײַער און פאר וואסער" (טעוויע).

ב) „קעשוישאנע ביין האכוירים — ווי א פינפטע ראָד צום וואָגן" (טעוויע).

אָפט דינט דער פּאָסעק פאר א טראנספּלין אפ צו ארויסברענגען א גלײַכווערטל, א שפּריכוואָרט. דער העברעיִישער אויסדרוק פּילט דאָ אויס א פונקציע פון אן אוו־טאָריטעטן אָנשפּאר פארן שפּריכוואָרט:

א) „אים איין קעמאכ, איין טוירע — אז מע שמירט ניט, פאָרט מען ניט" (טעוויע), אין אן אנדער אָרט: „אים איין קעמאכ, איין טוירע — דאָס הייסט, די טוירע ליגט אין קאסטן און כאָכמע אין קעשענע..." (טעוויע).

ב) „מי יאָרים אומי יעשאָפל — ווער סע פאָרט און ווער סע גייט צו־פוס" (טעוויע).

אין די דאָזיקע סענטענציעס איז פאראן א געוויסער צוזאמענהאנג צווישן דעם העברעיִישן פּאָסעק און דעם יִדישן „טײַטש", א געוויסע זינלעכע נאָענטקייט צי פון די אויסדרוקן אינגאנצן גענומען, צי פון באזונדערע ווערטער זייערע.

אמאָל דינט אַלס אזא טראמפּלינ עפּעס א קלאנגלעכע אסאָציאַציע:

„לאמנאצייעכ אל האגיטים — אז סע גייט, לויפט עס" (טעוויע).

באזונדערס עפעקטיוו איז דאָס „פּארטײַטשנ" א פּאָסעק, ווו דאָס געגעבענע וואָרט ווערט גענוצט אינ אייגנטלעכנ זינ — מיט א יידישנ גלײַכווערטל, ווו דאָס דאָזיקע וואָרט ווערט געברויכט אינ אנ אנדער באטײַט:

„אייזע לעכאימ ווייזע לאמאָוועס — מאכט ראשע: גאָט איז גאָט, אונ בראָנפנ איז בראָנפנ" (טעוויע).

דאָ האָבנ מיר צווישנ העברייישנ אויסדרוק אונ דעמ יידישנ „טײַטש" א צוויי־טאכנ איבערוק: „לעכאימ" איז אינ העברייישנ אויסדרוק דאָ גענוצט אינ אייגנטלעכנ זינענ, אָבער טעוויע נעמט אופ דאָס דאָזיקע וואָרט אינ שטייגערישנ זינענ „טרינקענ לעכאימ" אונ דעמ דאָזיקנ באגריפ פירט ער גלײַכ איבער אפ „בראָנפנ", ד. ה. דאָ האָבנ מיר א גאנצע קייט פונ אפּערצעפּציעס.

א גרויסנ קאָמישנ עפעקט רופנ ארויס די יידישע „טײַטשנ", וואָס זײַנענ פּונקט דער הייפּעכ פונעמ געטײַטשטנ העבריישנ אויסדרוק:

א) „צאָדאקטאָ קידוואָרעכאָ — איר האָט היינטיקס מאָל דאפקע ניט געטראָפנ" (פּש).

ב) „אויד האיוימ גאָדל — דער טאָג שטייט ניט" (פּש).

ג) „ראגלייהעמ ווערוי יעהאלייכו — האָסטו פיס, ביסטו ניט קראנק צו שפּאנענ" (פּש).

שוינ אינ דעמ דאָזיקנ אויפנ פונ באגיינ זיכ מיט די לאָשנקוידעשדיקע פּסוקימ שטעקט א היפּש ביסל אופרײַס־שטאָף. דער האָרעפּאשניק רײַסט אראָפּ די הייליקײַט אונ אומבארירלעכקײַט פונעמ „געטלעכנ" אויסדרוק אונ דרייט מיט אימ ווי מיטנ דישעל, ווהינ ער דארפּ.

אָבער באזונדערס אופרײַסיק זײַנענ די מינימ טײַטשנ, אינ וועלכע ס'ווערט, באנאנד מיט דער פּארטײַטשונג אונ אמאָל אָנ איר, געגעבנ א סאטירישע נאָכמערקונג:

א) „רעפּאָיינו ווענעראָפּיי — שיק אונדז צו די רעפּוע, די מאקע האָבנ מיר שוינ אליינ" (טעוויע).

ב) „אומאקדימ ראכמימ לארויגעז — ער שיקט צו די רעפּוע פאר דער מאקע. נישט מער, ס'איז שווער צו וויסנ, וועלכעס איז ערגער — די רעפּוע אָדער די מאקע" (טעוויע).

ג) „האמאוודל ביינ קוידעש לעכויל — ווער עס האָט די קליגערס, דעמ איז וויל. געלט האָבנ טאקע די בראָצקיס, אונ איכ האָב טעכטער" (טעוויע).

ד) „אטאָ יאָצארטאָ — דו האָסט, גאָט, באשאפנ, אוילאָמכאָ — דײַנ וועלטל, מיקעדעמ — אפ יענער זײַט שטאָט, באָכארטאָ באָנו — האָסט אונדז אויסדערווײלט, די יידעלעכ, מיר זאָלנ זיצנ דאָרט אינ זלאָדייעווקע אינ דער ענגשאפט, קאָפּ אפ קאָפּ, וואטיטיינ לאָנו — אונ דו האָסט אונדז געטאָנ געבנ... אוי, צאָרעס האָסטו אונדז געטאָנ געבנ מיט וויטיקנ מיט דאלעס, קאדאָכעס מיט רעוויִיס האָסטו אונדז געגעבנ בעראכמעכאָ האָראבימ־בימ־בימ־בימ!" (פּש).

וויפֿל פארביטערטער סארקאזמ, וויפֿל פּראָטעסט קעגנ סאָציִאלנ אומרעכט, קעגנ דעמ קרומענ וועלט־סיידער, קעגנ דער ביטערער דאָליע פונ די אָרעמע יִדישע מאסנ פונעמ ענגנ, שטיקנדיקנ „טכומ" שטעקט אינ די דאָזיקע פּסוקימ מיט זייערע „טײַטשנ"! אינ דער זעלבער צײַט זײַנענ זיי העכסט־הומאָריסטיש, אפּ וויפֿל זיי זײַנענ ארויס־געזאָגט „מיט געלעכטער דורכ טרערנ" אונ ווערנ אזוי אופגענומענ...

טעוויע אונ שימענ־עליע שמא־קוליינו האלטנ זיכ, ווי געזאָגט, פאר גאנצע לאָמ־דימ אונ באציִענ זיכ מיט פאראכטונג צומ „אמאָרעצ", צומ „גראָבנ יונג". ווילנ זיי זיכ נויקעמ זײַנ אינ אזא איינעמ, זאָגנ זיי אימ ארײַנ א „פּאָסעק", פאקטיש אנ אויסערשפּראכלעכע קלאנגענ־קאָמבינאציע, וואָס דערמאָנט דעמ קלאנגענ־באשטאנד פונ אראמעיִשע ווערטער פונ א געמאָרע־אויסדרוק, א מינ קלאנגלעכע פּאראָדיע אפּ אזא אויסדרוק:

א) „אסקעאקורדע דעמאסקאנטע דעקארנאָסע דעפארסמאכטע" (טעוויע).

ב) „אסקעאקורדע דעבארבאנטע דעפארשמאכטע דעקארנאָסע" (פּש).

מיסברויכנדיק מיט יענעמס אומוויסנ אינ די „קליינע אויסיִלעכ", פארדרייענ אמאָל אונדזערע „לאָמדימ" א „פּאָסעק", ווו ס'פלעכטנ זיכ איבער געמאָרע־ווערטער מיט יִדיש־העברעיִשע ווערטער־היברידנ מיט פּאראָדירטע נעמענ אונ שאפנ פארנ מיטשפּרעכער א קלאנגלעכע איליוזיע פונ א טיפּזיניקנ פּאָסעק.

1. „מעזאָנאָוטאָ דעכאזוראָסאָ לוי מאכאנט שטרײַמעלאָסאָ" — אזוי זאָגט טעוויע צו זײַנ איידעמ פּעדאָצער. פרעגט יענער: וואָס־זשע הייסט עס? ענט־פערט טעוויע: „דאָס הייסט, אז פונ א כאזערשנ עק קאָנ מענ קיינ שטרײַמל ניט מאכנ".

2. שימענ־עליע זאָגט צו דאָדי רענדאר:

„גיט שוינ אהער אביסל בראָנפנ, ווי דער טאנע רעב פּימפּאָמ זאָגט: קאָ־פּאָטע בעמאשקאנטאָ שוועקייכ ביגרוינאָמ — פארזעצ די קאפּאָטע אונ נעמ אביסל בראָנפנ".

וויפֿל שארפזינ אונ פיקכעס שטעקט אינ טעוויעס אימפּראָוויזירטנ פּאָסעק מיטנ צווײדײַטיקנ טײַטש! וויפֿל איראָניע איבערנ אויסגעדאכטעטנ טאנע („רעב פּימפּאָמ") אונ ביכלאל וויפֿל האָפּעדיקע אמכאָדיקײַט ליגט אינ שימענ־עליעס אויסדרוק!

א היפּש אָרט פארנעמט דער יִדיש־העברעיִשער היבריד, ד. ה. אינעמ איינעמ אויסדרוק איז שטארק איבערגעפלאָכטנ אייגנטלעכ־יִדישע ווערטער מיט העברעיִשע, אונ אפילע די ווערטער באשטייענ פונ יִדישע אונ העברעיִשע וואָרט־עלע־מענטנ.

אייניקע אזעלכע היברידנ באשטייענ אינ גרונט פונ העברעיִשער פראזעאָלאָגיע, אונ דאָס שלאָגוואָרט איז אפּ יִדיש, אויסגעפורעמט מיט העברעיִשע סינטאקסישע מיטלענ. דאָס דאָזיקע יִדישע וואָרט איז אקצענטירט אונ ס'קומט מערסטנטייל צומ סאָפּ אויסדרוק:

א) „קאָרעוו ליסכאר וועראָכויק מ י ק ע ש ע נ ע" (טעוויע).

ב) „קי אָדאָמ אני וועלוי פּ א ר כ" (פּש).

ג) „איינ לעכאָ אָדאָמ שעיינ לוי פּ ע ק ל" (פּש).

אמאָל איז דער היבריד געבויט פונקט פאַרקערט: דער גאַנצער קערן פונעם אויסדרוק איז א יידישער, און דער אַקצענטיר־טייל איז צוליב עקספּרעסיע געגעבן מיט א באַוווּסטן העברייִשן אויסדרוק:

„איך האָב איר געמוזט אָפּטאָקן פון דערעך־שאָלעם וועגן א ליגן האַגאָדל האַגיבער וועהאַנוירע“.

די דאָזיקע היבריד־שפּראַך ווערט אָפט אָנגעווענדעט בא שאָלעם־אַליינכעמס פערסאָנאַזשן צוליב דעם, אַז א זייטיקער, מערסטנטייל א ניט־ייִד, זאָל ניט פאַרשטיין:

1. דער גאָראָדאָווי פאַקט מאָטלען מיטן קוואַס און הייבט אָן אויספרעגן בא אים, ווער מאַכט עס אַזוי קוואַס. ווילן די יידן, וואָס זיינען זיך צונויפגעזאַמלט, ארויסראַטעווען מאָטלען פון „גויִשע הענט“, זאָגן זיי צו אים פאַרשטעלט, דער גאָראָדאָווי זאָל ניט פאַרשטיין (אין א קליין יידיש שטעטל פאַרשטייט אפילע א גאָראָדאָווי אַביסל יידיש):

„דאַבער נישט, דו נארישער יאָלד, אָפּ דיין אָכי!.. רייס ארויס דעם יאַד פונעם יאָוון און הייב אויף די ראַגלאַיִם און מאַך פלייטע!..

2. מאָטלס מאַמע האָט זיך באַם אַראָפּגיין פון דער שיף „פּאַר א נאָווינע“ צעוויינט. ווערט מיין ברודער עליע אויסער זיך. ער בייסט זיך די פינגער און רעדט צו איר שטיל, און מער אָפּ לאָשנקוידעש, ביכדיי די מאַטראָסן מיט די „סיו־וואַרטס“ (אָפיציאַנטן) זאָלן ניט פאַרשטיין:

„וויש אויס די אייניִם, וואָרעם איידער מיר היילעכן אַריין אין דער מעדינע, קאָן מען אונדז נאָך דריי מאָל זאָגן: האַשיוו יינו נאַזאַד“.

אמאָל ווערט דער יידיש־העברייִשער היבריד אויסגענוצט צוליב כאַראַקטעריזירן צופאַסלעריי.

סאָרע־כאַנציע (פון דער קאָמעדיע „דער גנעט“), וועלכע רעדט מיטן מאַן, מיט דער טאָכטער, מיט אַלעמען אָפּ א ריינער יידישער פאָלקסטימלעכער זאַפטיקער שפּראַך, באַקומט גאָר אַן אַנדער סטיל, ווען זי רעדט מיט דער רעבעצן. זי ווערט לויט איר לאָשן אַליין א שטיק רעבעצן:

„... איך קאָן דאָס אייך גאָר אַזויפיל ניט לאַמנאַצייעך זיין... ווען איר זאָלט וויסן, וויאַזוי ער באַגייט זיך מיט מיין טאָכטער, מיט מיין לייב און פלייש, וואָלט איר אַליין געזאָגט, אַז... אַז עס איז אָפּ מיר א „מאַכזיר נעשאָמעס“, עפּעס א מין פוראָניעס פון זיין ליבן נאָמען, עפּעס אַן „אויכער יִסראָעל“ איז ער, נאָך ערגער פון א מעשומעד, ניט דאָ געדאַכט, איך וויים? אַן אויסווירפלינג. א „נישמאַס־קאָל־כיי“, א ווילדע כאַיע־ראָע, א וואָוקעלאַקע“..

קאָמיש סטאַרטשען דאָ די אומגעלומפּערט גענוצטע העברייִשע ווערטער, די ווערטער פון סידער. אויך די דאָזיקע העברייִשע, דאָ ווילד־פרעמדע ווערטער, זיינען פונקציאָנעל: זיי דינען אָפּ צו כאַראַקטעריזירן דעם פּערסאָנאַזש, אָפּ וויפל מיט די דאָזיקע ווערטער פּאַסט זיך סאָרע־כאַנציע צו צו דער רעבעצן, צו איר אַרט ריידן.

אייניקע העבֿרייִשע פּסוקים פּאָרן אונדזערע „לאָמדים" צונויף מיט רוסיש־אוק־ראַיִנישע אויסדרוקן און שפּריכווערטער.

אין א טייל פון זיי איז ניטאָ קיין שום אינהאַלטלעכער צוזאמענהאנג צווישן דעם העברייִשן און סלאווישן טייל, די בעסטע איליוסטראציע — צוויי פאַרשיידענע העברייִשע אויסדרוקן — און באקומענע איינעם און דעם זעלבן טײַטש:

„וועאָסאָ שינרע וועאָכלאָ לעגאדיאָ — נע מאלא באבא כלאָפּאָטע — קופּילא סאָבי קאָניאקע" (פּש).

דאָ האָבן מיר געהאט אויסדרוקן, וווּ דער העברייִשער און דער סלאווישער טייל שטעלן מיט זיך סטרוקטוריש פּאָר באזונדערע זאצן.

אמאָל זײַנען די העברייִשע און סלאווישע ווערטער איבערגעפלאָכטן אין איין זאץ, און ס'באקומט זיך א העברייִש־סלאווישער פּראזע־היבריד:

„וואָט טיבע יויצער האמוירעס" (פּש).

בא טעוויען איז דער צוזאמענהאנג פון די העברייִשע און סלאווישע ווערטער באזונדערס באזיניקט. דאָס זעט מען פון אייניקע נאָר וואָס געבראכטע אויסדרוקן אין זייער פאַרגלײַך מיט די אויסדרוקן פונעם „פּאַרקישעפּסטן שנײַדער": טעוויע איז פּאָרט א מער־פּאראלגעמיינערטע פיגור בא שאָלעם־אליי־כעמען.

מירן נאָך נעמען, אשטייגער, דעם אויסדרוק:

„אכ טי ריבוינע שעל אוילעם, עלויהיינו טי נאש!"

דאָס ווענדן זיך צום ריבוינע־שעל־אוילעם מיט די סלאוויזמען „אכ טי" און „נאש" מאכט טעוויען עפּעס נעענטער צו גאָט, פּאניבראַטיש, ער קומט מיט אים אין א גלײַכן געראנגל.

דאָס יִיכעסן זיך מיט דער „לאָמדעס" פּאָרט זיך באם פּאָלקסמענטשן דערמיט, וואָס ער איז אָרגאניש באהעפט מיט דער ארומיקער סוויווע, מיטן אוקראַיִנישן שטייגער אין זײַן אָפּשפּיגלונג אינעם פּאָלקלאָר.

מיט א באזונדער שארפזין אָבער צייכענען זיך אויס יענע העברייִש־סלאווישע אויסדרוקן, אין וועלכע ס'איז פאראן א געוויסער אינהאַלטלעכער צוזאמענהאנג צווישן די באזונדערע טיילן פון דעם געגעבענעם אויסדרוק.

1. אמאָל איז דער אוקראַיִנישער אויסדרוק א פּינקטלעכע איבערזעצונג פונעם העברייִשן טייל פּראזע:

„לוי יעכרעצ קעלעוו לעשוינוי — נעכײַ סאָבאקא נע ברעשע" (טעוויע).

דער היימישלעכער יאָדערדיק־פּאָלקסטימלעכער אוקראַיִנישער אויסדרוק רופט ארויס א געפיל פון קאָנטראַסטישקײַט מיטן האלב־פאַרעמדן לאָמדישן העברייִשן טעקסט, און דאָס שאפט דעם קאָמישן עפעקט.

2. אמאָל איז דער אוקראַיִנישער טייל א שפּריכוואָרט, וואָס פאַרפּינקטלעכט און קאָנקרעטיזירט אפ א טרעפלעכן אופן דעם העברייִשן פּראזעאָלאָגישן אויסדרוק:

א) „ראבוים מאכשאָוועס בעלעוו איש — דורען דומקאָיו באהאטיע" (טעוויע).

ב) „קאבדייהו וועכאשדייהו — נע וויר סאָבאקי" (טעוויע).

אגעוו, אוקראַיִנישע שפּריכווערטער, פּראזעאָלאָגישע אויסדרוקן, אידיאָמען א. אז. וו. זײַנען אין א היפשער צאָל אײַנגעפלאָכטן אין טעוויעס מאָנאָלאָגן, צ. ב.:

א) „שטשע נע פוימאוו, א ווזשע סקובע".

ב) „ביסט אנ אמאָרעצ, טאָ לאָז כאָטש זײַנ כ א ט ע פּ אָ ק ר י ש ק ע".

מיר טרעפנ אינ א גרויסער צאָל אויכ אינ מויל פונ אנדערע פערסאָנאזשנ, באַזונדערס בא שײנע־שײנדלענ:

א) „דאלי אָטשי דאלי סערדצע" (ממ).

ב) „באָדט זיכ אינ „קאָראָטקי וויק" (ממ).

דער קאָלאָריטפולער אוקראַיִנישער פאָלקלאָר דינט באמ ייִדישנ פאָלקס־מענטש אלס הארמאָנישע דערגאנצונג צומ ייִדישנ פאָלקלאָר.

דער דאָזיקער אנדערשפראכיקער עלעמענט אינ מויל בא שאָלעמ־אליײכעמס פערסאָנאזשנ — פאָלקס־מענטשנ, באזונדערס בא טעוויענ, זעט אויס ווי אנ אנטיטעזע צומ פרעמדשפראכיקנ עלעמענט אינ די רייד פונ די נעגאטיווע פערסאָנאזשנ, — א שפראכ עלעמענט, וועלכער גייט פונ בורזשואזע ווירקונגענ אונ פונ קלײנבירגערלעכער ניהיליסטישער באציִונג צו דער אייגענער שפראכ.

מיר טרעפנ בא שאָלעמ־אליײכעמענ שפראכ־הומאָר פונ סטיליזירנ די געשעפטלעכע „שריפט־שפראכ" פונעמ פארמיטלערישנ שיכט פונעמ ייִדישנ קלײנבירגערטומ.

קאָנקרעט האָבנ מיר דאָ אינ אויג, אינ דער ערשטער ריי, דעמ שאדכנ לייבע לעבעלעסקיס צעטל פונ כאסאנימ אונ קאלעס, וועלכער האָט זיכ געפאקט צו מענאַכעמ־מענדלענ אונ אימ געמאכט פאר א שאדכנ.

אָט איז אײנע פונ די נאָטיצנ גאנצערהייט:

„ענאטעוועקע — הבעל הבית לאָפּיטע... זקן אריבער שבעימ... רק האלטצעכ קרעפּקי... מקבר גיוועג ג' נשים וויל בתולה"...

אונ אָט זײַנענ באזונדערע ווערטער־גרופּעס פונ אָט די נאָטיצנ (אינ אונדזער אָרטאָגראפיע):

„רויצע געקאָנצעטנ... מיפּריזעוו אָסלאָבאָדיעט... רויצע ברענעטקע... רויצע שמאלצגרוב... מעדאבערעס פראנצויז... באליויעצ באסאכארני זאוואָד, מענאגג אל האבערזע... נויסנ אקזאמענ אל 8 קלאסנ... פאָרט בעפאיעטאָנדל... קראַסאוויצעס פּרימא... האקטאנע מעאט געשטופּלט... דיפלאָמ לאוודאפקע... זוכט אלמאָנע אינ געשעפט... גוויר מאָמענ קוירעכ... דאָווערחכער גאָדל... גאָרעש סאמאָסטאָיאטעלנאָ... ווערטלזאָגער אייש לעהאָווע... קורצע פּייע וועלאנגלעכע קאפּאָטע... שיינ קעמוי יויסעפ האצאדיק... וועקלוג קעמוי שלוימע האמעלעכ"...

דער שפראכ־הומאָר באקומט זיכ דאָ פונ דער אנאָמאליעשקײַט פונ דער שפראכ פונ אָט די טעקסטנ, א שפראכ, וואָס לייגט זיכ ניט ארײַנ אינ קײנ ראמענ פונ ליטעראַרישע נאָרמעס; דאָס איז אנ איבערפלעכט פונ פארשײדענע לעקסישע, וואָרטבילדנדיקע אונ סינטאקסישע סטיכיִעס — א געמיש פונ ייִדישע ווערטער, רוסישע וואָרצלענ מיט ייִדישע סופיקסנ, העברײיִשע פרעפאָזיציעס, העברײיִשע פרעפיקסנ בא ייִדישע ווערטער...

צו דער דאָזיקער קאטעגאָריע דארפ מענ צורעכענענ אויכ רעב שאיעס וווכערצעטל („ניט פאר קײנ ייִדנ געדאכט"). אויכ דעמ זיידנס עטיקעטקעס אפ די מאשקאָנעס („פונעמ יאריד"):

„זע האקאפּאָטע שײַעכ לעבערל״ א. ד. גל.

וואָס איז דער פּסיכאָלאָגישער הינטערגרונט פון אזא שרײַבן? ביכלאל, מיט וואָס איז צו מאָטיווירן אזא „מיסע־מעשונגע״־סטיל? אונדז דוכט, אז דאָ האָט צו זאָגן, קוידעמקאָל, די אינערצ פון דער אלטמאָדישער פאָרשטעלונג, אז די שריפט־שפּראַכ, געוויינלעכ לאָשנ־קוידעש, איז עפּעס א העכערע קאטעגאָריע איידער די גערעדטע שפּראַכ („שיחת חולין״), און ס'איז דעריבער עפּעס מאָדנע צו שרײַבן גאָלע יידיש. אָבער אפ צו שרײַבן סאמע העברעייִש קלעקט אים ניט קיין „פּאָדעם״ — ער פאַרמאָגט ניט גענוג קענטשאפט דערצו, — איז ער יוצע כאָטשבי מיט א העברעייִשן אָנהייב, כאָטש־בי מיט לאָשנקוידעשדיקע פּרעפיקסן בא באזונדערע ווערטער, אבי ס'זאָל זײַן אנ־דערש, ווי מע רעדט... דאָס איז בענעגייע דעם יידישן און העברעייִשן עלעמענט.

וואָס איז שײַעכ די סלאווישע עלעמענטן[1]) פון די דאָזיקע טעקסטן, איז זיי צו דערקלערן דערמיט, וואָס אלס אזעלכע גילטן דאָ בלויז אזעלכע ווערטער, וואָס די־נען דאָ אלס „טעכנישע טערמינאָלאָגיע״ אינעם געשעפט פון שידוכים: „געקאָנצעטן״ (וואָס האָט געענדיקט די גימנאזיע), „אָסלאָבאָדיעט״ (באפרײַט פון פּריזיוו), „סאמאָסטאָיאטעלנע״ (א זעלבשטענדיקער); „סאכארנע זאוואָד״ איז פארן מעכוטנ פונעם צאד־שעקענעגעד עפּעס קלינגעוודיקער איידער דאָס היימישע „צוקער־זאוואָד״.

די ניט־אָרגאניזירטקײַט און פולשטענדיקע ליטעראַרישע פאָרמלאָזיקײַט פון די דאָזיקע טעקסטן איז נאָכ צו דערקלערן דערמיט, וואָס דאָס איז נאָטיצן, אויסגע־רעכנטע בלויז פאר אייגענעם באנוצ.

שאָלעם־אלייכעם האָט ברייט אויסגענוצט די פארשיידענע שפּראַכ־סטיכיִעס פון יידיש אינ זייער גאָרנ איבערפלעכט אפ צו סטיליזירנ די רייד פון זײַנ פילפארביקער געשטאלטנ־וועלט.

## VII. קלאנגענשפּיל

א הומאָריסטיש שפּראַכ־מיטל איז אויכ דער קלאנגענשפּיל. דער פּערסאָנאזש נעמט א וואָרט, וואָס לויטנ קאָנטעקסט און לויט אייניקע קלאנגענ איז דער לייענער געווינט צו זענ עס אינ א נאָרמאלער, ליטעראַרישער אויספורעמונג, — און ברענגט עס ארויס מעשונעדיק פארדרייט. אמאָל איז עס א וואָרט, וועלכעס דערמאָנט אָנ א קלאנגענ־קאָמפּלעקס, וואָס איז פאראנ אינ דער שפּראַכ, אָבער גאָר מיט אנ אנדער באטײַט.

דאָס פארשפּרייטסטע פון דער דאָזיקער קאטעגאָריע איז וו אָ ר ט ק ר י פּ ל.

וואָרטקריפּל איז בא שאָלעם־אלייכעמס פּערסאָנאזשן פאראנ פארשיידנארטיקער. מע קאָנ אים, ערשטנס, אײַנטיילנ אפ צוויי גרונט־קאטעגאָריעס: אומבאוווסטזיניקער און בעקיוונדיקער.

---

[1]) מיט „סלאווישנ עלעמענט״ מיינענ מיר ניט ביכלאל די פונ סלאוויש שטאמענדיקע לעקסיק און וואָרטבילדונג, וואָס איז א גאנצ אָנגעלייגטער טוישעוו אינ דער יידישער שפּראַכ, נאָר בלויז די באַר־באריזמענ״ פונ סלאווישנ אָפּשטאם, וואָס זײַנענ אינ יידיש ניט אײַנגעבירגערט.

א ו מ ב א ו ו ו ס ט ו ז י נ י ק ע ר וואָרטקריפל איז אזא, וואָס דער ריידער זאָגט ארויס איבער ניט־גענוגער באקאנטשאפט מיטנ געגעבענעם וואָרט.

אייניקע פונ זיי ווערנ פארקריפלט לויט אנאלאָגיע מיט קלאנגלעכ ענלעכע באַקאנטע ווערטער.

א) „אדעראבע, איכ באקומ נאָכ, זאָגט ער, אנ א וו א נ צ (אָנשט. אוואנס) עס אסאָציִירט זיכ בא אימ מיטנ יִדישנ „וואנצ“ (ממ).

ב) „אָדער גאָר אפנ ל א נ ד ז ו ע ר אָ נ“ (ממ — אָנשט. לאנזשעראָנ) אסאָציִירט זיכ מיט „לאנד“.

ג) „עס איז א סוואָרע, אז דער פרינצעדאטעל מיטנ דאָקטער... וועלנ האָבנ א וויסטנ סאָפ (גיטל פור. — אָנשט. פרעדסעדאטעל). עפשער אסאָציִירט זיכ מיט „פרינצ“.

אייניקע ווערנ פארקריפלט מיט דער הילפ פונ רעדוקציע אפנ שטייגער פונ מאסנטימלעכער אומגאנג־שפראכ:

1. אמאָל דורכ ארויסלאָזנ סראפנ — פאָרט גרינגער ארויסצורעדנ:

א) „מעגסט זיכ איבערנעמענ, מענדל, מיט דיינע ס ט ע ק ר א ט נ“ (אָנשט. א. יסטאָקראטנ).

ב) „איכ גיי איבער אפ יענעמ ט ר ע ט א ר“. (טעוויע — אָנשט. טראָטואר).

ג) „דער אנדערער איז... א צ ע נ י ס ט, א פיַערדיקער צעניסט“. (צוז. אָנשט. ציִאָניסט).

2. אמאָל דורכ קלאנגענבייַט מיט דערנעענטערונג צו יִדישער פאָנעטיק:

א) „איכ דערצייל זיי אויס מייַנ גאנצע ב ע ג ר י פ י ע“ (ממ — אָנשט. ביִאָגראפיע).

ב) „בא שרייַבער רופט מענ עס גאָנעראר“ (ממ — אָנשט. האָנאָראר).

ג) „איר מיינט מיסטאָמע, זאָג איכ, זייַנ פ א ר מ ע ל י“ (טעוויע — אָנשט. פאמיליע).

3. אמאָל אָנ שומ אסאָציִאציע — פאָשעט אנדערש איבער ניט באקאנטשאפט:

א) „...אונ געמאכט אזא ש ק א נ ד א ל“ (ממ — אָנשט. סקאנדאל).

ב) „...מע ק אָ מ פ ע ז י ר ט מיט פעטש“ (ממ — אָנשט. קאָמפענסירט).

ג) „איטעלע: ש ט ו נ ד י ר נ אינ די קלאסנ“ (צעז. — אָנשט. שטודירנ).

דער דאָזיקער טיפ וואָרטקריפל כאראקטעריזירט די פראָווינציִעלע אָפגעשטאנענקייַט, באגרענעצטקייַט פונעמ ריידער.

צו אומבאוווסטזיניקנ וואָרטקריפל דארפ מענ צורעכענענ אויכ די רייד־אנאָמאליע, וואָס ווערט אָפגעשפיגלט אינ אייניקע שאָלעמ־אליינכעמס ווערק.

1. בא איינעמ נעמט זיכ עס פונ ניט קענענ ארויסרעדנ קיינ „ק“, „ג“. צוליב פארשטארקנ דעמ קאָמיזמ באשענקט שאָלעמ־אלייכעמ אזא ריידער מיט א נאָמענ, וואָס ווימלט מיט די קלאנגענ „ק“, „ג“: קאָפל גיטל קאלמנס“, וואָס באמ טרעגער פונ אָט דעמ נאָמענ באקומט זיכ „טאָפל דיטל טאלמענס“, אונ לערנענ לערנט ער בא א מעלאמעד, וואָס זייַנ נאָמענ איז אויכ, ווי אפצולאָכעס, אָנגעשפיגעוועט מיט די ניט־ארויסרעדבארע פאר אימ קלאנגענ: גערשנ גאָרגל דארדעקע פונ גאלאגאנאָווקע, וועלכעס באקומט זיכ אינ טאָפעלעס ארויסבריינג: „דערשנ דאָרדל דארדעטקע פונ דלאדאנעוועטע“. אונ אָט איז זייַנ „שפראכ“:

„פאר דעלט טאָג מעג טויפן צען טויזנט טוץ טנעפּלעכ" (דריידל).

2. א צווייטער לײַדט אפ רייד־אַנאָמאַליע איבער א שטענדיק פארלייגטער נאָז און קען ניט ארויסרעדן קיין „מ", „נ". נעכאמע־מירל („דעכאבע־בירל"), אשטייגער, גייט ארויס מיט אזא „לאָשנ":

„די בעהייבע האָט זיכ אופגעהערט בעלקן און גיט דיט קייד בילכ... איר בעקט ביר גלייבם בעדעבאָדעס".

בעקיונדיקער וואָרטקריפּל האָט א שײַכעס צו די ווערטער, וואָס דער פּער־סאָנאַזש זאָגט ארויס פארדרייט ניט איבער ניט־באקאנטשאפט אָדער ווייניק באקאנט־שאפט מיט זײַנ אינהאלט און באטײַט, נאָר מיטן קיוונ צו פאראָדירנ עס צוליב אי־ראָניע, צוליב אראָפּזעצנ די וואָג פונעם געהעריקן באגריף אָדער פון דער פּערזאָן, צו וועלכן דאָס וואָרט האָט א שײַכעס. געוויינלעכ איז אינ אזעלכע פאלן ניט פּאָשעט פארקריפּלט דאָס וואָרט, נאָר ס'איז דערנעענטערט מיט אנ אנדער וואָרט פונ דער שפּראַכ.

1. א) „ באָריש" רופט מען אים, נאָכן זיידנ רעב בערישל אָלעוו־האַשאָ־לעכצ... זי איז אינ אים פארקאָכט שוינ פונ לאנג, א בייז פארליאפעניש בא זיי..."

ב) „... איז דאָס א ראצל פונ גאָט, ...א געבוילבעטע מאמזעל, שיט מיט פראנצויזיש, קלאפּט אפּנ טאפּטשאנ" (ממ).

שיינע־שיינדל איז עפּעס ניט אָנגעמאָסטנ אפּנ פּארשטאָרבענעם בערישל, פאר־דרייט זי ביטלדיק דעם פרום־יִדישלעכנ „אָלעווהאַשאָלעם", וואָס מע זאָגט, דער־מאנענדיק א טויטנ, — אפ „אָלעווהאַשאָלעכצ"; קעדיי צו ארויסדריקן איר פאראכטונג צו די מאָדערנע אופגעקלערטע מיט זייערע „ליבעס" א. אז. וו., פארוואנדלט די קאָנ־סערוואטיווע שיינע־שיינדל „פארליבעניש" אינ „פארליאפעניש", „געבילדעטע" — אינ „געבוילבעטער", „פּאָרטעפּיאנ" — אינ „טאָפּטשאנ".

2. א) „א געדולע אפ אים, ער האָט „זשעמעניעס" אפ צו פארקויפנ".

ב) „א רײַבער" געוואָרנ און „רײַבט!"

דאָ לאכט שיינע־שיינדל אויס מענאכעם־מענדלס שפּאָגל־נײַע „געשעפטנ": פּריִער — די אימעניעס, דערנאָכ — זײַנ „שרײַבער־פּראָפעסיע".

אמאָל באקומט זיכ פונעם איבערדרייענ די ווערטער אנ אינטערעסאנטער קאלאמבור:

„דײַנע יעהופּעצער פּײַנע בערייעס מעגנ עס פארמאָגנ אפ איינע ווארמעס, וואָס דו וועסט זיכ שוינ דאָרטנ אָנעמענ „גאָלענאר". דו ביסט אליינ א גאָלענאר, ד. ה. פונ אויבנ ביז אראָפּ — נאר..." (ממ).

אזוי רעאגירט שיינע־שיינדל אפ מענאכעם־מענדלס יעדיִע, אז ער באקומט האָ־נאָראר פאר זײַנע שרײַבעכצנ.

אנאלאָגישנ וואָרטקריפּל טרעפן מיר אויכ אינ אנדערע ווערק, צ. ב. אינ „צע־זייט און צעשפּרייט" בעונקט מאלקע נאָכ יענער צײַט, ווענ ס'איז —

„נישט געווענ קיינ געלט, איז נישט געווענ קיינ טאראראם, מיט קיינ הארמידער, מיט קיינ פּוסטעקראטישע גענג... מיט קיינ פּאָטעלנ, מיט קיינ צאצקעס, מיט קיינ טאָפּטשאנעס, מיט קיינ ליסעפּעדנ..."

און אז איר מאַן, מייער שאָלאַנט, האַלט איר פֿיר איר אָפּגעשטאַנענקייט, אירא־ניזירט זי ביטער:

„דו ביסט דאָך דער גרויסער כאָכעם מיטן גרויסן פּ ו ס ט ע ק ר א ט!"

און מייער, פֿון זײַן זײַט, לאַכט אויס דורך וואָרטקריפּלדיקער פּאַראָדיע איר פֿרומקייט:

„האָסט שוין אָנגעהויבן מיס דײַן מוסער, ...מיטן טײַטש־כומעש און מיטן פּ ע ט ש ע נ ע ־ וו א ר ע נ ע" (צענע־אורענאָ).

דאָס זעלבע טוט ציפּע־ביילע־רייזע, ווען איר מאַן שימען־עליע שמאַקוילייזנו דערקוטשעט איר מיט זײַנע לאָשנקוידעשדיקע פּסוקים:

„שוין? דו האָסט שוין אָנגעהויבן מיט דײַנע ל א ָ ק ש נ ־ ק ו י ל ע ט ש!" (פּש).

קלאַנגענשפּיל איז פֿאַראַן אין די ק אָ מ י ש ע א י י ג נ נ ע מ ע נ, וואָס זײַנען גאַנץ ברייט פֿאַרטראָטן בא שאָלעם־אליייכעמען. ס'וואָלט אָבער פֿאַלש געווען צו מיינען אַז די קאָמישקייט פֿון די נעמען פֿילט ניט אויס קיין שום קינסטלערישע פֿונקציע. די מערהייט אייגננעמען שטרײַכן אונטער די גראָטעסקישקייט פֿון די אַנטשפּרעכיקע ווערק:

„דאָקטער קובעבע און דאָקטער לאַקריץ" (ממ), „פּײַנפּינקלקרויט (דאָקטוירים), „הער הערצ הערצנהערצ" (דאָס מעסערל).

אינגאַנצן פֿונקציאָנעל, קינסטלעריש באַרעכטיקט איז דער קלאַנגען־שפּיל אינעם צעטל פֿאַמיליע־נעמען, וואָס ס'ברענגט אין זײַן רעדע דער דאָקטאָר פֿון א שוואַרצמייעדיקע צײַטונג טשיכנאָוו אין ראָמאַן „דער מאַבל":

„... ווער האָט געמאָלט די בילדער? א ייִדל בערנשטאַם! ווער האָט געמאַכט דעם ביוסט? — א ייִדל אַנטאָקאָלסקי!.. איך הער א קלונג. מע טראָגט מיר אַרײַן א כעזשבן פֿונעם באַלעבאָס פֿאַר דירע־געלט, — ווער איז מײַן באַלעבאָס? — ר אָ ז ע נ ק ר א נ צ! נאָך א קלונג: ווער איז? דער דאָקטער ר אָ ז ע נ ־ב ע ר ג. נאָך א קלונג: ווער איז? דער לערער פֿון מוזיק — ר אָ ז ע נ פֿ ע ל ד! דער לערער פֿון מאַטעמאַטיק — ר אָ ז ע נ צ וו ײַ ג! דער לערער פֿון דער רוסישער שפּראַך — ר אָ ז ע נ ב ל ו ם! דער לערער פֿון טענצ — ר אָ ז ע נ ב ו י ם!..

דער אַנטיסעמיט מאָלט א בילד פֿון דער ייִדישער עקספּאַנסיע, איז לעכאַטשילע ברענגט ער פֿאַמיליעס פֿון ייִדן; ער מוז דערבײַ צוליב אונטערשטרײַכונג צוגעבן דאָס פֿאַרהאַסטע וואָרט „ייִד". איז אין דער ווײַטערדיקער אויסרעכענונג פֿון ייִדן, וואָס פֿאַרנעמען קלאָמערשט די בעסטע פּאָזיציעס, ברענגט ער א ריי פֿאַמיליעס, וואָס די ערשטע טייל זייערע הייבט זיך אָן אַלצײַנס מיט „ראָזען" — און דערמיט שטרײַכט ער אונטער זייער געמיינזאַמען, ייִדישן אָפּשטאַם. די דאָזיקע קלאַנגען־שפּיל אַף די פֿאַמיליע־נעמען איז דאָ אויך הומאָריסטיש.

צו קאָמישע אייגננעמען קאָן מען אין א געוויסער מאָס צורעכענען אייניקע פֿאַרגליווערטע פֿראַזעאָלאָגישע אויסדרוקן, פּאַראָדירטע נעמען, וואָס האָבן אַן איראָנישן ניואַנס:

א) „יאַאמויד האכאָסנ י אָ ק ל ב ע נ פּ ל ע ק ל!" (טעוויע).

ב) „דער גרויסער מעיוכעס, וואָס איך בין, ר ע ב צ אָ צ ע ל ע ס אַן אייניקל" (טעוויע).

ג) „... וועלן מיר פארפאָרן מיט אײַך, רעב עפראים, קיין האַצע־קלאַץ" (טעוויע).

שפראכלעכער קאָמיזם שטעקט אינעם צונויפשפאנען אינהאלטלעך־פרעמדע און לאָגיש־שוואך פארבונדענע ווערטער און ווערטער־גרופעס אפ דער איינציקער באזע פון גראם:

1. אהער געהער דער גראמען־שפיל בא קינדער, וועלכע אָפערירן אָפט מיט קלאנגען־קאָמבינאציעס, וואָס האָבן ניט קיין שום זינען:

„מאָטל קאפאָטל, דראָבל דראָטל, יויסעפ סאָטל, ערעץ קאנאָטל (מאָטל).

2. דער גראם ווערט אויסגענוצט אויך אפ קעגנשטעלונג פון ווירקלעכן אָדער צווייפלהאפטן צוזאמענהאנג:

א) „אַ געשטאנק, ניט קיין געטראנק!" (מאָטל).

ב) „ס'איז דאָ אפ דער וועלט א מענאכעם־מענדל, וואָס פארנעמט זיך מיט הענדל" (ממ).

ג) „אויב, זאָגן זיי, ער הייסט מענאכעם־מענדל, מעג מען עסן פון זײַן פענדל" (ממ).

קאָמישן עפעקט רופט ארויס פאָלגנדיקע קלאנגען־נאָכמאכונג:

„קי־קאָ־קי! — דאָס הייסט, איך זאָל זי וויגן. קי־קאָ־קאָ — דאָס הייסט, גיב עס מיר! קי־קאָ־קי! איך זאָל זי וויגן... (מאָטל).

דאָ איז איבערגעגעבן דער כיין פון שפראכלעכער אומבאהאָלפנקייט פון א פיצל קינד. קיין שום צוזאמענהאנג צווישן דעם קלאנג און זײַן באטײַט איז דאָ ניטאָ. אנדערש איז אין דער קלאנג־נאָכמאכערישער רעפליק:

„וויל די ציג ניט גיין און ציקלט זיך: מע־מע... פישי! אומעעע כאטאָסי! ווי איינע רעדט: וווהין שלעפט איר מיך?.." (פש).

דאָ איז פאראן א צוזאמענהאנג צווישן דעם ציגענעם „מע" מיטן טײַטש פונעם העברייִשן „וואָס": וואָס בין איך שולדיק? באקומט זיך אן אינטערעסאנער קאלאמבור.

אינטערעסאנט איז אויך די קלאנגען־שפיל מיטן וואָרט „ראמבאם", וואָס מאָטל האָט געהערט פונעם אלטן לוריע. מאָטל פארשטייט ניט, נאטירלעך, וואָס דאָס איז אזוינס, נאָר די קלאנגען פון דעם דאָזיקן וואָרט רופן בא אים ארויס אן אסאָציאציע מיטן פריילעכן „בים־באָם", און ער זינגט אונטער צום טאקט: ראם־באָם, בים־באָם! בים־באָם, ראם־באָם!

* * *

שאָלעם־אלייכעמס שאפונג — דאָס איז א יאם, ניט איבערצושווימען. דאָס איז א מעכטיקע ברויזנדיקע סטיכיי לויט איר גראנדיעזקייט, לויט איר גרייס און שטארקייט, אָבער א קאָלאָסאלע אָרגאניזירנדיקע קראפט — לויט איר קינסטלערישער דערהויבנקייט און סאָציאלער ציל־געווענדטקייט. שאָלעם־אלייכעמס אומיבערשטײַגלעכער געבענטשטער הומאָר איז זײַן איידלסטער אָבער שארפסטער געווער, מיט וועלכן ער שילדערט בילדער און סיטואציעס, מיט וועלכע ער פורעמט געשטאלטן און טיפן,

וואָס מיט זייער מאָנומענטאלקייַט וועלנ זיי דינענ אלס דענקמאָל פונ די אלטע פאר־
שאָלטענע צייַטנ.

אינעמ ארסענאל הומאָריסטישע מיטלענ פארנעמט דער שפּראכלעכער הומאָר ניט
דאָס לעצטע אָרט, אינעמ יאמ פונ שאָלעמ־אליכעמס שאפנ איז עס א היפּשער
שטראָמ, וואָס דאָס באוויזענע אינ אונדזער ארבעט דאָ איז בלויז איינצעלנע כוואַ־
ליעס אונ שפּריצ־פּאסנ. זיי גיבנ אָבער א פאָרשטעלונג וועגנ דעמ געזונטנ אונ לעבנס־
לוסטיקנ געלעכטער, מיט וועלכנ די האָרעפּאשנע ייִדישע פאָלקס־מאסנ האָבנ געלינ־
דערט זייערע פיזישע אונ גייַסטיקע ליידנ; וועגנ דעמ פילאָזאָפיש־פּיקכעסדיקנ „לאכנ
איז געזונט‟, וועלכנ ס׳האָט ארויסגעשטעלט אלס דעוויז אינ זייַנ שאפונג דער גע־
ביאלער ייִדישער פאָלקס־שרייַבער שאָלעמ־אליכעמ.

מ. מײַדאַנסקי

# װעגן דעם עפּיטעט בײַ שאָלעם־אַלייכעמען

שאָלעם־אַלייכעמס סטיל איז טיף־טיף אײַנגעװאָרצלט אין דער פֿאָלק־שפּראַך. דאָס איז שײַעך צו זײַן בילדער־סיסטעם בכלל און צום עפּיטעט בפֿרט. שאָלעם־אַלייכעם שעפּט דעם עפּיטעט מיט פֿולע הויפֿנס פֿון דער פֿאָלק־שפּראַך, פֿון דער פֿאָלק־בילדערישקײַט; ער שאַפֿט נײַע עפּיטעטן װידעראַמאָל טאַקע אױף דער באַזע פֿון דער פֿאָלק־שפּראַך. ער קומט ניט אָן צו עפּעס אומגעװײנלעכע, אױסגעקליגלטע עפּיטעטן, און דאָך קלינגען זײ אין זײַן שאַפֿונג פֿריש, טרעפֿלעך און איבערצײַגנדיק.

דער גענִיאַלער קינסטלער שאָלעם־אַלייכעם האָט גלענצנדיק באַהערשט די קונסט אַרױסצוהײבן אַלעמאָל די אײגנשאַפֿט פֿונעם געגנשטאַנד, װאָס האָט אַנטשפּרעכט אַמבעסטן דער אידײי־קינסטלערישער אײַנשטעלונג פֿון דער שילדערונג, די אײגנ־שאַפֿט, װאָס װאַרפֿט אַ העלע שײַן אױף די געשילדערטע געגנשטאַנדן און דערשײַ־נונגען. דאָס װײַזט זיך אַרױס אין דער פֿאַרקערפּערונג פֿון פֿאַרשײדנאַרטיקע מאָטיװן: װען דער שרײַבער שילדערט פּאָזיטיװע, פֿרײדיקע דערשײַנונגען און געשטאַלטן, װען זײַן קינסטלערישע אױפֿמערקזאַמקײַט איז צוגעשמידט צו טראַגישע לעבנס־מאָמענטן, און דערהױפּט — װען ער געפֿינט זיך אין דער דאָמינירנדיקער ספֿערע פֿון זײַן שאַפֿונג, אין דער ספֿערע פֿון הומאָר און סאַטירע, װען ער האָט צו טון מיט אָביעקטן און פּראָצעסן, פֿון װעלכע ער לאַכט מיט טרערן אָדער מיט סינע און גאַל.

שאָלעם־אַלייכעם װענדט ברײט אָן דעם עפּיטעט אינעם פּײזאַזש, אינעם פּאָר־טרעט, אין דער שילדערונג פֿון פֿאַרשײדענע סיטואַציעס, אַלס מיטל פֿון סאָציאַל־עטישער כאַראַקטעריסטיק. דער עפּיטעט טרעט בײַ אים אַרױס אין דער פֿאַרשײדנ־אַרטיקסטער גראַמאַטישער אױספֿורעמונג.

דער כאַראַקטער פֿונעם עפּיטעט, אַזױ װי פֿון אַנדערע קאַטעגאָריעס שילדערונג־מיטלען, דרינגט אין אַלגעמײן אַרױס באַם שרײַבער פֿונעם רעאַליסטישן סטיל פֿון זײַן שאַפֿונג. ס'איז אָבער אינטערעסאַנט אױסצוקלאָרן, װיאַזױ די אַלגעמײנע ריכטונג פֿון זײַן סטיל װײַזט זיך אַרױס אין באַזונדערע געביטן, דאָס זעלבע — װעלכע ספּעציִעלע סטיליסטישע דערשײַנונגען לאָזן זיך מערקן אין יעדן אײנציקן פֿון די דאָזיקע געביטן. דאָס איז פֿון אײן זײַט.

פֿון דער צװײטער זײַט װעט די גענױערע אױספֿאָרשונג פֿון באַזונדערע עלע־מענטן אינעם שרײַבערס בילדער־סיסטעם קענען ברענגען נוצן פֿאַר דער ברײטערער כאַראַקטעריסטיק פֿון זײַן סטיל אינגאַנצן גענומען. אױך דאָס איז אַ סטימול צו

פאַרנעמען זיך מיט דער דערלערנונג פון באַזונדערע סטיליסטישע קאַטעגאָריעס פון פּאָעטיק, פון פּאָעטישער סעמאַנטיק בא שאָלעמ־אַלייכעמען.

אונדזער צוועק דאָ איז צו טיילן זיך מיט אייניקע באַאָבאַכטונגען (וועלכע פּרעטענדירן אין קיין פאַל ניט אויף אויסשעפּיקײַט) וועגן דעם עפּיטעט בא שאָלעמ־אַלייכעמען [1].

## 1. דער עפּיטעט אין דער פאַרקערפּערונג פון פאַרשיידענע עמאָציאָנעל־אידייִשע מאָטיוון

### 1. באַם שילדערן פּאָזיטיווע געשטאַלטן און פרײדיקע דערשײַנונגען

מיר ווענדן זיך צום שרײַבערס ווערק. מיר בלעטערן זײַן „בוך פון אַלע ביכער" — דעם ראָמאַן „פונעם יאַריד". ס'שטייט פאַר אונדז אויף דאָס געשטאַלט פון זײַן ערשטן לעבנס־פרײַנט, פון שמוליק דעם יאָסעם, וועלכער האָט דעם יונגן שאָלעמען, דעם קינפטיקן שרײַבער, דער ערשטער אַרײַנגעפירט אין דער וועלט פון פּאָעזיע און וואָס דערפאַר טאַקע האָט שאָלעמ־אַלייכעם פאַרהיט צו אים אויפן גאַנצן לעבן סימפּאַטיע און דאַנקבאַרקײַט. דער פאָלקסטימלעכער עפּיטעט באַגלייט קעסיידער דעם לירישן־אינטימען געמעל פון שמוליקס געשטאַלט און העלפט מיט בוילעטער צו שילדערן דעם אויסערלעכן אויסזען און די אינערלעכע וועלט פון שמוליק דעם יאָסעם.

דער שרײַבער דערציילט:

„...אַזאַ... קיינעוודיק פּנעמל האָט געהאַט שמוליק דער יאָסעם... און זיס איז געווען די שטים, זיס די שפּראַך, זיס ווי צוקער".

„פונוואַנען, — כידעשט זיך דער שרײַבער, — האָבן זיך צו דעם ציקאַווען באָכער מיט די רויטע בעקלעך און מיט די פאַרכאָלעמטע אויגן גענומען אַזויפיל מײַסעס און אַזעלכע שיינע רײַכע מײַסעס מיט אַזעלכע זעלטענע פאַנטאַסטישע בילדער?"

און דער פאָלקסטימלעכער עפּיטעט באַגלייט אויך דעם שלוס־אַקאָרד אין דער שילדערונג פונעם שרײַבערס יוגנט־פרײַנט:

„לעבט ער נאָך ערגעץ אָט דער ציקאַווער שמוליק מיט די פאַרכאָלעמטע אויגן און מיט זײַן שיינ, קיינעוודיק לאָשן, וואָס גיסט זיך, ווי ריינער בוימל און ציט זיך ווי גוטער האָניק?"

מיט דער הילף פונעם אייגפאַכן, אומגעקינצלטן עפּיטעט גיט איבער דער שרײַבער זײַנע הויכע געמיט־אויפגערעגטקײַט באַם שילדערן די אויפגעלעבטע קינדערשע אײַנדרוקן פונעם „אַלטן, שיינעם, שמעקנדיקן דניעפּער". אַזוי מאָלט ער אויך האַרציק און וואַרעם די שפּיל פון קאָלירן און די באַוועגונג פון קלאַנגען און שטילקײַט אין דער נאַטור:

---

[1]) די קאַטעגאָריע „עפּיטעט" ווערט דאָ גענומען ברייט: ס'ווערן אין איר אײַנגעשלאָסן אַלערליי טיפּן באַשטימונגען, וואָס טראָגן אַרײַן אין דער שילדערונג אַ באַשטימטע עמאָציאָנעלע באַפאַרבונג.

„די לעוואָנע איז ארויס, פריִער א רויטע, דערנאָכ איז זי געוואָרנ ווײַס, א העל־ווײַסע, א זילבערנע לעוואָנע... וואָס בלישטשעט עס אזוי, ווי גלאָז, אונ שײַנט אָפּ אפ דער זונ מיט א זילבערנעמ קאָליר? אָט דאָס זאָל זײַנ דער דניעפּער?... נאָר אָט הייבט זיכ אָנ די זונ געזעגענענ מיטנ טאָג. מיט אירע לעצטע, נאָר שארפּע גינגאָלדענע שטראלנ שפּיגלט זי זיכ אָפּ אינעמ זילבערנעמ וואסער פונ דניעפּער... אונ א נײַע, פּרישע, שטילע קילקײַט האָט ער (דער דניעפּער מ. מ.) ארויסגעגעבנ פונ זיכ, א גלאטע, גרינגע שטילקײַט..."

דער פאָלקסטימלעכער עפּיטעט ווערט אָנגעווענדעט אויכ אינ דער שילדערונג פונ פּאָרטרעטנ פונ די פּאָזיטיווע געשטאלטנ אינ אנדערע ווערק. צומ בײַשפּיל, אינ „סטעמפּעניו", ווענ דער שרײַבער שילדערט סטעמפּעניוס „שווארצע ברענענדיקע פײַערדיקע אויגנ" אונ אינעמ פּאָרטרעט פונ ראָכעלע דער שיינער, וואָס „אירע אויגנ זײַנענ געווענ ניט ווינציקער בלוי אונ לויטער, ווי דער בלויער לויטערער הימל אונ איר שיינ ליכטיק פּאָנעמ איז געווענ ניט מיִעסער פונ דער שיינער ליכטיקער נאכט". די טיפע קינסטלערישע אופריכטיקײַט, מיט וועלכער ס׳זײַנענ דורכגעדרונגענ דעמ שרײַבערס ווערק, קערט דאָ אומ דעמ פאָלקסטימלעכנ עפּיטעט די אורקראפט פונעמ פּאָשעטנ, אומיטלבארנ געפיל.

שאָלעמ־אליִיכעמ ווענדט דרייסט אָנ דעמ אײַנגעוואָרצלטנ פאָלקסטימלעכנ עפּיטעט צו נײַע פּאָזיטיווע דערשײַנונגענ פונעמ געזעלשאפטלעכנ לעבנ, צומ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ פונעמ ארבעטער־קלאס. דאָס איז אינעמ מויל פונעמ העלד דעמ פאָלק־מענטש באזונדערס בארעכטיקט. ליזע די דינסט — די העלדנ פונ „כארויסעס", וועלכער מאקס „דער רעכטער יאט" גיט שוינ צו לייענענ ביכלעכ מיט דער אופשריפט „פּראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאריייניקט אײַכ", ליזע ווייסט שוינ, אז „עס גייט א צײַט, א גאָלדענע צײַט".

## 2. דער עפּיטעט באמ שילדערנ טראגישע מאָטיוונ

מיר טראָגנ זיכ איבער צו גאָר אנ אנדער מאָטיוו.

פּייסי דער כאזנ איז געפערלעכ קראנק. מע האָט געבראכט מאָטלענ פונ דער שטעלע געוואָר ווערנ צומ פּאָטער. אפילע אפ מאָטלענ, דעמ שטענדיק זאָרגלאָזנ קינד, האָט זיכ איצט געזעצט אפ א קורצער ווײַלע עפּעס א ניט קינדערשער ערנסט: אזוי טראגיש איז דער צושטאנד פונעמ פּאָטער. אָט וויִאזוי שאָלעמ־אליִיכעמ ווײַזט מאָטלענ (אונ אונדז אייִנציִיִיק) דעמ צושטאנד אונ דעמ אויסזענ פונ מאָטלס פּאָטער — פּייסי דעמ כאזנ:

„דער טאטע דערזעט מיכ, רופט מיכ צו צו זיכ מיט א לאנגנ דארנ פינגער... דאָס פּאָנעמ, ווי לײַמ. די גרויע האָר גלאנצנ, שטארצנ אייִנציִק ווײַז, ווי ארײַנגעשטרײַכטע, פרעמדע האָר. די שווארצע אויגנ זיצנ טיפ, ווי ארײַנגעפּאסטע, פרעמדע אויגנ. די ציינ זעענ אויס, ווי ארײַנגעזעצטע, פרעמדע ציינ. ער לייגט ארופ אפ מײַנ פּאָנעמ א הייסע האנט מיט ביינערנע פינגער. דאָס פּאָנעמ מאכט א קרומענ שמייכל, ווי א מעס".

דעם דאָזיקן טראַגישן מאָמענט שילדערט דער שרײַבער, ווי מיר זעען, העכסט פּלאַסטיש. און דאָס וויכטיקסטע מיטל, מיט וועלכן דער שרײַבער דערגרייכט עס, איז דער עפּיטעט. דעם טראַגישן קאָלאָריט שטרײַכט באַזונדערס אונטער דער איבער־געבאַזוערטער עפּיטעט „פרעמדער". דער דאָזיקער עפּיטעט באַהויפּט מיט דער גאַנ־צער האַרבקייט, אַז צווישן לעבעדיקע מענטשן איז פּייסי דער כאַזן שוין אַ פרעמדער, אַ פאַרוואַרטייליטער.

דער פאָלקסטימלעכער עפּיטעט שטרײַכט ניט זעלטן אונטער דעם ביטערן דאַ־לעס, דעם טראַגישן גורל פון די פאָלקס־מאַסן אין דער געזעלשאַפט פון אונטער־דריקער און אונטערדריקטע. אין אַזאַ פונקציע טרעט ווידער אַמאָל אַרויס טאַקע דער עפּיטעט „פרעמדער".

„זאָגן אַפ דער פאַטשיילע אַ כעסאָרן קען מען ניט, וואָרעם ס'איז אַ זעל־טענע פאַטשיילע. נישט מער, אַפ דער מאַמע זעט זי אויס פרעמד, שטאַרק פרעמד".

„איך הייב אויף דעם קאָפּ און דערזע די מאַמע מיטן געלן פרעמדן מאַלבעש און מיט דער זײַדענער פאַטשיילע".

דער עפּיטעט „פרעמדער" רעדט דאָ אויסדריקלעך וועגן דער אָרעמקייט, וועגן דעם דאַלעס אין מאָטלס פאַמיליע.

דעם עפּיטעט, וואָס ווערט געוויינלעך געברויכט אינעם קאָנטעקסט פון שטייגע־ריש־מאָראַלישע כאַראַקטעריסטיקעס טראָגט שאָלעם־אַלייכעם צומאָל אַריבער אין דער ספערע פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע דערשײַנונגען, און ער באַקומט אַזוי אַרום אַ נײַע אָנווענדונג.

אין „סטעמפּעניו" לייענען מיר:

„די קלעזמערשע טעכטער זײַנען אויך געווען מייסטערס לופטיקע פריי־לעכע נעשאָמעס". און דערנאָך טײַנעט שוין שיינע־שיינדל אין אירע בריוו צו מענאַכעם־מענדלען: „...זאָלסטו זיך אַרויסשלאָגן פונעם קאָפּ דײַנע לופ־טיקע פאַרנאָסעס מיט דײַנע זיסע שרײַבעכצן".

דער מאָטיוו פון מענאַכעם־מענדלס לופטיקע פאַרנאָסעס — אין טאָך אַ טראַגישן מאָטיוו — טראַקטירט שוין אָבער שאָלעם־אַלייכעם אינעם הומאָריסטישן פּלאַן.

## 3. דער עפּיטעט צו דינסט דער הומאָריסטישער שילדערונג

וויאַזוי זשע דינט דער עפּיטעט דער הומאָריסטישער שילדערונג־מאַניר, דער הויפּט־מאַניר פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן? וויאַזוי טרעט דער עפּיטעט אַרויס אַלס מיטל פון אָפּלאַכן?

אין האָלענעשטי, דערציילט שאָלעם־אַלייכעם אין די „בלאָנדזנדע שטערן", האָט מען „קיין טעאַטער אייגנטלעך קיינמאָל ניט געזען", און מע ווייסט דאָ ניט „מיט וואָס מע עסט דאָס". און אָט איז אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן קומט אַראָפּ אַהער איינער אַ פאַרשוין אָפּדינגען דעם טעאַטער, ריכטיקער, אַ געבײַדע פאַרן טעאַטער... די אײַנדרוקן פונעם אויסזען און פונעם הוילעך פונעם דאָזיקן פאַרשוין און פון זײַן רעדן האָט דער האָלענעשטער אוילעם אַפּ זײַן אויפן סומירט אַזוי:

„א מאָדנע פארשלעפטע קרענק מיט א מאָדנעם פאלטאָ, מיט א מאָדנעם קאפעלוישל און מיט א מאָדנע לאָשן, מע קאָן אויסגיין פאר געלעכטער!”

אָט די אלגעמיינע טיפּיזירנדיקע באשטימונג „מאָדנע” פּאסט אויסגעצייכנט צו דער מערהייט שאָלעם־אלייכעמס קאָמישע און טראגיקאָמישע פּערסאָנאזשן, וועלכע זיינען אופגעקומען אין דער יידישער סוויווע אין די פארקריפּלטע, מעשונעדיקע סאָציאל־פּאָליטישע אומשטענדן פון דער פארגאנגענער עפּאָכע, אָבער דעם שרייבערס קונסט באשטייט ניט דערהויפּט אין נוצן די דאָזיקע אלגעמיינע ניוועלירנדיקע באשטימונגען [1]). שאָלעם־אלייכעם, דער אלגעמיין אָנערקענטער ווירטואָז פון הומאָריסטישער שילדערונג, כאפּט אוף בא יעדן איינציקן פּערסאָנאזש וויכטיקע דעטאלן, די מינדסטע, אָבער כאראקטעריסטישע שטריכן, וועלכע אינדיווידואליזירן מאקסימאל דאָס בילד; ער קאָמבינירט און גרופּירט די דאָזיקע שטריכן אזוי קונציק, אז די מאָדנעקייט, די מעשונעדיקייט פונעם פּערסאָנאזש, זיין קאָמישקייט שניידט מאמעש דאָס אויג.

לאָמיר זיך צוקוקן צו די עפּיטעטן אין שאָלעם־אלייכעמס פּאָרטרעט פון פּערסאָנאזשן, וועלכע ער לאכט אויס אמאָל גוטמוטיק, אמאָל בייז:

1) „די מאמע זאָגט, אז דאָס זיינען אגענטן. די אגענטן וועלן מיט אונדז גאנהענען די גרענעץ. איינער זעט טאקע אויס ווי א גאנעוו. א גרינע קאָפּאָטע, א ווייסער שירעם, און אויגן גנייווישע. דער אנדערער איז דאפּקע א פּיינער מענטש מיט א קאפּעליוש” („מאָטל...”).

2) „אָט איז ער אויך דאָ — דער גראָבער קאָלעקטאָר מיט די שווארצעברילן און מיט די טיפּע קאלאָשן” („פונעם יאריד”).

איז עס די שפּיל פונעם שרייבערס פאנטאזיע, וואָס ער קלייבט אזוי צו די פארבן, וואָס ער קאָמבינירט אזוי די עפּיטעטן? איז עס א זאך פון זיין אויסלאָכערישן גוסט, וואָס ער פארפוצט אזוי זיינע העלדן? קלאָר, אז ניט. דאָס זיינען אָפּשטעמפּלונגען פון דער עפּאָכע, אָפּבילדונגען פון סאָציאלע גרימאסן.

דיסהארמאָניע צווישן באזונדערע אייגנשאפטן, דיספּראָפּאָרץ פון באזונדערע דערשיינונגען, וועלכע דערגייט צו שארפן קאָנטראסט — דאָס איז די לופּט, מיט וועלכער עס אָטעמט די הומאָריסטישע שילדערונג־מאניר. דאָס זעען מיר טיילווייז שוין אין די נאָרוואָס באטראכטע ביישפּילן. אָט זיינען ווידער ביישפּילן, ווו די קאָמבינירונג פון עפּיטעטן שטרייכט נאָך שארפער אונטער די קאָנטראסטישקייט פון די געשילדערטע געגנשטאנדן און פון זייערע אייגנשאפטן:

1) „עפּעס א שווארצער מיט ווייסע ציינ ווייזט א מאלפּע”.

2) „עס וועט אים אָבער העלפן, ווי א טויטן באנקעס: ער איז זייער קליין געוואקסן. ער איז ניט אזוי קליין, ווי זי איז גרויס און הויך און מאנצבלדיק און רויט און ראבעטינע, און א שטימע האָט זי א מאנצבלשע”.

---

[1]) מע דארף צוגעבן, אז אפילע די אלגעמיינע באשטימונג „מאָרנע” באקומט דאָ א געוויסע עמאָציאָנעלע באפארבונג אראנק דעם, וואָס דער שרייבער כאזערט זי איינגעשפּארט איבער.

3) „אַט אזוי ווי איר זעט, זײַנען זיי אַלע, די קלײנע מענטשעלעך, ניט קיין באַלעמאַרעשכוירע, קיין פאַרזאַרגטע. זיי האָבן א שעם אפ דער וועלט פאַר גרויסע באַלהאמצאָעס, ווערטלזאָגערס, לעבעדיקע, פרייליכע נעשאָמעס, אָ ר ע מ ע, נאָר פ ר יי ל ע כ ע״.

דער עפּיטעט קומט אַלס קאָמפּאָנענט פון הומאָריסטישער שילדערונג, ווען ער ווײַזט אַפ דער היפּערטראָפיע פון א געוויסן שטריך בא א פּערסאָנאַזש אָדער בא א גאַנצער ריי פּערסאָנאַזשן. די דאָזיקע אייגנשאַפט מאַכט ניט זעלטן דער שרײַבער פאַרן הויפּט־שטריך פונעם פּאָרטרעט.

„אַפן וואָקזאַל האָבן זיך א לאָז געטאָן א גאַנצע קאָמאַנדע הויז־מעשאָרסים מיט גע לע בערד, מיט גע לע קאַפּאָטעס און מיט גע לע בלעכלעך אפ די גע לע אָפּגעבאַרעטע קאַשקעטלעך״ — כויזעקט שאָלעם־אַלייכעם פון דער קאַס־רילעווקער „ציווילייזאַציע״.

2) „א הויכער, א דאַרער, א קרענקלעכער, א הוסטנדיקער, מיט א קורצן אָטעם, מיט א ווײַס געשטופּלט פּאָנעם, מיט א שפּיצעכיקער נאָז, מיט א שפּיציקן קאָפּ, מיט שפּיציקע אויערן, און אויגן אויך שפּיציקע, הונגעריקע, שטעכנדיקע, שאַרפע אויגן — אָט דאָס איז דער פאַרשוין״ (האָצמאַך פון די „בלאָנדזונדע שטערן״).

אַלס מיטל פון הומאָריסטישער און סאַטירישער שילדערונג טרעט אָפּט אַרויס בא שאָלעם־אַלייכעמען דער עפּיטעט, גענוצט אינעם איראָנישן זינען. דאָס איז שײַעך ווידעראַמאָל דערהויפּט טאַקע צום פּאָלקסטימלעכן עפּיטעט:

1) „ער איז גאָר די קאַפּאָרע נאָך די אָרטיקע פּײַנע מענטשלעך, די קאַפּאָרע מעגן זיי שוין זײַן פאַר מיר און פאַר דיר...״

2) „און איך באַדאַרף זיצן אַן אַלמאָנע כײַע און אַרויסקוקן אפ מײַן ש יי נ ע ם ברויטגעבער״ (פון שיינע־שיינדלס בריוו צו מענאַכעם־מענדלען).

אין „סענדער בלאַנק״ — א ראָמאַן אָן א ראָמאַן — ווי שאָלעם־אַלייכעם רופט אים אָן אינעם אונטערקעפּל, — שילדערט דער שרײַבער סאַטיריש־בייז דעם גווירישן שיכט. דאָ נוצט ער איראָניש דעם טראַפאַרעטן ראָמאַנטישן עפּיטעט, אופרײַסנדיק אזוי אַרום די ראָמאַנטישע שילדערונג־מאַניר.

דאָס צענטע קאַפּיטל הייבט זיך דאָ אָן אזוי:

„ש וו אַ ר צ ע וואָלקנס האָבן זיך אָנגערוקט אפ סענדער בלאַנקס הויז, און א פ י נ צ ט ע ר ע, א ש ר ע ק ל ע כ ע פ י נ צ ט ע ר ע נאַכט האָט זיך דאָ אויס־געצויגן: א גאַנץ שטראָף האָט זיך אויסגעגאָסן אפ סענדערס קאָפּ מיט זײַן גאַנץ הויזגעזינד״.

דאָ קען זיך דער שרײַבער ניט פאַרלאָזן דערויף, אַז דער לייענער וועט אופנע־מען אַליין דעם איראָנישן טאָן, און ער דעשיפרירט גלײַך זײַן סטיליסטישן מיין. ער טוט דאָס מיט דער הילף פונעם מיטל, וואָס ס'איז אין פּאָעטיק באַוווּסט אונ־טערן נאָמען (обнажение приема) — „אַנטבלויזונג פון דער מאַניר״.

„נאָר... — זעצט פאָר שאָלעם־אַלייכעם, — לעמײַ זאָלן מיר זיך נאַרן! איר האָט שוין געוויס געלייענט גענוג ראָמאַנען און זײַנט שוין מיסטאַמע גוט באַ־קאַנט מיט די אַלע אָנשטעלן, מיט די קונצן פון דעם ראָמאַניסט, וואָס פירט

אײַך און פּירט אײַך, און איר מײנט, אַז איר זײַנט שױן מיט אים אינגאַנצן פּאַרטיק! צום סאָף — סטאָפּ!"

און דער שרײַבער שילדערט װײַטער די צװיִעס און די פאַלשקײַט, װאָס הערשן אין סענדער בלאַנקס פאַמיליע.

## II. אײניקע סטיליסטישע באַזונדערקײַטן באַם נוצן עפּיטעטן

מיר װעלן זיך איצט אָפּשטעלן אַף אײניקע סטיליסטישע מיטלען, װעלכע דער שרײַבער װענדט אָן, קעדיי צו דערלאַנגען דעם עפּיטעט מער רעליעפ, מער אָנשױלעך.

דער אָריגינעלער עפּיטעט קומט בא שאָלעם־אַלײכעמען ניט זעלטן מיט א געװיעם קאָמענטאַר צו אים. דאָס קען שטאַמען פון פאַרשײדענע סיבעס. עס קען אַרױסדרינגען פון דער אַלגעמײנער מאַניר פון ברײטער, דעטאַליזירטער שילדערונג, װאָס איז אײגנטימלעך די שרײַבער־רעאַליסטן ביכלאַל און שאָלעם־אַלײכעמען ביפּראַט. דאָס העלפט דעם לײענער טיפער און ברײטער אױפצונעמען דעם אינהאַלט פונעם בילד.

אָט דערצײלט אונדז מאָטל:

„ס'איז שױן לאַנג נאָך דער כּופּע. מע גרײט שױן צום טיש. װײַבער און מײדלעך טאַנצן א קאַדריל. איך האָב מיך אַרײַנגעפּלאָנטערט מיט מײַנע הילצערנע הױזן אינמיטן".

— הילצערנע? — יאָ, הילצערנע.

און איר נעמט אױף דעם דאָזיקן עפּיטעט װי א נאַטירלעכע זאַך. װײַל דאָס, װאָס ס'איז דערצײלט פריִער, האָט אײַך שױן אינגאַנצן צוגעגרײט צו דער דאָזיקער קינסטלערישער באַשטימונג, און זי קלינגט פאַר אײַך אַבסאָליוט ניט אומגעריכט. מאָטל האָט דאָך אונדז שױן גענױ אױסגעדערצײלט, װיִאַזױ די מאַמע האָט אים אױסגעפּוצט צו דעם ברודער עליעס כאַסענע:

„די מאַמע װאַשט מיך אַרום, טוט מיר אָן א פּאָר נײַע הײזלעך מיט א קאַשקעטל צו דער כאַסענע. די הײזלעך זײַנען געמאַכט געװאָרן, איך װײס ניט פון װאָסער א מאַטעריע: אַז מע שטעלט זײ אַװעק, שטײען זײ, און אַז מע גײט, שרײַען זײ. מאָדנע הײזלעך!

— אַז דו װעסט צערײַסן אָט די הײזלעך, איז שױן עק װעלט! — אַזױ זאָגט די מאַמע, און איך מײן אױך אַזױ. אַזעלכע הױזן קאָנען זיך שױן ניט צערײַסן. סײַדן מע זאָל זײ צעברעכן".

קען דען װיבאַלד אַזױ זײַן טרעפלעכער אַן עפּיטעט פאַר די דאָזיקע הײזלעך, װי דער עפּיטעט „הילצערנע"? אַזױ האָבן געפּאַסקנט אפילע די קינדער פון טאַלמעד־טױרע, װאָס, װי מאָטל דערצײלט אונדז, איז „בא זײ איז ניטאָ קײן צאַרבאַלעכאַיִם", און זײ האָבן אָנגעהױבן אים, דעם אײגנטימער פון די הײזלעך, רופן „די הילצערנע הױזן".

אין דעם פאַל װאַקסט אַרױס דער עפּיטעט פון דער פריִערדיקער ברײטער שילדערונג.

דער קאָמענטאַר צום עפּיטעט קען אױך קומען גלײַך נאָך אים, דאָ אַפן אָרט:

„דער קוינע,״ דערציילט מענאכעם־מענדל, ״איז טאקע איינער פון די ראדאָמישלער, זייער א הייסער קוינע, מאכמעס די ראדאָמישלער זײַנען אלע זייער הייסע קוינים, ברענענ צו זאוואָדלעכ״ („מענאכעם־מענדל״).

מערקווירדיק איז, ווי ס׳וואקסט אָנ דער עפּיטעט „בלאָנדזונדע שטערנ״ אינעם ווערק מיטנ זעלבנ נאָמענ.

דאָ זעענ זיך מיר פאָרויס, אז שטרענגע קלאסיפיקאטאָרס וועלנ פרעגנ: צי איז „בלאָנדזונדע שטערנ״ אנ עפּיטעט? דערויף דארפ מענ ענטפערנ: עמעס טאקע, דאָס איז מער פונ אנ עפּיטעט. די דאָזיקע קינסטלערישע פאָרמולע אנטהאלט דאָכ אינ זיך אפילע די אידיי פונעם גאנצנ ווערק. זי וואקסט אריבער אינ א זעלבשטענדיק קינסטלעריש געשטאלט, אָבער זי טרעט ארויס אויכ אלס עפּיטעט.

איז וויִאזוי ווערט אריינגעפירט אינעם ווערק דער עפּיטעט „בלאָנדזונדע שטערנ״?

די ערשטע אָנצוהערעניש אפנ דאָזיקנ בילד באקומענ מיר דאנ, ווענ אינ דער נאכט פונ דער סרייפע זאָגנ ארויס רייזל אונ לייבל איינס דעמ צווייטנ זייער פאר־באָרגענעמ טרוימ „ארויסרײַסנ זיך פונדאנענ, פונ אָט דעמ ענגנ, וויסטנ, פינצטערנ האָלענעשטי״.

— זע נאָר, ווי די שטערנ פאלנ... — זאָגט רייזל צו לייבלענ. אונ דאָס קאָל ציטערט, אונ דאָס הארצ קלאפּט איר.

אונ לייבל באַרויִקט זי, ווי אנ עלטערער:

— וואָס דארפ מענ מוירע האָבנ? שטערנ פאלנ ניט, שטערנ בלאָנ־דזענ.

— שטערנ בלאָנדזענ?״

אויסגעפּורעמט אונ פארקײַלעכיקט אלס עפּיטעט טרעט ארויס דאָס דאָזיקע בילד צומ ערשטנ מאָל אינעמ מויל פונעמ געוויסנ מעצענאט אונ „מוירעדיקנ ליבהאָבער פונ יידישנ טעאטער דאָקטער לעוויוס״, וועלכער טרינקט פארנ געזונט אונ האלט רעדעס לעקאָוועד דעמ „בלאָנדזנדנ שטערנ״ לעאָ ראפאלעסקאָ. די דאָזיקע קינסטלערישע פאָרמולע טרעפנ מיר אינעמ ראָמאנ אויכ ווײַטער ביז צו די פינאל־שטעלנ פונעמ ראָמאנ, אינעמ לעצטנ בריוו פונ ראָזע ספּיוואק צו מארטשעלאָ עמבריכ: „שפּעט, צו שפּעט האָבנ זיך באגעגנט די בלאָנדזנדע שטערנ״.

אינ שאָלעמ־אלייכעמס שאפונג איז ברייט אונ פארשיידנארטיק פאָרגעשטעלט דער עפּיטעט אלס צונעמעניש. דאָס צונעמעניש קומט געוויינלעכ דאָ מיט א געגויעמ קאָמענטאר, וואָס דעקט אופ זײַנ אידייִש־קינסטלערישנ טאָכ. דאָ איז אונדז אינטערעסאנט צו פארצייכענענ צונעמענישנ, וואָס דער קאָמענטאר צו זיי פאר־שארפט די אופמערקזאמקײַט אפ זייער סאָציִאלנ אינהאלט. אָט זײַנענ עטלעכע בײַשפּילנ פונ איינ דערציילונג — „פונ „כאַרויסעס״:

1) „לייע דימויד (אזוי האָט מענ זי גערופנ אינ דער דינסט, כאָטש בא זיך אונ בא אירע באקאנטע האָט זי געהייסנ „ליזא״).

2) פערערווע איז א צונעמעניש, וואָס לאָזט זיך ניט איבערזעצנ אפ קיינ אנדער לאָשנ, סײַדנ אפ אונדזער יידיש, זאָל לעבנ. אפ אונדזער יידיש וועט דאָס הייסנ אזוי גרויס, ווי „א קישקע אָנ א דנאָ״, מיט איינעמ וואָרט,

פּערערווע איז א מענטש, וואָס איז אימ קארג די וועלט — און אָט אזעלכער איז ער טאקע[1].

3) פּערערווע האָט א ווײַב, דארפ זי הייסנ פּערעוואריכע[2]. דאָס הייסט, הייסנ הייסט זי ראצל, נאָר א נאָמענ האָט מענ איר געגעבנ פּערעוואריכע איבער איר כאראקטער. זי איז אביסל אנ אײַנגעגעסענע. איטלעכנ באזונדער קאָכט זי אויס דאָס וואסער״.

אינ די געבראכטע בײַשפּילנ שפּיגלענ אָפּ די צונעמענישנ די עפּיטעטנ די באַצייכנטע אייגנשאפטנ אינעמ דירעקטנ זינ. ס'ווערט געזאָגט דירעקט דאָס, וואָס מע מיינט. דאָס צונעמעניש קאָנ אָבער זײַנ געבויט איראָניש, אזוי אז דער נאָמענ זאָל זײַנ פּונקט דער היפּעכ דערפונ, וואָס די געמיינטע אייגנשאפט שטעלט פאר מיט זיכ אינדערעמעסנ. שאָלעמ־אלייכעמ ניצט אָפט אזוינע נעמענ און צונעמענישנ מיט עמעסנ שאָלעמ־אלייכעמישנ שארפזינ:

1) „דער דאָזיקער באָכער הייסט סימכע, נאָר רופנ רופט מענ אימ סאָסנ וועסימכע. ניט דעריבער, ווײַל ער איז אזא פריילעכע בריִע, נאָר אדראבע — טאקע ווײַל דער באָכער איז בעטעווע אנ אומעטיקער באָכער, א מאָרעשכוירעדיקער, א פארשלאָפענער״ („בל. שטערנ״).

2) „דאָס קינד״ (אזוי האָבנ „צארט״ גערופנ די עלטערנ זייער ווערגע־לעצ, צו וועלכנ זיי האָבנ געבראכט פאר א לערער דעמ העלד פונ „מײַנ ערשטנ ראָמאנ״ — מ. מ.) איז געווענ א הויכער, א גראָבער, א געזונ־טער, א ווײַסער, א שיינער, א לעבעדיקער, א פריילעכער באָכער מיט ווײַסע רויטפּארביקע באקנ, מיט היפּשע פּעטע פּיסקעס, מיט א הויכנ ווײַסנ שטערנ, מיט גוטע גרויע אויגנ, מיט פּעכקע ווײַסע הענט ווי פּאמפּעשקעס, און האָט ליב געהאט דרײַ זאכנ: עסנ, און שלאָפנ, און לאכנ״ („מײַנ ערשטער ראָמאנ״).

3) „ער אליינ (דער פּאָטער — מ. מ.) האָט געמאכט די ווײַנענ פונ געהאקטע ראָזינקעס אונטער אלערליי נעמענ, פונ וועלכע עס געדענקט זיכ „ווימאָראָזעק״, „כערעס״, „מאדערע״ און נאָכ א סאָרט רויטער ווײַנ מיטנ נאָמענ „צערקאָוונע קאָשער לעפּייסעכ״ („פונעמ יאריד״).

דאָ איז קעדײַ אָפּצומערקנ: דאָס צונויפפּאָרנ אינ איינ נאָמענ דעמ קריסטלעכנ „צערקאָוונע״ און דעמ פרומ־יידישנ „קאָשער לעפּייסעכ״ פּירט אומדירעקט דערצו, אז פונ די דאָזיקע ווערטער ווערט אראָפּגעריסנ דער שלייער פונ הייליקײַט.

---

1) דאָס וואָרט פּערערווע קענ אינ רוסיש האָבנ דעמ באַטײַט אָפּגרונט, טהאָמ. פיגורעל, ווי עס טײַטשט עס שאָלעמ־אלייכעמ: „א קישקע אָנ א דנאָ״. זע Толк. слов. В. Даля. III стр. 198 און 1320

2) „פּערעוואריכע״ מוז שטאמענ פונעמ אוקראיִנישנ וואָרט „переваруха“. הרינטשענקאָ גיט אָנ דאָס דאָזיקע וואָרט (ניט זיכער) מיטנ באַטײַט: Торговка, продающая съестное? (Б. Грінченко Слов. укр. мови, 1925, ст. 1219)
פונ שאָלעמ־אלייכעמס קאָמענטאר „איטלעכנ באזונדער קאָכט זי אויס דאָס וואסער״ ציִענ זיכ פעדעמ צומ אוקראיִנישנ פראזעאָלאָגישנ אויסדרוק „варити воду з к.-н.“ מיטנ זעלבנ באַטײַט צ. ב.: „Підпара варив воду з челяді“ (פּידפּארא איז דער העלד פונ קאָציובינסקיס ווערק „פאטא מאָרגאנא״ — א באלעגוס). זײַנענ אָבער, פארשטייט זיכ, עטימאָלאָגיש варити воду און Переваруха ניט קרויוויש.

גרינגשעציקע וואָרטשפּיל טרעפן מיר אויך באַם קעגנשטעלן אין אַנדערע פאַלן רעליגיעזע עפּיטעטן. צום בײַשפּיל:

„גאָזלען, וואָס האָט איר געהאַט צו מיר? לעמײַ האָט איר אַרײַנגעהאַקט אין מײַן פּייסעכדיקער האַגאָדע אַ כאָמעצדיקע סליכע?" („מאָטל פּייסי דעם כאַזנס").

שאָלעם־אַליכעמס אַ באַליבטע סטיליסטישע פיגור איז די פיגור פון איבער־כאַזערונג. ס'איז באַוווּסט, אַז ער כאַזערט געערן און אָפט איבער ווערטער און גרופּעס ווערטער, אויב דאָס איז אים נייטיק אָפּ בעסער אײַנצוקריצן אינעם באַוווּסטזײַן פונעם לייענער די אָדער יענע אידיי, דאָס אָדער יענץ בילד. דאָס האָט אַן אָרט אויך בענעגייע עפּיטעטן, באַזונדערס ווען דאָס העלפט מיט אַרײַנצופירן דעם הומאָ־ריסטישן טאָן אין דער דערציילונג.

דאָס איז געווען, ווען דער יונגער שאָלעם האָט אָפּגעהאַלטן די ערשטע רײַזע פון וואָראָנקע קיין פּערעיאַסלאַוו. די ערשטע סטאַנציע אין ווען איז געווען באָרישפּאָליע. דאָ האָבן די קינדער דערזען ווייניק נײַס. „הײַזלעך די זעלבע, וואָס אין וואָראָנקע, מענטשן אויך די אייגענע, נאָר נעזער אַנדערע. אַ צופאַל, אָדער ס'איז טאַקע אַזוי, נאָר די כעוורע זײַנען געווען איבעראַשט פון דעם, וואָס דער באַלעבאָס פון דער סטאַנציע, די באַלעבאָסטע און זייערע פיר דערוואַקסענע טעכ־טער — אַלע זײַנען זיי געווען מיט לאַנגע נעזער, און טאָמער איז קאַרג, האָט די דינסט נאָך אַ לענגערע נאָז פון אַלע".

אַלזאָ, ווייסן מיר שוין די דאָזיקע „מערקווירדיקײַט" פון באָרישפּאָליע. אָבער די צוועקן פון הומאָריסטישער שילדערונג, די שטרעבונג מער רעליעף אַרויסצוהייבן דעם דאָזיקן הומאָריסטישן מאָמענט אין דער שילדערונג דיקטירן דעם אַווטאָר, ער זאָל די דאָזיקע איינצלהײַט איבערכאַזערן ווידעראַמאָל בענעגייע יעדער פּערזאָן, צו וועלכער זי איז שײַעך, באַזונדער. מיר לייענען גלײַך ווײַטער:

„דערהערט פונעם באַלעגאָלע, ווער די פאַרשווינדלעך זײַנען, האָט דער לאַנגנאָזיקער באַלעבאָס זיי אויפגענומען מיט קאָוועד, געהייסן דער לאַנגנאָזיקער דינסט, זי זאָל שטעלן דעם סאַמאָוואַר, אַ ווונק געגעבן צו דער לאַנגנאָזיקער באַלעבאָסטע, זי זאָל דערלאַנגען פאַרבײַסן, און אַ קאָמאַנדעווע געגעבן צו די לאַנגנאָזיקע טעכטער, זיי זאָלן אָנטאָן די שיכ".

## III. וועגן דער גראַמאַטישער אויספורעמונג און פאַרבינדונג פון די עפּיטעטן

מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אַז דער עפּיטעט קומט פאָר בײַ שאָלעם־אַליכעמען אין דער פאַרשיידנאַרטיקסטער גראַמאַטישער אויספורעמונג.

פאַרשטייט זיך, אַז דערהויפּט ווערט ער דאָ אויסגעדריקט דורך אַדיעקטיוון, אָבער ניט זעלטן אויך דורך סובסטאַנטיוון און אויך דורך אַדווערבן (ווען די עפּי־טעטן באַציִען זיך צום פּרעדיקאַט פונעם זאַץ).

בענעגייע דער סינטאַקסישער פונקציע טרעט דער עפּיטעט אָפטער אַרויס אַלס אַטריבוט, אָבער ער קומט פאָר אויך אַלס סוביעקט, ער קומט פאָר אַלס אַ טייל

פון פאַרשיידענע זאַצגלידער — אַלס אַ פּאַראַלעליזם אינעם באַשטאַנד פונעם פּאַרבּרייטערטן סוביעקט, אָביעקט א. אַז. וו. די אַלע דערשײַנונגען קענען איליוסט־רירט ווערן דורך די אויבן שוין בא אַנדערע פאַלן ציטירטע בײַשפּילן, און מיר וועלן דאָ דעריבער דערצו ניט ברענגען קיין נײַע.

דער עפּיטעט טרעט אָפּט אַרויס בא שאָלעם־אַלייכעמען אינעם זאַץ אויך אַלס ווענדונג. דאָס קומט פאָר אָפּטער אין די׳אַלאָגן. קלאָר, אַז דאָס איז ניט די גע־וויינלעכע ווענדונג, ווען מע רופט אָן דעם, צו וועמען מע רעדט, בא זײַן געוויינ־לעכן אָרדינאַרן נאָמען. דאַן וואָלט דאָס דאָך ניט געווען קיין עפּיטעט. ס׳איז אַזאַ ווענדונג, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַ כאַראַקטעריסטיק פונעם מיטשמועסער, אַ ווענ־דונג, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט מיט האַרץ, וואָס טראָגט אין זיך אַן עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג. אינעם הומאָריסטיש־סאַטירישן זשאַנר איז דער עפּיטעט פונעם דאָזיקן מין די זידל־ווענדונג.

די זידלערײַ אַלס עפּיטעט קומט טאַקע אָפּט פאָר אין שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, און מיטן הילף פונעם דאָזיקן מיטל לאַכט דער שרײַבער אויס די קליינלעכע ליידנשאַפטן, וואָס צעשפּילן זיך אין דער גײַסטיק־אָרעמער סוויווע:

„פערעוואַריכע האָט דערפילט, אַז עס פּלאַצט איר די גאַל... און זי האָט
אויפגעעפנט איר מויל און האָט אָוועקגעלייגט אַ מײַנעלאָשן... און האָט זיי
(דעם פעטער יאָסעס קרויווים — מ. מ.) אַלעמען אָנגערופן מיטן עמעסן נאָמען...
פאַרשטאָכענע אויגן, פאַלשע מענטשן, פאַרקויפטע נעשאָ־
מעס, כאַליפאָסניקעס, טעלערלעקער!״

און דער לייענער דערפילט גלײַך, ווי לעכערלעך ס׳איז פערעוואַריכע אין דער ראָל פון אַ קעמפערן פאַר עמעס און אופריכטיקײַט.

דער צונויפגעזעצטער עפּיטעט איז אַ זעלטענע דערשײַנונג בא שאָלעם־אַלייכעמען. ער קומט בא אים אויסגעפורעמט ניט אַלעמאָל אַלציינס.

איינער פון די עפּיטעטן קען דאָ גראַמאַטיש צונויפגעוואַקסן ווערן מיטן סוב־סטאַנטיוו אין איין וואָרט, אין אַ צונויפזאַץ. צומבײַשפּיל:

„דעם פעטער יאָסעס געקניטשטש פּאַרמעט־פּאָנעם. („כאַרויסעס״).

„רייזלס שוואַרצכיינעוודיק ציגײַנער־פּאָנעם. („בל. שטערן״).

ס׳קענען דאָ זײַן עפּיטעטן אין דער פאָרם פון צונויפגעזעצטע אַדיעקטיוון. צומבײַשפּיל:

„פריילעכע, מאָדנע־אָנגעלייגטע נײַס״ („פונעם יאַריד״).

„אירע מאַט־שוואַרצע ציגײַנער־אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן״ („בל. שטערן״).

צומאָל באַגעגענען מיר בא שאָלעם־אַלייכעמען דעם פילגאָרנדיק־צונויפ־געזעצטן עפּיטעט אַלס מיטל פון הומאָריסטישער שילדערונג:

„איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אַראָפּגעקומען קיין האָלענעשטי
עפּעס איינער אַ פאַרשוין, אָנגעטאָן אין אַ געל־רויטלעך־טונקל־גרינ־
בלויִלעכן פּאַלטאָ״.

דאָס איז דער פּאַלטאָ, וואָס האָט אַזוי מאָדנע אויסגעזען בא די האָלענעשטער אין די אויגן. מיט אַזאַ פילגאָרנדיק־צונויפגעזעצטן עפּיטעט איז אויך באַצייכנט דער

קאָליר פון דער פאטשיילע, וואָס מאָטלס מאמע האָט אנטליִען בא עמעצן צו עליעס כאסענע:

„דעם קאָליר פון דער פאטשיילע איז שווער צו באשרײַבן... באטאָג איז
עס העל ראָז, פארנאכט קומט דאָס אויס געלבלעך, און באנאכט ווײַס. גאנץ
פרי מאָלט זיך עס אויס גרינלעך, און אמאָל, אז מע קוקט זיך שטארק אײַן,
פאלט דאָס גאָר ארײַן אין אנטיק־מארע, דאָס הייסט: העל־רויטלעך־בלוי־
טונקל־גרין־פאָפעליאטע.

דאָ זעען מיר ווידעראמאָל, וויִאזוי דער עפיטעט וואקסט ארויס פונעם פריִער־דיקן טעקסס.

שאָלעם־אליי כעמס באליבטע סינטאקסישע פאָרם פון דעטאל־ניואנסירטער, פיל־זײַטיק־קאָנסטרויִרטער שילדערונג פון געגנשטאנדן דורך עפיטעטן איז די קאָנ־סטרוקציע מיט גלײַכארטיקע אטריבוטן. בא שאָלעם־אליי כעמען איז עס זייער א פארשפרייטע דערשײַנונג — שילדערן א געגנשטאנד דורך עטלעכע עפיטעטן, אָדער אין גראמאטישע טערמינעס אויסגעדריקט, באגלייטן איין סובסטאנטיוו מיט א גאנ־צער ריי אטריבוטן.

עטלעכע אטריבוטן בא איין סובסטאנטיוו זײַנען, ווי באוווסט, ניט גלײַכארטיק, אויב זיי געהערן צו פארשיידענע לאָגישע קאטעגאָריעס, אויב זיי שילדערן דעם געגנשטאנד פון פארשיידענע זײַטן און זײַנען ניט פארייניקט דורך איין עמאָציִאָנעל־קינסטלערישער אײַנשטעלונג:

„איך זיץ שוין אינעווייניק בא „סעמאדענין" ווי אלע, ארום די ווײַסע
מירמלשטיינערנע טישלעך" („מענאכעם־מענדל").

„מעני, דעם שאָכנס קעלבל, האָט קוידעם ארײַנגעשטעקט די שווארצע
נאסע מאָרדע אין מיסט ארײַן..." („מאָטל").

קאָליר און אנדערע סימאָנים זײַנען אין די דאָזיקע בײַשפּילן ניט קיין גלײַכ־ארטיקע אטריבוטן. זיי שילדערן דעם געגנשטאנד פון פארשיידענע זײַטן און זײַנען ניט באפארבט עמאָציִאָנעל.

דער קינסטלער דעקט אָפּט אויף אין לאָגיש־פארשיידנארטיקע סימאָנים זייער איינהײַטלעכע עמאָציִאָנעלע נאטור און נוצט אזוינע אטריבוטן אלס גלײַכארטיקע קינסטלערישע באשטימונגען. אזוינע אלציינס עמאָציִאָנעל באפארבטע קאָמפּאָנענטן פון קינסטלערישער שילדערונג זײַנען גלײַכארטיקע אטריבוטן:

„דער קאָפּ איז אים אין דרויסן... אין דער... גאָר־נאָר הויכער, ברייטער,
טיפער, בלויער יארמעלקע" („מאָטל...").

די גלײַכארטיקײַט פון אטריבוטן־עפּיטעטן שטרײַכט דער שרײַבער אונטער און באטאָנט זי דורך דער איבערכאזערונג פונעם ארטיקל בא יעדן עפּיטעט.

„ראָכעלע די שיינע — די שיינע, די ריינע, די ערלעכע ראָכעלע..."

„בא דער מעכאשייפעטע מענאשעכע די רויפעטע לאָז ארפּאָפּאלן אן
עפּעלע א ווערעמדיקס, אן אײַנגעדארטס, אן אײַנגעקנייטשטס... וועט זי זיך
ניט פוילן... „ארײַנלייגן אין פארטעכ ארײַן"...

„א הויכע, א ווײַסע געמויערטע וואנט"... („סטעמפעניו").

וועדליק אונדז דאכט, האָט אין דער ייִדישער ליטעראַרישער שפּראך שאָלעם־

אליכעמ דער ערשטער אזוי ברייט אויסגענוצט די איבערכאזערונג פונעמ ארטיקל מיט אזא סטיליסטישן צוועק. בא מענדעלען באגעגענע מיר עס קוים-קוים.

ס'איז קעדיי צו באמערקן, אז שאָלעמ-אליכעמ ווענדעט אָן צומאָל אפ א פאר-שיידענעמ סינטאקסיש-סטיליסטישן אויפן איינע און די זעלבע אטריבוטן: איינמאָל אלס גלייכארטיקע עמאָציִאָנעל-באפארבטע קינסטלערישע באשטימונגען און א צווייטן מאָל אלס אָביעקטיווע באצייכענונגען פון די אייגנשאפטן פונעמ געגנשטאנד. דאָס זעען מיר אין דער דערציילונג „דריי קעפלעך". דער אווטאָר שילדערט דאָ, ווי די דריי אָרעמע קינדער, וואָס זיינען געבוירן און געוואָקסן צווישן וואנט-און צווישן אריוון, רייסן זיך צו דער שיין, צומ פענצטער.

אָבער: „סאכאקל איינ פענצטער, איינ שטיקל פענצטער... און וואָס זעט מען דאָרט? א וואנט. א הויכע, א ברייטע, א גרויע, א נאסע וואנט".

וויטער דערציילט אונדז דער שרייבער וועגן דעמ, ווי אָפגעריסן די קינדער זיינען פון דער נאטור, ווי אָרעמ עס זיינען זייערע פאָרשטעלונגען וועגן כייעס, פייגל א. ד. גל. זיי האָבן פון דעמ מינ גאָרניט ניט געזען לעבעדיקערהייט, אויסער א קאץ:

„א קאץ האָבן זיי אן אייגענע, א לעבעדיקע, א גרויע קאץ, גרוי ווי די גרויסע גרויע נאסע וואנט".

דער שרייבער ניצט אינעמ ערשטן פאל די אטריבוטן אלס גלייכארטיקע, אלס גלייכבארעכטיקטע קאָמפּאָנענטן פון איינ ברייטער בילד — א בילד פון דער האמעט-נער, דריקנדיקער וואנט, וועלכע רויבט אָפּ בא די קינדער די פרישע לופט און די ליכטיקע שיין. דער שרייבער ניצט די אטריבוטן אינעמ צווייטן פאל אלס ניט גלייכ-ארטיקע, ווייל דאָ שילדערט ער שוינ אן אנדער אָביעקט, און עס איז ניט נייטיק דאָ צו אינטאָנירן און אקצענטירן גלייכמעסיק יעדער אייגנשאפט אירע באזונדער.

דער געבענטשטער שאָלעמ-אליכעמישער הומאָר, וואָס פלייצט אינ דעמ שרייבערס שאפונג פון אלע זייטן, רייסט זיך צומאָל אריינ אויכ דורכ דער סינטאקסישער קאָנ-סטרוקציע, וועלכע מיר באטראכטן דאָ,— בא דער איבערכענונג פון עטלעכע עפּיטעטן. אזוי זעען מיר דאָס דאָרט, ווו מענאכעמ-מענדל רעכנט איבער די מיילעס פון דער „בסולע", וועלכע ער האָט אזוי שלימאזלדיק זיכ געפרווט פארקנאסן: „א שיינע א געזונטע און אן אָסאָבע" — באדויערט ער נאָכ זיינ מיעסן דורכפאל.

דער קאָמישער עפעקט ווערט דאָ געשאפן דערמיט, וואָס דאָס וואָרט „אָסאָבע" קלעפט זיך שלעכט לויט זיינ אָפּשטאמ און לויטן באטיים צו די פריִער קומענדיקע געוויינלעכע ייִדישע ווערטער. דער דאָזיקער קאָמישער עפעקט דערגרייכט צו גאָר א הויכער שטופע אינ דער פאָרזעצונג פון דער כאראקטעריסטיק פון דער קאלע:

„ניט קיינ סאָניטשקע, נאָר טאקע א גאנצער סאָניטשניק".

דאָ ווערן שוינ אלס לאָגיש-גלייכארטיקע קעגנגעשטעלט צוויי באגריפן אפן סמאכ פון אויסערלעכער, קלאנגלעכער געמיינזאמקייט. עמעס, ס'איז מעגלעכ אויכ א וויטע לאָגיש-באטייטלעכע אסאָציִאציע צווישן די באגריפן. די דאָזיקע באטייט-לעכע פארבינדונגען פון די באגריפן איז אָבער קאָמיש, ווייל זי איז ווילקירלעכ, זי שפארט זיך אינדערעמעסן אָן ניט אפ דער באטייטלעכ-עטימאָלאָגישער קרוייועשאפט פון די ווערטער.

שאָלעם־אלייכעמס עפּיטעטן, זײַנע בילדערישע אויסטועס לעבן אַלס קינסטלערישע פאַרקערפּערונג פון דער פאַרשאָלטענער פאַרגאַנגענהײַט, אַלס דערמאָנונג וועגן פינצטערן נעכטן, — א דערמאָנונג, וואָס העלפט אונדז שטאַרקער פײַנט האָבן די קאַפּיטאַליסטישע פאַרגאַנגענהײַט און הייסער ליב האָבן אונדזער ליכטיקן סאָוועטישן הײַנט.

אָט איז א פאַקט פון אונדזער ווירקלעכקײַט.

דעם 8־טן אַפּרעל 1939 זײַנען אינעם גרויסן קרעמל־זאַל איבערגעגעבן געוואָרן אָרדענס די אַרטיסטן פונעם מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער, וועלכע זײַנען באַלוינט געוואָרן פון דער רעגירונג צום יובילײַ פונעם טעאַטער.

דער פאָלקס־אַרטיסט פונעם ראַטנפאַרבאַנד כ׳ מיכאָעלס האָט דערציילט אין דער פּרעסע וועגן די בילדער, וואָס זײַנען אויפגעשוואומען פאַר זײַן באַוווסטזײַן אין די דאָזיקע פײַערלעכע מינוטן. דער כ׳ מיכאָעלס האָט געזאָגט, אז ער האָט געטראַכט „וועגן אונדז, פרײַע בירגער, פונעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד, שטאָלצע זין פונעם פרײַען יידישן סאָוועטישן פאָלק”. „איך האָב אויך געטראַכט וועגן די, — האָט ווײַטער געזאָגט דער כ׳ מיכאָעלס, — וואָס אין אויסלאַנד טראָגן זיי איצט איבער די גאַנצע שאַנד פון פאַשיסטישן ווילקיר, וועגן ברידער, וואָס וואַרטן אף באַפרײַונג... נאָכדעם האָבן זיך מײַנע געדאַנקען געווענדעט צו מײַן פּראָפעסיע, צו שאָלעם־אלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן”, צו די גרויסע נעמען קאַמינסקע, אדלער און פיל אַנדערע, וועלכע האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט, אז עס איז דאָ א גליק דאַן, ווען מע זאָגט זיך אָפּ פונעם עפּיטעט „שטערן”, און נאָך „בלאָנדזיקן”. עס איז דאָ א קאָלאָסאַל גליק, ווען מע טראָגט דעם פּראָסטן נאָמען מענטש — בירגער פון אייגענעם פרײַען פאָלק און מע שפּיגלט אָפּ אין דער שאַפונג די גרויסע סאָוועטישע טעג”.

---

ע. ספּיוואַק

# אידיאָם און ווערטל אין שאָלעם־אַלייכעמס פראַזעאָלאָגיע

I

די פאַרשיידנאַרטיקע פראַזעאָלאָגיע פון א שפּראַך שליסט אײַן זיך אײַן דעריקער טראַדיציאָנעל געוואָרענע ווערטער־גרופּעס, וואָס זײַנען מערער אָדער ווייניקער געבונדן צווישן זיך.

אין דער דאָזיקער פראַזעאָלאָגיע, גענומען אין ברייטערן זינען, שיילן זיך אין דער שפּראַך קלאָר און העל אויס די פיגורעלע פראַזעמעס — דער אידיאָם און דאָס ווערטל.

פאַר אידיאָם איז געוויינלעך אָנגענומען צו האַלטן א פראַזעמע מיט א געוויסן בילדעריש־עמאָציאָנעלן באַטײַט, וואָס איז אָפּט דער קאָנקרעטער טאַמציס און שלוס־אויספיר פון אוואָסער עס איז גרעסער און מערער אַנטוויקלט ווערק (מאָשל, מײַסע, ליד, אַנעקדאָט, וויץ). אַזאַ אידיאָמאַטישער טאַמציס קען אָבער אויך, פאַרקערט, זײַן דער שטויס־פּונקט באַם שאַפן דאָס גרעסערע און דאָס מער אַנטוויקלטע ווערק. געפּורעמט קען זײַן דער אידיאָם לויט די פאַרשיידענע מעטאַפאָרישע אַרטן (עפּיטעט, פאַרגלײַכונג, מעטאָנימיע א. אַנד.).

מיט דער בילדערישקײַט פונעם אידיאָם איז אָפּט געבונדן אויך זײַן שטײַפע אינערלעכע באַהעפטקײַט, זײַן „אומצעלייגבאַרקײַט" (פּאָלג מיך א גאַנג, בלוט און מילך). דאָס מיינט, אַז דער אידיאָם לאָזט זיך אָפּט ניט גלידערן באַטײַטלעך, אַז דער באַטײַט פון דער אידיאָם־גרופּע, אינגאַנצן גענומען, דרינגט מיינסטנס ניט אַרויס פונעם באַטײַט פון די באַזונדערע ווערטער אין דער גרופּע. גענומען פאַר זיך, לאָזן די באַזונדערע ווערטער פונעם אידיאָם גאָר אָפּט פאַרלוירן גיין דעם בילדעריש־עמאָציאָנעלן קערן, וואָס זיי פאַרמאָגן געבונדענערהייט, אַלס אייניקײַטלעכע ווערטער־גרופּע. דעריבער איז גאַנץ אָפּט אין אַן אידיאָם אַזוי ווי ניט מעגלעך צו בײַטן די אָרדענונג פון די ווערטער אָדער דעם לאָגישן אַקצענט פון א געוויסן וואָרט. דעריבער לאָזט זיך אָפּט ניט דער אידיאָם (ווי דער פראַזעאָלאָגישער אויסדרוק בכלל) פון איין שפּראַך „קאַלקירן" אַזוי ווי ער שטייט און גייט, ס'הייסט מיט סטרוקטורישער ענלעכקײַט גלײַך איבערגענומען ווערן אין א צווייטער שפּראַך, כאָטש דאָס הייסט, פאַרשטייט זיך, ניט, אַז ס'גילטן ניט גאָר היפּש אַלציינע פראַזעמעס אין פאַרשיידענע שפּראַכן.

און סײַ מיט דער דאָזיקער „אומצעלייגבאַרקײַט", סײַ שוין מעמיילע מיט דער

סטאבילקייט, מיט דער טראדיציאָנעלקייט פונעם אידיאָם איז צו דערקלערן אויך דאָס, וואָס אינעם אידיאָם איז ניט זעלטן איינגעגלידערט א וואָרט, וואָס, אליין גענומען, ווערט עס קנאפּ אָדער קלאָר ניט געברויכט, און ס'איז דעריבער אויך ווייניק פארשטענדלעך אין רייד, ווי עס איז צו טרעפן אויך אָפט אין די מאסן־טימלעכע שאָלעם־אליינכעמישע פראזעמעס: שלאָגן ביידעקעס (בא שאָלעם־אליינכעמען אויך — פוסטע ביידעקעס)[1], זיצן ווי די טאָקן[2] א. אז. וו.

און דאָך איז די אינערלעכע טראדיציאָנעלע באהעפטקייט פון אן אידיאָם אין היפּש פאלן א רעליאטיווע זאך. דער אידיאָם קען זיך אויך בייטן און וואריירט ווערן, אָפּהענגיק פון אָרט און צייט. ספּעציעל אין דער ליטעראטור קען דער אידיאָם איבערבאזיניקט און איבערקאָנסטרוירט ווערן צוליב פארשיידענע קאָנקרעטע שיל־דערונג־צילן.

נאָר נאָענט צום אידיאָם לויטן בילדערישן טאָך איז דאָס ווערטל, כאָטש עס קאָן אויך האָבן א בעסיירעשע שייכעס צום שפּריכוואָרט, אויסדריקנדיק אין א געוויסער מאָס באגלייך מיטן שפּריכוואָרט א פאראלגעמיינערטן לעבנס־קלאָר, א סאָציאַל־שטייגערישע סענטענץ. דעם אונטערשייד צווישן אידיאָם און ווערטל דארף מען, ווייזט אויס, איינזען אין דער גרעסערער פּאַטענץ פון א ווערטל לעגאבע אן אידיאָם צו דערנענטערן זיך צום שפּריכוואָרט.

אָט זיינען א פּאָר ביישפּילן דערצו פון דער פאָלקס־פּראזעאָלאָגיע, וואָס קומט, אגעוו, פאַר אויך אָפט בא שאָלעם־אליינכעמען.

„פּערדס־ביטש־שטעקעלע[3] קען אָנגענומען ווערן פאַר אן אידיאָם. ס'איז א שטיים־געבונדענע פראזעמע (וועגן וויטער קרויוועשאפט). לויטן געדאנק איז עס אָבער נאָענט צום שפּריכוואָרט „מיין פּערדס־ביטש־שטעקעלע איז געווען בא זיין זיידנס וואָגן א פּלעקעלע“[4], דאָס דאָזיקע שפּריכוואָרט איז אינהאלטלעך און סטרוקטוריש פארגאנצטער. די צווייטע העלפט („איז געווען בא...“) קלאָרט בעסער אויס די ערשטע העלפט (וואָס אליין גענומען, איז עס דער פריער געבראכטער אידיאָם), און דערמיט ווערט שוין דאָס שפּריכוואָרט פולער אויך אין פראט פון זאצבוי, ריטם און גראם.

אין פלוג איז אן אידיאָם אויך אזא ווערטל ווי „געלט איז קיילעכיק“. עס שטאמט דאָך פונעם שפּריכוואָרט „געלט איז קיילעכיק — אמאָל איז עס דאָ, אמאָל

---

[1]) אין אוקראיניש байдики бити (אין רוסיש — бить бакуши). דאָס אוקראינישע байдики און דאָס רוסישע — бакуши האָבן געהאט באטייט העלצלעך, וואָס מע פלעג זיי באקומען באם סקאָלען געהיילצ, ספּעציעל — אָסינע, וואָס שפּאלט זיך גרינג. די דאָזיקע העלצלעך פלעגן גיין אפּ פאר־שיידענע דריבנע אויסארבעטונגען, אשטייגער, אפ הילצערנע לעפל. בא דער אמאָליקער שווערער פּויערי־שער מי האָט שוין אזא ארבעט אויסגעזען לייכט, שיר ניט קיין פּוסטע ארבעט, אן ארבעט פאר א ליידיקגייער.

[2]) מיטלהויכדייטש locke — ליאָלקע.

[3]) ס'איז דאָ פאראן פארשיידענע וואריאנטן: „קוביטש־פּערדס־שטעקעלע“ „פּערדס־פּוס־פּאָדקאָוועס איינייקל“, „פּערדס־פּוס־קאָפּעטע־פּאָדקאָווע־צוועקל“.

בא שאָלעם־אליינכעמען כרעפן מיר עס דערהויפּט אין דער ערשטער געבראכטער פאָרם „פּערדס־ביטש־שטעקעלע“: „א קאָרעוו האָט מיר גאָט צוגעשיקט, עפּעס א שמעלקע, ווייס איך: „מיין פּערדס־ביטש־שטעקעלע“ (סטוויע). אנדערע וואריאנטן דערפון זיינען בא שאָלעם־אליינכעמען זעלטענער.

[4]) איגנאץ בערנשטיין, יודישע שפּריכווערטער. ווארשע. תרע״ג.

איז עס דאָרט" [1]). די צווייטע העלפט שפּריכוואָרט שטעלט מיט זיך פאָר לעגאַבע דער קאָנקרעטער באַהויפּטונג פון דער ערשטער העלפט א מער פאַרברייטערטן אַלגעמיי־נעם דידאַקטישן אויספיר, א פאַרגאַנצטערן מאָראַליזירנדיקן מיין, וואָס איז ביקלאַל אייגנטימלעך דעם שפּריכוואָרט.

דער זעלבער געדאַנקען־גאַנג קען אויך אָנגעווענדעט ווערן צו אַן ענלעכן טיפּ ווערטל ווי „געלט איז בלאָטע", וואָס בא טעוויען ווערט עס אזוי שפּריכ־וואָרטמעסיק אויסגעטײַטשט: „די האקעסעס וועלי האזאָהאָוו — געלט איז בלאָטע! דעריקער איז דער מענטש, דאָס הייסט, אז דער מענטש איז א מענטש".

פּאָטענציעל נאָענט צום שפּריכוואָרט (אָפּט א טייל פון א שפּריכוואָרט), איז דאָך דאָס ווערטל פאקטיש גאָר נאָענט צום אידיאָם, אלס „ריינע" פראזעמע ביקלאַל אָן דער פּאָטענץ פון ווײַטערדיקער אנטוויקלונג לויטן טיפּ שפּריכוואָרט און צו אימ ענלעכע פאַרברייטערטע פאָלקלאָריש־ליטעראַרישע איינצלען.

ס׳איז ניט אַלעמאָל אזוי גרינג אונטערצושיידן אידיאָם פון ווערטל. ס׳גילטן דאָ אויך גרענעץ־טיפּן.

אין דער ווײַטערדיקער באַטראַכטונג פון שאָלעם־אַלייכעמס פיגורעלע פראזעמעס וועלן מיר ניט שטרענג אָפּגרענעצן דעם אידיאָם פונעם ווערטל. צומאָל וועט אויך דאָס ווערטל מוזן נאָכצײַען נאָך זיך דאָס שפּריכוואָרט, מיט וועלכן ס׳איז ענג געבונדן, כאָטש ספּעציעל נעמען מיר דאָ ניט דאָס שפּריכוואָרט אין באַטראַכט, אַפּ וויפל ס׳גייט ארויס פון די ראַמען פון דער אייגנטלעכער שפּראַך־פראזעאָלאָגיע (ס׳איז שוין א געוויס פאָלקלאָריש־ליטעראַריש איינצל). צווישן אידיאָם און ווערטל (און צומאָל אויך שפּריכוואָרט) גילט אויך בא שאָלעם־אַלייכעמען גופא א שטײַפער איבערפלעכט, וואָס אָפּט איז אימ אזוי ווי ניט מעגלעך צו צעקניפּן און צעגלידערן.

## 2

די אייגנאַרטיקע ווירקלעכקײַט האָט זיך אָפּ פאַרשיידענע אופנים איבער־געבראָכן אויך אין דער רײַכער פראזעאָלאָגיע פון קאַסרילעווקער, פון יעהופּעצער און מעזמעלע אויך פונעם שאָלעם־אַלייכעמישן יידיש.

דאָס ווערטל האָט אין קאַסרילעווקע געהאַט גאָר א שאַרפן אָנגאַנג.

„...פאַראַן ווערטלעך, וואָס זײַנען ערגער טויזנט מאָל פון פּעטש, און אָפּ ווערטלעך זײַנען דאָך די קאַסרילעווקער יידן די ערשטע בעריעס, די גרעסטע מאַזיקים אין דער וועלט! פאַר א גלײַכוואָרט וועט אײַך א קאַסרילעווקער, ווי עס איז שוין באַוווּסט אָפּ דער גאַנצער וועלט, ניט זשאַלעווען גיין צען מײַל צופוס, ריזיקירן מיט פּאַרנאָסע, אײַנשטעלן קימאַט דאָס לעבן!..." (די גרויסע בעהאָלע פון די קליינע מענטשעלעך).

---

[1]) איגנאַנץ בערנשטיין. יודישע שפּריכווערטער. וואַרשע. תרע״ג. בא שאָלעם־אַלייכעמען ווערן אזוינע ווערטלעך אָפּט פאַרשיידן וואַריִירט: „האקויל העוועל — געלט, זאָג איך, איז קײַלעכיק, הײַנט אזוי, מאָרגן אזוי, אבי מע לעבט" (כעוי״ע).

אין קלעם פון רעכטלאָזיקייט, פון אויסזיכטלאָזער קאפּצאָנישקייט האָט מען זיך דאָ דאָס אייגענע הארץ אראָפּגערעדט און זיך אויך לוסטיק געמאכט אינעם שארפן וואָרט, אינעם ווערטל, אין דער געפליגלטער פראזעמע. ס'איז געווען א מין אויס־לאָדונג פון אינעווייניקסטן ווייי און פארדראָס און פון סאָציאַלער באאוולטקייט אין דער וועלט:

א) „...א קאסרילעווקער אָני, א מעקאבל, דער וואָס גייט איבער די הײַזער, אז ער קומט נאָך א נעדאָווע און מע גיט אים ניט, בעט ער מע זאָל אים כאָטש לאָזן זאָגן א מאָשל, און ס'מאכט זיך אָפּטמאָל, אז ער באקומט פאר אזא מאָשל א מיעסן פסאק; ער עפנט טאקע מיטן קאָפּ די טיר, ס'איז אָבער אלץ קעדײַ, אבי אויסגעבראכט א גלײַכווערטל" (פארבענקט אהיים).

ב) „א מאָדנער מענטש אָט דער געצי (דער דאמסקי שנײַדער): איינע זון האָט מען אים אוועקגעלייגט אין דער מילכאָמע, דער אנדערער זיצט, און אליין איז ער אויך אָפּ צאָרעס, נאָר קומט צו א גלײַכווערטל... כאפּט אים אוועק דער רוער..." (נישטאָ קיין נײַס).

און ווען אויס באָדנלאָזיקייט און עקאָנאָמישער פארוואָרלאָזטקייט האָט מען זיך אין קאסרילעווקע געקוויקט, ווי מיט כאלאָשעס־טראָפּן, מיט פוסטער טרוימערײַ, האָט מען אָבער צו דער זעלבער צײַט טאקע אליין זיך גוט אויסגעלאכט און זיך געשמאק געווערטלט איבער די אייגענע „באָצרעס":

„...זייערע געלעכטערן, מיין איך, האָט מען געדארפט הערן פאר א מײַל, און די גלײַכווערטלעך, וואָס זײַנען געפלויגן אף רעב הערצל דעם דאָקטאָר, אף דעם דאָקטאָר נאָרדען און אף אלע איבעריקע דאָקטוירים, וואָלט קעדײַ געווען, כ'לעבן, מע זאָל זיי צונויפזאמלען, פארשרײַבן און ארויסגעבן באזונ־דער אין א ביכל..."

שאָלעם־אלייכעם גופע פארכלינעט זיך מאמעש מיט דער שעפע פון דער יידישער פראזעמע און ווערט אָפּט אליין בארוישט פון איר פארשפרייטקייט אין דער פאָלק־שפראך, באזונדערס נאָך ווען ס'קומט צום כאראקטעריסטישן טיפּ פראזעמע אף „צו דערלאנגען אין ביין ארײַן".

אָט איז איין בײַשפּיל פון די פיל בײַשפּילן, וואָס מע וואָלט געקאָנט ברענגען. שאָלעם־אלייכעם דערקלערט, טײַטשט אויס אן יידיש־אמעריקאניש וואָרט:

„...זיך קיבעצן הייסט: איבערוואַרפן זיך מיט שטעכווערטער, פירן רע־כילעס אפּן אָרט, רעדן לאָשנהאָרע אין די אויגן, אײַנעסן זיך אין די ביי־נער, ארײַנקריכן יענעם אין די גארגערעס, דערלאנגען ביז דער זיבעטער ריפּ, דרעלעווען אן אויער, טרעפן אין שווארצאפּל, זאלצן אף די ווונדן, טרייבערן די קישקעס, רײַסן די הויט, טרענען די אָדערן, דערגייען די יאָרן, מאכן די עקטיקע, באגראָבן נײַן איילן, מיט גוטן שלאָגן קאפּאָרעס, קושנדיק ארויס־נעמען די נעשאָמע — אָ! אונדזער יידיש לאָשן איז, באָרעכהאשעם, גענוג רײַך..." (בלאָנדזנדע שטערן).

שאָלעם־אלייכעם איז דער ענציקלאָפּעדישער אופזאמלער, דער געניאַלער געני־סער און אויסניצער פון דעם רײַכסטן אוצער פאָלקס־פראזעאָלאָגיע. ספּעציעל דער אידיאָם, דאָס ווערטל אין דער נאטוראַלער און נאָך מער אין דער איבערגעפורעמטער

געשטאַלט האָט ער מײַסטעריש אינקרוסטירט אינ זײַנ גאָרער שאַפונג[1]). מערער ווי וועגנ עס איז ביז אים (כאָטש דערופ האָט שוינ געטרײַ געארבעט די פריִיקערע יִדישע ליטעראַטור) איז אזא פאָלקס-פראזעאָלאָגיע געוואָרנ בא שאָלעמ-אלייכעמענ א פרישער, געזונטער בלוט-צופלוס צו דעמ זיכ אלצ מער דעמאָקראטיזירנדיקנ רעאליסטישנ סטיל פונ דער אופבליִענדיקער יִדישער ליטעראַטור אונ שפּראַכ.

די ערשטנ אָנגעווענדעטע אונ אויסגענוצטע אידיִאָמענ אונ ווערטלעכ זײַנענ בא שאָלעמ-אלייכעמענ אומגעהײַער רײַכ אונ פילארטיק. ס'איז דאָ, אייגנטלעכ, פּאָר-געשטעלט די גאָרע פיגורעלע פאָלקס-פראזעאָלאָגיע. אונ בלויז אייניקע אזוינע ספּעציפישע אונ כאַראַקטעריסטישע גרונט-גרופּעס פראזעמעס וועלנ מיר זיכ פּרווונ ווײַטער ארויסברענגענ.

3

בא דער גאָרער בילדערישקײַט פונ אידיִאָמ אונ ווערטל איז עס שוינ פונדעסט-וועגנ ניט זעלטנ אנ אָפּגעשוואַכטע, אנ אָפּגעבלאַסטע בילדערישקײַט. דערצו ברענגט פריִער פאַר אלצ מיט די מעסוירעדיקײַט, די טראדיציִאָנעלקײַט פונ אזוינע ערטנ פראזעמעס. אורשפּרינגלעכ פאַרמאָגט אלעמאָל דער אידיִאָמ, דאָס ווערטל, א געוויסנ אָנשוילעכנ, קאָנקרעטנ, לעבעדיקנ אינהאַלט. צוערשט איז דער דאָזיקער אינהאַלט פאַרבונדנ מיט א כאַראַקטעריסטישנ סאָציִאַלנ אונ נאציִאָנאַלנ געדאנקענ-גאנג אינ פאָרשטעלונג-קרײַז. מיט יאָרנ ווערט שוינ דער דאָזיקער אינהאַלט „אַבסטראַהירט”, ער הייבט, הייסט עס, אָנ מערער צו באַצייכענענ א געוויסע פאַר-אַלגעמיינערטע אורטיילונג, האנאָכע, כאָטש פיגורעל אונ באַשרײַביק פאָרמירט.

לאָמיר נעמענ, אשטייגער, א פּאָר טיפּישע פאר שאָלעמ-אלייכעמענ (אונ פאַר דער יִדישער פאָלק-שפּראַכ) פראזעמעס באמ שילדערנ קאַסרילעווקער באָדנלאָזיקײַט אונ אויסזיכטלאָזיקײַט לויט אירע פאַרשיידענע ארויסווײַזונגענ אינ לעבנ אונ אינ רייד.

**אפנ הימל א יאריד.**

וועגנ דעמ געגעזיס פונ דעמ דאָזיקנ ווערטל-אידיִאָמ דערציילט מענ אינ פאָלק אָט וואָס. אז יִדנ דאַוונענ בעציבער, ווערט אפנ הימל א גאנצער יאריד. פונ וואָס טראַכטנ די דאַוונער ניט בעשאַס מײַסע? איינער טראַכט וועגנ טווע, א צווייטער — וועגנ שניט-סכוירע, א דריטער — וועגנ צעלניק, א פערטער — וועגנ באַקאַליי. אונ אז די טפילעס גייענ ארופ אפנ הימל, איז ביז עפּעס וואָס ווערט דאָרט א יאריד פונ אלערליי מינימ סכוירעס, — ס'ווערט „אפנ הימל א יאריד”.

**ניט געשטויגנ, ניט געפלויגנ.**

אינ פאָלק גילט מעקויעכ דעמ אזא אנעקדאָט. א יִיד האָט זיכ געאמפּערט מיט א קריסט וועגנ קריסטוסעס „פליִענ” אינ הימל ארײַנ. דעמ יִדנס אומגלויבנ האָט דער קריסט געוואָלט באַקרעפטיקנ מיט דער ביבלישער רײַע וועגנ מוישע ראַבייינוס

---

[1]) נאָכ פאַר שאָלעמ-אלייכעמס לעבנ איז אופגעקומענ דער געדאנק צו אופזאמלענ אונ ארויסצוגעבנ דעמ דאָזיקנ פראזעאָלאָגישנ אויצער. זע וועגנ דעמ שאָלעמ-אלייכעמס „מײַנ באַקאַנטשאַפט מיט א. ל. לעווינסקי”.

„שטײַגן" אין הימל צו גאָט. דער ייִד זאָל האָבן דערויף געענטפערט: „נישט גע־שטויגן, ניט געפלויגן" [1]).

„אפֿן הימל א יאריד", „ניט געשטויגן, ניט געפלויגן" און ענלעכע צו זיי סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע רעמיניסצענצן זײַנען געוואָרן אבסטראקטע פראזעמעס (ווײַל נעכטיקע טעג ביקלאַל), כאָטש ווען עס איז האָבן זיי געקענט פֿארמאָגן אזא אָדער אן אנדערע אָנשוילעכע אָנווענדונג באם באצייכענען קאָנקרעטע לעבנ־און שפראכ־פאקטן.

מיט אָט די פאלן פון קאָנקרעטע און אבסטראקט, פון דירעקט און אומדירעקט אין דער פראזעמע שפילט אָפט שאָלעמ־אַלייכעמ מיט א באזונדערן מין סאָציאַל־הומאָריסטישן כיין.

א) „אלע טאָג גייט ער אפ דער פאָטשט און פרעגט זיך נאָך אפן בריוו. שוין העכער א וואָך, אז ער האָט אוועקגעשיקט דאָס קערבל, און קיין בריוו איז נישטאָ. דערווײַל דארף מען לעבן... „די נעשאָמע אויסשפײַען קען מען נישט". אזוי זאָגט די מאמע. איך פארשטיי ניט, וויאַזוי שפײַט מען דאָס אויס די נעשאָמע?" (מאָטל פּייסי דעם כאזנס).

ב) „... דער טאטע, זאָגט ער, איז קראנק, מע דארף אים, זאָגט ער, ראַ־טעווען. מיר ראטעווען אים, זאָגט ער, ווי ווײַט מיר קאָנען. און מײַן ברודער עליע צעשפיליעט די קאפאָטע און ווײַזט מיר אפ זײַן זשילעט: — אָט האָב איך געהאט א זייגער, א מאטאָנע פון מײַן מעכוטן, האָב איך אים פארקויפט. דער מעכוטן זאָל וויסן, וואָלט זיך געטון כוישעך! די וועלט וואָלט זיך איבערגעקערט!..."

איך דאנק און לויב גאָט, וואָס זײַן מעכוטן וויסט ניט פונעם זייגער און וואָס די וועלט קערט זיך נאָך ניט איבער. ווײ! ווײ! ווען כאָלילע, די שאָ זאָל גאָר ניט זײַן, עס קערט זיך איבער די וועלט, וואָס וואָלט דעמלט זײַן מיט מעניען, מיטן שאָכנס קעלבל? א שטומע צונג!" (דאָרטן).

ס'איז אינגאנצן אין גײַסט פון מאָטלס קינדערטימלעכן באנעמען און פון זײַן פאָרשטעלן זיך אויך דאָס שוין אבסטראקט געוואָרענע גאנצ קאָנקרעט (אזוי ווי עלן מיר עס ביקלאַל טרעפן באם קינדער־טיפאוש). און דער הומאָריסטישער מיין איז דאָ בא שאָלעמ־אַלייכעמען אויך אזוי ארום צו אקצענטירן וויאַזוי פאר דעם געזונטן קינדערש־לוסטיקן סייכל־האיאָשער איז קאָשעדיק און אָפגעפרעגט — וואָס־זשע פאָרט טוט זיך עס ארום אים אין דער מעשונעדיקער ווירקלעכקײַט, ווו מע האלט אין איין אָפקומען און שיצן זיך מיט פארשטעלטע ווערטלעך וועגן אויס־שפײַען די נעשאָמע, וועגן דער וועלט, וואָס קאָן זיך איבערקערן, נאָר ניט מע קאָן א נעשאָמע אויסשפײַען, ווי ביטער ס'זאָל ניט זײַן זיך אומצוטראָגן מיט איר, און ניט עמעצער ארום אים איז בעקויעך צו איבערקערן די וועלט, כאָטש ס'וואָלט שוין בעפיירעש לאנג קעדײַ געווען צו מאכן אין איר עפעס א שטיקל איבער־קערעניש.

[1]) ס'איז פאראן אויך אזא ווארִיאנט. ייִדישע קריסטלעכע גלויבן זאָל קריסטוס האָבן „געשטיגן" פון קייווער און „געפלויגן" אין הימל ארײַן. איז האלטן ייִדן, אז ס'איז „ניט געשטויגן, ניט געפלויגן".

## 4

היפש פראזועמעס זײַנענ טכילעס אופגעקומענ לויטנ קריטערי „דער שוסטער רעדט פונ דער קאָפּעטע, דער בעקער רעדט פונ דער לאָפּעטע". מיט דער צײַט זײַנענ פיל פונ די דאָזיקע פראָפעסיאָנעלע פראזועמעס געוואָרנ אלגעמײנ־גע־ברויכלעכע.

טעוויע, וואָס איז לײַבלעכ פאַרבונדנ מיט זײַנ פערד־אונ־וועגעלע, אָפּערירט אויכ אָפט מיט באַלעגאָלישע פראזועמעס[1] באמ שילדערנ דאָס אײגענע דאָברע־מאזל: בלײַבנ מיטנ בײַטשל[2], מאַכנ לעמל[3] פאַרקערעווענ דעמ דישעל, אינ דער ערד מיט די פּאָסטאָראָנקעס[4]...

אזוינע פראזועמעס זײַנענ בא טעוויענ אויכ געבונדנ מיט זײַנ גאָרנ טײַטש־נוסעכ, וואָס איז אויכ בא אימ מערער א מיטל צו ארויסברענגענ די שעפע פונ זײַנ מאַסנטימלעכער אידיאָמאַטיק, ווי מיר וועלנ עס נאָכ ווײַטער זענ.

א) „...אײַ וואָס? טאָמער, כאָלילע, לוי יאַלע ועלוי יאָווי, עס מאַכט מיר לעמל, דאָס הײסט, מיט דער פוטער אראָפּ..."

ב) „...אײדער מע קוקט זיכ ארומ איז שוינ טראַכ: האַמאַשפּיל, לירויס באַשאָמאַיִמ אוואָרעצ — אינ דער ערד מיט די פּאָסטאָראָנקעס..."

ג) „...קעשוישאָנאָ בײנ האַכויכימ — ווי א פינפטע ראָד צומ וואָגנ".

טעוויע האָט אויכ א נײגונג צו ספּעציעלער (באַלעגאָלישער) טראַנספאָרמירונג פונ א געוויינלעכנ אונ פונ אנ אלגעמײנעמ אויסדרוק:

א פערד אפ קעסט; אײַנשטײנ בא טעוויענ פאַר א פערד; מײַנ באָכער איז שטאַרק פאַרטיפט אינ קײַענ א. אז. וו.

אונ אינ דעמ זעלביקנ גײַסט איז טעוויע אויכ מעסוגל צו פראזועאָלאָגיעאַרטיקער איבערבילדונג פונ א וואָרט צווישנ ווערטער:

עס פערדלט פונ אלע זײַטנ; פערדלעכ אשער לוי פערדלו אוווי־סיינו...

---

[1] באַנאַנד מיט די באַלעגאָלישע שפּריכווערטער: א פערד אפ פיר פיס ספּאָטיקעט זיכ, אונ ביפראַט א מענטש מיט אײנ צונג (דאָס גרויסע געווינס); דאָס בעסטע פערד דאַרפ האָבנ א בײַטש, דער קליגסטער מענטש אנ אײצע (א בוידעמ); אז מע שמירט, פאָרט מענ (דאַרטנ); אז מע שמירט ניט, פאָרט מענ ניט (האָרדל).

[2] בלײַבנ בא גאָרנישט. ווענ בא א באַלעגאָלע „פאַלט" דאָס פערד אינ וועג, מוז ער שוינ לאָזנ דאָרט אויכ דעמ וואָגנ אונ קומענ אהײמ בלויז מיטנ בײַטשל אלײנ. ס'גילט אויכ בא שאָלעמ־אלײכעמענ אינ אזא פאָרמ: „קומענ צוריק מיטנ בײַטשל".

[3] ס'האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ זיכער אויסצוקלאָרנ דעמ דאָזיקנ באַלעגאָלישנ אויסדרוק. מעגלעכ, אז מיר האָבנ דאָ א שפּיר פונ אנ עלטערנ טײַטש: מה"ד lummel — לענדנ, бедро. „מאַכנ לעמל" — מאַכנ מיט די לענדנ, מיט די זײַטנ". ס'קומט דאָ אויכ אופ די אַסאָציאַציע מיט נאָכ אנ עלטערנ טײַטש: lumm — שוואַכ, שלאַבעריק, אָפּגעלאָזנ. אונ עפּשער איז דאָס גאָר געבונדנ מיט דעמ געוויינלעכנ „לעמל" — „זיכ מאַכנ לעמל" — ארויסזענ לעמלדיק, נעבעכדיק, בידנע.

[4] посторомка אויכ пост ромки — גראָבער רימענ (אָדער שטריק) צווישנ כאָמעט אונ דראָנזשעק (זע ווײַטער). בא פערד, געשפּאַנט אינ דישעל.
בא שאָלעמ־אלײכעמענ אפ אנ אנדער אָרט: „פײַפנ אפ די פּאָסטאָראָנקעס", „מאַכנ אפ די פּאָסטאָראָנקעס" (זע ווײַטער).

באַלעגאָלישע פראזועמעס זײַנען בא שאָלעם־אַלײכעמען ביקלאַל פאַרשפּרײט בא שילדערן די רײד פונעם באַלעגאָלישן טיפּאזש:

— „...וואָס הערט זיך בא דיר?

וואָס זאָל זיך הערן? מע מאַכט מיר אָפּ די פּאָסטאָראָנקעס. איך האָב מוירע איך וועל מיט זײ שלאָגן קאַפּאָרעס...

— ווײסט ניט וואָס מע טוט, בעהײמע?... נעם זײ אָפּ ן דראָנזשעק[1], אַזוי ווי איך, וועלן זײ געבן האָבער.

— ...וואָס טוט עפּעס דער „בולאַנער" דײַנער? ער גײט שוין בא דיר אין פּריסטיאַזש?...

— לאָז ער דיר גײן אין גאָטס ערד! ער האָט מוירע פאַר א בײַטש און מאַכט לעמל...

...בײדע קוטשערס לאָזן זיך אַרײַן אין א לאַנגן שמועס אָפּ באַלעגאָלע־לאָשן" (קאַסרילעווקער טראַמװײַ).

געפליגלטע באַלעגאָלישע אויסדרוקן קומען ביקלאל פאָר בא שאָלעם־אַלײכעמס מאַסן־טיפּאַזש בא גאַנץ פאַרשײדענע פאַלן. צווישן די „פּורים־שפּילער", אַשטײגער, זײַנען פאַרשפּרײט אַזוינע אײגנאַרטיק־קאָנסטרויִרטע פּאַניבראַטישע שטעכווערטלעך:

„...דו לײמענער דישעל, דו פּאַפּירענע שלײע, דו גלעזערנ פּלעקל, דו רימענעאַקס! אָט וואַרפּ איך דיר אַרײַן א מעסטל פּעטש אין די יאַסלעס, וועסטו גײן בא מיר אָפּן דראָנזשעק" (באַם קיניג אַכאַשווײרעש).

אַזוי ווי מיט באַלעגאָלישע, אַזוי איז אויך מיט אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע פראזועמעס, וואָס זײַנען ברײט פאָרגעשטעלט בא שאָלעם־אַלײכעמען אין פאַרשײדענע ערטער.

אָט זײַנען, אַשטײגער, אײניקע בײַשפּילן פון דער שנײַדערשע בראַנזשע, וואָס איז בא אים באַזונדערס היפּש פאַרטראָטן.

„... עפּשער מײנסטו א שידעך פאַר מײַן צײטלען? — „ווי געמאָסטן! מאַכט ער צו מיר. כאָטש עפּעס א רעכטער שידעך?.. טשאַקנדיק און קנאַקנדיק. ענטפערט ער מיר אָפּ שנײַדער־לאָשן... — איז דאָס כאָטש עפּעס א גלײַכע זאַך? נאָך א מיגל גלײַך, זאָגט ער... ס'איז, ווי מע זאָגט, אָגיל וועסמאַך — צוגעשניטן און אופגענײט!.." (טעוויע[2]).

שטאַרק פאַרשפּרײט איז דאָ בא שאָלעם־אַלײכעמען די געפליגלטע פראזועמע „שער און אײַזן", וואָס קומט פאַרשײדן וואַריִירט: „שער און אײַזן אַמכאָ", „אונדזער פאָלק שער און אײַזן אַמכאָ", „צעך, שער און אײַזן".

---

[1]) דראָנזשעק־ שפּאַנ־דרענגל (א הילצערנס אָדער אַן אײַזערנס), אָפּ צוּפּעסטיקן די פּאָסטאָראָנקעס עס באַטײַט אויך — א צושפּאַנ־פערד, א צווײט געשפּאַנט־פערד. לויטן פּ. — drążek,

[2]) טעוויע דער מילכיקער (הײַנטיקע קינדער).

„אָגיל וועסמאַך א. אַז. וו." איז בא שאָלעם־אַלײכעמען פון די פאַרשפּרײטסטע פראזועמעס, וואָס קומען בא אים פאָר אויך טראַנספאָרמירט און צומאָל היפּש פאַרברײטערט: „אַז די קאַסרילעווקער לײצים זעצן צו עמעצן א נאָמען, איז ער ווי געפירן, אופגענײט, צוגעשניטן, אויסגעפּרעסט, און אָנגעמאָסטן — און „פאַרניצט געזונט" (די גרויסע בעהאָלע פון די קלײנע מענטשעלעך).

די דאָזיקע געפליגלטע פראזעמע איז בא שאָלעם־אלייכעמענ, אייגנטלעכ, די מאָטאָ צו א גרונט־טעמע אונ צו א פולבלוטיקער סאָציאלער אנטיטעזע וועגנ „אמכאָ", קעגנגעשטעלט צו די „ריסטעקראטנ". „ש ע ר א ו נ א ײַ ז נ" איז שימענ־עליע שמאקוילײנוס א געפליגלטע פאָרמול פונ זײַנ האָרעפּאשנעמ לעבנס־באנעמ אונ בא זײַנ שטעלנ זיכ קעגנ די נעגידימ, באמ אָנעמענ זיכ די קריוודע פונ די אָרע־מעלײַט ¹). אזוי איז עס אויכ בא יידל קאָטוינטי, וואָס

„ווענ ער איז נאָכ אפ יענער זײַט שוועל, קאָנט איר שוינ הערנ א הוסט מיט א רועכ אינ זייער טאטנ ארײַנ א מ כ אָ א ו נ ד ז ע ר פ אָ ל ק... ווי זיי פארומערנ אונדז די יאָרנ אונ טעג מיט זייערע פאָראדקעס... אונ מיט זייערע באלעטויוועס..." (אינ שטורעמ).

אונ אזוי אינ עס אויכ בא שימעלע סאראָקער, דעמ „פאָטאָמסטווענע" שנײַדער („שנײַדער בענ שנײַדער"), וואָס ווענ ער ווערט אפילע איינ מאָל בארוישט מיטנ „גרויסנ געווינס", איז ער דערנאָכ סאָפקאָלסאָפ צופרידנ, וואָס ער ווערט דערפונ פאָטער אונ וואָס זײַנ טאָכטער „האָט זיכ באהעפט מיט איר גלײַכנ אונ האָט זיכ אויסדערוויילט א מאנ פונ א ו נ ד ז ע ר פ אָ ל ק ש ע ר א ו נ א ײַ ז נ א מ כ אָ, נישט געוואָלט הערנ אפילע פונ יענעמ פיפערנאָטער דעמ ריסטעקראט" (דאָס גרויסע געווינס).

אינ אָנגאנג איז בא שאָלעם־אלייכעמענ ביקלאל די שנײַדערשע פראזעאָלאָגיע אָנגעווענדעט צו פארשיידענע פאלנ:

אנ אדוואָקאטל נ אָ ר וו אָ ס פ ו נ ד ע ר נ אָ ד ל א ר ו י ס (פונעמ פריזיוו); א וו ע ק ל ײ ג נ ש ע ר א ו נ א ײַ ז נ, א ו י ס ג ע ג א נ ג ע נ פ אָ ד ע מ (די רויטע יידעלעכ), די מעקלערס גייענ ארומ באָטל אָ נ א ש ט אָ כ א ר ב ע ט (מענאכעמ מענדל) א. אז. וו.

מע וואָלט געקאָנט ברענגענ פונ שאָלעם־אלייכעמענ נאָכ אסאכ בײַשפּילנ פונ פראזעאָלאָגישע פראָפעסיאָנאליזמענ לויט פארשיידענע בראנזשעס:

שיטנ פעכ אונ שוועבל, א כאפ טאָנ אפ דער וועגטקע, טרעפנ אינ קארב ארײַנ, זעגנ אונ פײַלנ (עמעצנ), פײַלנ אונ פידלענ (עמעצנ), אָפּשפּילנ א כאסענע, ארבעטנ אפ אלע סטרונעס, נעמענ אפנ צימבל א. אז. וו.

עס קומט בא אימ פאָר סײַ אינ לאָקאל־קאָלאָריטישנ אָנווענד (באמ שילדערנ דעמ האָרעפאשנעמ שיכט), סײַ אינ דער „אבסטראהירטער" פאָרמ בא פארשיידענע שילדערונג־פאלנ ביקלאל.

## 5

פיל פראזעמעס בא שאָלעם־אלייכעמענ דריקנ אויס די ווינטיקײַט, די לופטיקײַט, די איליוזאָרישקײַט פונ די „געשעפטנ" באמ פארמיטלערישנ אונ באמ עקאָנאָמיש־ארויסגעשטויסענעמ שיכט.

ס'איז צוליב דעמ גאנצ גענוג א בלעטער טאָנ בלויז „מענאכעמ־מענדל", ווו שיינע־שיינדל מאכט ניט צו דאָס מויל אונ שיט מיט אזוינע ווערטלעכ אונ ווו גופע

¹) דער פארקישעפטער שנײַדער.

מענאכעם־מענדל „אטכאיעט״ זיך אויך מיט זיי, ווען ער ניכטערט זיך אויס עטוואָס פון זײַנע שיינע גליקן.

א נעכטיקער טאָג
זיך אויסגעלאָזט א בוידעם
כאַפּן דעם קאָטער
עס פידלט ניט
עס גייט ניט

א קו איז געפלויגן איבער דאך
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן
גרינגע פייגעלעך [1]
לופטיקע פייגעלעך א. אז. וו. [2]

געוויסע פראזעמעס זײַנען דאָ געקניפּט מיט געוויסע כאראקטעריסטישע לעקסעמעס.

ווינט, לופט:

„... מע לעבט פון ווינט. פאר אזעלכע מענטשעלעך איז די וועלט
א יאריד״ (אקדאָמעס).

געשעפט(ל):

מאכן א געשעפט, גאָלדענע געשעפטן, אויסדרייען א געשעפט...

כאפּן:

כאפּן פונויבן, כאפּן א גראָבס...

צומאָל שליסן זיך דאָ אָן צו די אויבנגעבראכטע אויך אנדערע פראזעמעס, וואָס שאפן מיט זיי אינאיינעם א מין סיסטעם געפליגלטע „לופט״־אויסדרוקן:

„אמאָל האָט ער געהאנדלט מיט „לאָנדאָן״, און היינט האנדלט ער מיט
אלטע פידקאָוועס, אָפּגעשלאָגענע הוישײַגעס...״

אָט אין דעם האלטן אין איין כאפּן און ניט קאָנען גאָרניט אָנכאפּן שטעקט דער טראגישער ווידערשפּרוך פון דער יאקנעהאָזישער אויסקומעניש, וואָס באקומט אויך איר בוילעטן אויסדרוק אין דער גאָרער „כאפּ״־פראזעאָלאָגיע מעקויעך „יידישע פארנאָסעס״, „יידישע גליקן״. און בלויז באם דערמאָנען זיך אין אזא פראזעמע שוועבט ארויס פאר די אויגן די צעטומלטע יאקנעהאָזישע געשטאלט, וואָס שמײַעט אום אף די וועגן צווישן קאסרילעווקע און יעהופּעץ מיט „לופט״ און מיט „ווינט״ אף דעם אויסגעצויגן־פארבלאסטן שפּיץ נאָז.

6

בא שאָלעם־אלייכעמען איז גרויס אין צאָל די פארשיידנארטיקע דאלייסים־לעקסיק. און באנאנד דערמיט איז אויך שטארק פארטראָטן די פראזעמע, וואָס דריקט אויס די גרויסע אָרעמקייט פון קאסרילעווקע.

---

[1] ס'איז צו טרעפן עס אויך בא טעוויען אין אזא קאָנטעקסט: „ווער איז שולדיק, ווען ניט איך אליין, וואָס האָב מיך געלאָזט אײַנרעדן גרינגע פייגעלעך, שמינדריקעס, שמאָכטעליאקעס...״ (א בוידעם).

[2] דערמיט זײַנען אויך געבונדן דער שוויגערס שפּריכווערטער לויטן טיפּ: „פון לופט כאפּט מען א פארקילונג״, „קרעפּלעך אין כאָלעם איז ניט קיין קרעפּלעך, נאָר א כאָלעם״ א.אז.וו.

ביטערער אָרעמאַן [1]
א קאַפּצן אין זיבן פּאָלעס
פּאַרוואַרפן די ציין אף די באַנטענעס
קאַדאָכעס אין א קליינע טעפּעלע
ס'קלעקט ניט די כאַלע אף דער האַמויצע

וואַסער אף קאַשע
ליגן פיר איילן (ניין איילן) אין דער ערד
אַקערן מיט דער נאָז (די ערד)
קייַען די ערד [2] א. אז. וו.

אזוינע פּראַזעמעס ווערן צומאָל בא שאָלעם־אַלייכעמען אייגנאַרטיק אופגעשטעלט און ציִען זיך לאַנג אוועק:

„... אויב איר מיינט עפּעס קויפן, ווערט איר בא מיר ניט געפינען גאָר־ניט, סיידן בויכווייטעק אף מייַנע סאָנימס קעפּ, אָדער האַרצקלעמעניש א פולע וואָך, אָדער אביסל קאָפּדרייעניש, טרוקענע שמערצן, נאַסע יעסורים, סיפּקע צאָרעס...‟ (טעוויע).

פּאַראָרעמט, דערנידעריקט, לאָזט אויך קאַסרילעווקע אויס דאָס ביטער האַרץ („אויסלאָזן דאָס ביטער האַרץ‟ איז דאָ, אגעוו, אויך א פאַרשפּרייטע פּראַזעמע) אין אן אויסגוס פּראַזעאָלאָגיש־אפעקטיווע שפּרוכן — אין קלאָלעס.

די אָרעמע האָרעפּאַשנע קאַסרילעווקע שעלט מיט טויטע קלאָלעס אירע נעגידים, די שיינע יידן.

שימען־עליע שמאַקויליינו דער שנייַדער האָט פאַר די קאָהאָלשע רעדלפירער א דרייַגאָרנדיקן „א רועך אין זייער טאַטנס אַרייַנגעפלויגן געוואָרן ביז דעם זיידנס טע־רעך, מיטן פעטער יִשמאָעל אונטערגעשלאָגן...‟ (דער פאַרקישעפטער שנייַדער).

צום גראַמ טוען עס אף זייער שטייגער די האָרעפּאַשניקעס, די פורים־שפּילער:

„... נישט מער לאָזן די נעגידים פאַרמאָגן אף זייערע לייַבער, וואָס מיר וועלן ברענגען אהיים פאַר אונדזערע ווייַבער‟ א.אז.וו. (באם קיניג אכאשווייראָש).

אן נאָך שאַרפער לאָזט פעפערל פאַלן א קלאָלע אף די נעגידימס קעפּ אין זייַן סאָציאַל־אָנגעלאָדענעם שמועס מיט טעוויען:

„ניט דערלעבן זאָלן די נעגידים, אז איך זאָל זיך צו זיי גלייַכן, איך האָב זיי אין דער ערד...‟ (טעוויע) [3].

עליק דער מעכאַניק, א שנייַדער אן אָרעמאַן, שילט אף וואָס די וועלט שטייט דעם אופגעקומענעם לייזער „גאָטאָוויך פּלאַטיעוו‟, וואָס איבער אים פאַרלירט ער אייַנציקווייַז דאָס ביסל באַלעבאַטים זייַנע:

„אן אויסכאַפּעניש זאָל קומען אפן גאָטאָוויך פּלאַטיעוו... אייַנגעזונקען זאָל ער ווערן... א מיִעסע־פּאָהיבעל זאָל אף אים קומען... דער שלאַק זאָל אים טרעפן...‟ (מע הוליעט).

---

[1] בא טעוויען מיטן צוגאָב „מיט גאָטס הילף‟.

[2] דערמיט שטימען אויך די פאַרשיידענע שפּריכווערטער בא שאָלעם־אַלייכעמען אף דער טעמע „דער גאַנצער אומגליק איז דאָס עסן‟ (טעוויע): קיין טאַנץ גייט ניט פאַר קיין עסן, ווען דער פּיסק זאָל ליגן אין דר'ערד, וואָלט דער קאָפּ געגאַנגען אין גאָלד א. אנד.

[3] אגעוו, מיט די אַנטינעגידישע קלאָלעס איז בא טעוויען אויך געבונדן די סיסטעם שפּריכווערטער אף דער טעמע „אָרעם און רייַך‟: „אָרעם איז ניט רייַך, קרום איז ניט גלייַך‟, „אז עס קומען די כייעס, קומען די דייעס‟, „אז מע איז עפּשער רייַך איז מען געוויס קלוג‟ א. אז. וו.

עס שילט ניט בלויז א קאפצן א שניידער דעם שניידער דעם פּאַרוועניו. עס שילט איינס דאָס אַנדערע אַפילע אייגענע מאַן און ווייב (א צווייטער מאַן בא א צווייטער פרוי), וואָס קאָנקורירן צווישן זיך און לויפן אַרום ווי פאַרסאַמטע מייז מיט איינעם און דעם זעלבן ביכל סכוירע אין די וואַגאָנעס אַף צו דערהאַלטן די פינף קינדער, וואָס ס'האָט באַזונדער יעדערער פון זיי:

„ברעכן זאָל ער האַלדז און נאַקן, ביין און לייב אַפן גלייכן וועג, ליבער גאָט! אַלצדינג נעמט זיך פון אים – נעמען זאָל אים די ערד, זיסער פאָטער! ער זאָל גאָר ניט דערלעבן קומען אַהיים, קומען זאָל אַף אים א מיעסע־מעהומע...

... געווען איז ער סאַכאַקל א שניידער, א לאַטוטניק, געשטשאָבעט מיט דער נאָדל, און ווי עס איז פאַרדינט, ווי זאָגט איר, וואַסער אַף קאַשע. האָט ער זיך אָבער מיסקאַנע געווען אין מיר, דערזען, די אויגן זאָל אים אַרויס, אַז איך עס ברויט, עסן זאָל אים ווערעם, און האַלט אויס מיטן דאָזיקן קויש, קיין איינהאָרע, פינף קינדער יעסוימים, זאָלצ אים אין די אויגן, שטיינער אים אין האַרצן, גייט ער, אַרויסגיין זאָל אים די פּאַרע, און קויפט זיך אויך א קויש... איך האָב, זאָגט ער, אויך פינף קינדער...“ (קאָנקורענטן).

און אין גוטן מוט אָבער ניט פון ווילטיק שילט אויך „גאָלדע־סערצע“ טעוויען, שיינע־שיינדל מענאַכעם־מענדלען א. אז. וו.

ווי אַן אייביקע צאָרע, ווי א פאַרשפּילט לעבן האָט זיך אַזוי געצויגן באַם קאַס־רילעווקער פּערסאָנאַזש די פּילאַרטיקע עוויוונישע פּראַזעמע אין איר געוויינלעכער און אין איר אַפעקטיווער פאָרם – אַן אויסדרוק פון עקאָנאָמישן דאַלעס און פון רעכטלאָזן עלנט אין דעם זיך קאַפּיטאַליזירנדיקן וועלטל אַרום.

## 7

און ניט געקוקט אַף קיין שום זאַך אין דער וועלט איז דאָך אין דער שאָלעם־אַלייכעמישער פּאָלקס־פּראַזעאָלאָגיע פאַראַן אַזוי פיל לוסט, געזונטע סאָציאַלע איראָניע, זיכערקייט און האָפענונג. באַזונדערס פאַרמאָגט עס דער האָרעפּאַשנער שיכט פון קאַסרילעווקע.

ניט קיין אַנדערער, ווי דער שוין דערמאָנטער שימען־עליע שמאַקוילייני איז „אַן אָרעמאַן און א פריילעכס“, – אַן אָפּטע פּראַזעאָלאָגישע פאָרמול בא שאָלעם־אַלייכעמען ביקלאַל, וואָס זאָגט אויך וועגן זיך – „מיין מוזע איז אַן אָרעמע, נאָר א פריילעכע“ (א וויגרישנע בילעט). מיט הוליאַקישקייט און מיט געזונטער פריידיקייט זיינען דורכגענומען בא שאָלעם־אַלייכעמען פאַרשיידענע ווערטלעך פון די „כוורע הוליאַקעס“ (מע הוליעט) און פון די אַלע, וואָס הייסן בא אים „א רעכטער לעצ“, „א גאַנצער לעצ“, „א גאַנצער קונצנמאַכער“, „א פאַרשלעפּטע קרענק“, „א פריילעכע נעשאָמע“, „א פריילעכע בריע“[1] א. אנד.

---

[1]) אין דעם פּראַט איז עס, אַגעוו, א שאָלעם־אַלייכעמישער וואַריאַנט צו מענדעלעס כאַראַקטעריס־טיק פון די טונעיאַדאָווקער, וואָס „זיינען נעבעך, קימאַט אַלע, לוי אַלייכעם, גרויסע עוויוינים, שטאַרקע דאַלפאָנים, נאָר דעם עמעס מוז מען זאָגן, זיי זיינען פריילעכע עוויוינים, לוסטיקע קאַפּצאָנים, ווייַדע באַטאַכנס...“ (מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי).

שאָלעם־אַלייכעמ מאָנטירט אייגנאַרטיק זייערע אָפּטימיסטיש־קאַפּצאָנישע װערטלעך:

א) „װאָס מער צאָרעס, מער ביטאָכן, װאָס מער קאַפּצן, מער האָפענונג“ (טעוויע).

ב) „װאָס מער קאַפּצן, מער לעבעדיק, װאָס מער הונגעריק, מער געזונ־געני“ (דער פּאַרקישעפטער שנײַדער).

עס שטימט מיט דער לידאַרטיקער פּראָזעאָלאָגיע פון די „פּורים־שפּילער“ און מיט איר סאָציִאַלער קעגנשטעלונג:

װאָס מער קאַפּצן, מער הוליאַקע
װאָס מער עװיען, מער ספּיוואַקע
װאָס מער נאָגיד, מער סאָבאַקע
װאָס מער אוישער, מער סוויניאַקע.

בא בערנשטיינען טרעפן מיר עס אין אזא שפּריכװאָרטיקן טאַמציס: „װאָס מער קאַפּצן, מער הוליאַק, װאָס מער נאָגיד, מער סוויניאַק“.

„הוליע קאַפּצן“ (טעוויע [1]), „האיומ האראַס אוילאָמ“ — נאָר נישט געזאָרגט“ (דער פּאַרקישעפטער שנײַדער), „כײַ געלעבט“ — דאָס איז א גרונט־מאָטיוו אין שאָלעם־אַלייכעמס פּראָזעאָלאָגישן אַרסענאַל, װי א גרונט־מאָטיוו פון זײַן גאָרן שאַפן איז געװאָרן די פּראָזעאָלאָגישע מאָטאָ שאָלעם־אַלייכעמס „לאַכן איז געזונט“. אַזוי איז עס אויך אין דער קאָלעקטיװער פאָלקשאַפונג ביקלאַל, אין איר אידיאָמאַטיש־װערטלדיקן פלאַסט ביפראַט, װוּ לייד איז שאַרף דורכגעשניטן מיט פרייד, מיט לוסטיקער מונטערקײַט און מיט זיכערקײַט אף א בעסער לעבן.

## 8

לויט איר סעמאַנטישן בוי איז די שאָלעם־אַלייכעמישע פּראַזעמע ביז גאָר פאַר־שיידן און פילאַרטיק.

מיר װעלן צוערשט אָפּמערקן דעם פלאַסט טײַטשערישע פּראַזעמעס, װאָס מיר טרעפן בא טעוויען, בא שימען־עליע שמאַקווליינו און בא אַנדערע פון דעם מאַסן־טיפּאַזש.

זי איז גאָר װײַט פון „עכטער“ לאָמדישקײַט די טײַטשונג טעוויעס, שימען־עליעס. בא שאָלעם־אַלייכעמען איז עס דערהויפּט א טשיקאַװע הומאָריסטיש מיטל צו לאָזן אַרויסזינגען טעוויען די רײַכסטע גאַמע פון דער מאַסנטימלעכער ייִדישער און אוקראַיִנישער אידיִאָמאַטיק, װערטל, װאָרטשפּיל, שפּריכװאָרט, און טאַקע בעפיירעש „בעלאָשן אַשקענאַז געװעדט, דאָס הייסט אף פּראָסט ייִדיש“.

פאַר זיך גענומען איז גאַנץ אָפט מאָדנע און „טשודנע“ טעוויעס טײַטש, װאָס קלעפּט זיך צומאָל ניט אַזוי שטאַרק צום געטײַטשטן. ער שפּילט אָבער אַלעמאָל מיט די שענסטע כיינען פונעם מאַסנטימלעכן ייִדישן מיין און אָנװונק, פון דעם ליכטיקן און ביטערן פאָלק־שמייכל.

[1]) לויט טעוויעס טײַטשערישער װאַריִרונג: „צאָהאָלאָ װעסאָמייכאָ — הוליע קאַפּצן, „װעסאָמאַכטאָ בעכאגעכאָ — הוליע קאַפּצן“... ביקלאַל איז עס א װערטלדיקער װאַריאַנט לויט די שפּריכװערטער: „הוליע קאַפּצן — צאָרעס קאָסט ניט קיין געלט“; „הוליע קאַפּצן, ד... איז װאָלװל“ (לויט איגנאַץ בערנשטיין).

אָט זײַנען בלויז געצײלטע אַזעלכע טיפּישע טײַטש־וואַריאַציעס פֿון טעוויעס רײַכן פֿראַזעאָלאָגישן פּאַרמאָג.

1. וואָרטשפּילעוודיקע טײַטשונג. קיין דירעקטע פֿאַרבינדונג צווישן דעם טײַטש און צווישן דעם געטײַטשטן איז אין טאָך ניטאָ, אויסער עפּעס א ווײַטער וואָרט־שפּילעוודיקער פֿאַראָדירטער אָנצוהערעניש.

א) „אז ס'איז באַשערט דאָס גרויסע געווינס... קומט עס גלײַך אין שטוב אַרײַן: „לאַמנאַצײעך אל האַגיטיס — אז עס גייט לויפֿט עס"... (דאָס גרויסע געווינס).

ב) „— אביסל בראָנפֿן? אך, זאָג איך, ווער זאָגט זיך דאָס אָפּ פֿון אביסל בראָנפֿן? ווי שטייט דאָרט אין פּאָסעק: „אייזע לעכאַים וועאייזע לאַמאָוועס"— מאַכט ראַשע: גאָט איז גאָט און בראָנפֿן איז בראָנפֿן..." (דאָרטן).

אין ערשטן פֿאַל איז די טײַטש געבויט אויף א צופֿעליקן שפּילעוודיקן און אויך שפּילנדיקן" [1]) צונויפֿפֿאַל פֿון א טהילימישן פֿאַרגעזאַנג מיט דעם יִידישן „גייט עס" [2]), אין צווייטן פֿאַל איז עס די האָמאָנימישע שפּיל פֿון דעם אייגנטלעכן העברייִשן „לעכאַיִם" (צום לעבן, צו געזונט) מיט דער יִידישער ספּעציאַליזירונג פֿון דעם זעלבן וואָרט פֿאַר — טרינקען „לעכאַיִם", מאַכן א „לעכאַיִם", נעמען צו קאָפּלעך „לעכאַיִם". און אין ביידע פֿאַלן ווערט דורך דער וואָרטשפּיל באַוועגלעכער און רעגנ־דיקער דאָס אָנגעמאָסטענע יִידישע ווערטל אין טעוויעס שפּאַנענדיקן קאָנטעקסט.

2. צווישן דעם טײַטש און צווישן דעם געטײַטשטן איז עפּעס יאָ פֿאַראַן א געוויסע שײַכעס, ס'גייט אָבער פֿאָרט ניט אַזוי אין דעם וואָס „ראַשע מאַכט" אָדער „וואָס אין פּאָסעק שטייט", וואָס טעוויע איז סאָפּקאָלסאָפּ דערין ניט אַזא גרויסער מײַדים, ווי טאַקע אין דעם יִידישן „פּשאַט" און אין טעוויעס עפּעס א קאָנקרעטער ענדײַטונג, וואָס ווערט דורכן „פּאָסעק" צוגעווירצט און צוגעפּעפּערט.

„...עס קומט אויס, ווי מיר זאָגן אינעם „אונעסאַנע טויקעף": מי יאָרום און מי יִישאָפּייל — ווער סע פֿאָרט, און ווער סע גייט צופֿוס, דער איקער איז ביטאָכן, א יִיד באַדאַרף האָפֿן, נאָר האָפֿן. אײַ וואָס! טאָמער ווערט מען דערווײַל פֿאַרשוואַרצט? דערויף זײַנען מיר דאָך עפּעס שטיקלעך יִידן אויף דער וועלט, ווי זאָגט איר, אַטאָ בעכאַרטאָנו — ניט אומזיסט איז אונדז די וועלט מעקאַנע..."

טעוויע טײַטשט אויף זײַן מאַסנטימלעך־פֿראַזעאָלאָגישן שטייגער („ווער סע פֿאָרט און ווער סע גייט צופֿוס") דעם יאָמימנאָרויעמדיקן „מי יאָרום אומי יִישאָפּייל — ווער סע וועט דערהויבן ווערן, און ווער סע וועט דערנידעריקט ווערן" מיט דער סאָציאַלער אַקצענטירונג דאַפֿקע אויף דעם „דערנידעריקט ווערן" און אויף „גיין צופֿוס" („אײַ וואָס, טאָמער ווערט מען דערווײַל פֿאַרשוואַרצט..."). און אינעם דאָזיקן שײַן קלינגט דאָ גאַנץ ביטערלעך דער „אַטאָ בעכאַרטאָנו, — ניט אומזיסט

1) גיטיס — פֿיבֿיִיש (טהילים, ח. א.): „גתית". פֿאַרצײַטיקער מוזיקאַלער אינסטרומענט.

2) באַקאַנט איז אַזא פֿאָרם: לאַמנאַצײעך אל האַגייט עס. די טײַטשונג דערפֿון ווערט אויך אַנדערש וואַריִירט: „לאַמנאַצײעך אל האַגיטיס — גייט דאָס, גייט דאָס, ווען ניט — שטייט דאָס" (יאַקנעהאַז: אָדער דאָס גרויסע בערזנשפּיל).

איז אונדז די וועלט מעקאנע“, — אינדערעמעסן, זעט איר, איז דערויף קנאפּ וואָס דאָ מעקאנע צו זײַן.

3. טראַנספּאָרמירטע איבערבאַזייניקונג פֿון א פּאָסעק (אָדער פּסוקים) אַף צו לאָזן הערן וועגן זאַכן, וואָס מע קען וועגן זיי ניט רעדן אַזוי אָפּנטלעך. דערבײַ ווערט א געוויס וואָרט שפּאַסיק־פֿאַרשטעלט אינטערפּרעטירט אָן וואָסער עס איז פֿאַקטי־שער פֿאַרבינדונג מיט דעם טײַטש פֿון א פֿריִערדיקן טייל פּראָזע.

„א פּיסק — ניט געדאַכט זאָל ער ווערן. רעדט אל אדוני ועל משיחו,
און אַף „נענאַטקאָ...“ און דעריקער טאַקע אַף „נענאַטקאָ“.

דאָ איז צו פּעפּערלענ אָנגעווענדעטע געוואָרן א גאַנגבאַרער שפּאַס־אויסדרוק „רעדן אל אדוני ועל משיחו און אַף נענאַטקע אויך“ [1]). ווי באַוווּסט איז „נענאַטקאָ“ איין צײַט פֿאַר דער רעוואָליוציע געווען אין פֿאָלק אויך א מין געהיימע באַצייכענונג פֿאַרן קייסער. צו טרעפֿן איז עס, אַגעוו, בײַ שאָלעם־אַלייכעמען אויך בײַ אַנדערע ענלעכע פֿאַלן:

„...איז זיידל... פֿאַרקראָכן, ווי מע זאָגט... העט־העט אין די ווײַטע דראָכים אַרײַן, אָנגעהויבן אָפּלייקענען מײַנס און דײַנס... אָנגעהויבן אָפּלאַכן, רעדן, ווי מע זאָגט, אל אדוני ועל משיחו ועל נענאַטקאָ...“ (ניט פֿאַר קיין ייִדן געדאַכט).

4. סטאַם פּסוקימדיקײַט אָן קאָנקרעטער לאָגישער פֿאַרבינדונג מיט דער אַרויס־געבראַכטער ייִדישער פּראָזעאָלאָגיע.

א) „נאָר וועגן, זאָג איך, איז דאָס גערעדט געוואָרן? אז ס'איז דאָ וואָס אײַנצושטעלן; אָבער אז ס'איז ניטאָ דער הונדערטער, קומט דאָס אויס, זאָג איך, בעגאַפֿוי יאָוווי יעיצע — מאַכט ראשע: אז מע לייגט אַרײַן קרענק, נעמט מען אַרויס קאַדאָכעס...“ (טעוויע).

ב) — „...עס קומט אויס בײַ דיר, זאָג איך, ווי עס שטייט: אקודים נעקודים אוווראודים — דאָס הייסט, א מאַקע אַף א מאַקע און אַף דער מאַקע א בלאָ־טער“. — יאָ, מאַכט ער, רעב טעוויע, איר זאָגט דאָס גאַנץ גלײַך, די מאַקע איז טאַקע א מאַקע, נאָר דער בלאָטער, זאָגט ער, אוי, דער בלאָטער איז ערגער פֿון דער מאַקע“.

די שײַכעס פֿונעם פּאָסעק צום גאַנצן קאָנטעקסט איז דאָ לויט א ריין־אויסער־לעכער אַסאָציִאַציע. „בעגאַפֿוי“ — „איינער אַליין“, „אָן עמעצן“ זאָל דאָ, הייסט עס, גלײַך זײַן צו „אַן עפּעס“, „מיט גאָלע גאָרנישט“ („קרענק“, „קאַדאָכעס“). „אקודים נעקודים אוווראודים“ — געפֿלעקט, געפּינטלט, געשפּרענקלט זאָל ווי דערמאָנען אין דער „מאַקע אַף א מאַקע“ א.אז.וו. די דאָזיקע אויסערלעכע אַסאָציִאַציע אַקצענטירט דאָך די סאָציִאַל־איראָנישע טענדענץ פֿון דער עצעם ייִדישער פּראָזעאָלאָגיע [2]).

---

[1]) לויט א פּאָר פּסוקים פֿון א קאַפּיטל תּהילים (קאַפּ. ב), וואָס הייבט זיך אָן פֿון „לאָמאָ ראָגשו... אל אדוני ועל משיחו...“ (וואָס ליאַרעמען זיי אַף גאָט און אַף זײַן געזאַלבטן). „נענאַטקאָ“ (לאָמיר צערײַסן) קומט דערנאָך אַלס אָנהייב פֿון א פֿאָלגנדיקן פּאָסעק.

[2]) דער דאָזיקער טיפּ טײַטשונג ווערט אויך אָפּט גענומען פֿאַרשיידן אין פֿאַרשיידענעם קאָנטעקסט. דער ניסתּר, אַשטייגער, טײַטשט דעם זעלבן „בעגאַפֿוי יאָוווי“ — געוועזן אַן אָרעמאַן און אַרויס אַן עווינג (א ניסתּר. אײַזנבאַן־געשיכטעס).

דאָס זייַנען בלויז אייניקע טיפּישע טייַטש־אַרטיקע טעוויעס, וואָס אייגנטימלעכ זייַנען זיי ניט בלויז טעוויענ, נאָר אויכ אנ אנדער האָרעפּאשנעמ טיפּאוש, ווי שימענ־עליע שמאקוילייני, וואָס „פּלעגט שיטנ מיט פּסוקים, מיט גאנצע שטיקער געמאָרע, מיט מעדראָשימ, וואָס ס'איז ניט געשטויגנ און ניט געפּלויגנ" א. אנד. עס טרעפט זיכ צומאָל אויכ מיט אזא ווי שמועל פּאסטערנאק, וואָס כאָטש ער איז אנ אויסגעקומענער אוישער, בלייַבט ער אינ א היפּשער מאָס א ייִד פונ דער אַלטער פּראָסטער וועלט, האָט ליב א ווערטל און א פּאָסעק און א פּסוקימדיקע וואָרטשפּיל, אָנגעהויבנ פונ זייַנ שטענדיקער מאָטאָ „אל טאפיל דאָוואָר — כאטא פּאָקרישקע" ביז אזא וואָרטשפּיל, ווי „באידימ האהו אוודו עשטרינויסאָוו — מע איז דעמלט געבליבנ אָנ הויזנ" (יאקנעהאָז) א. אנד.

דער סאמע איקער פונ דער דאָזיקער טייַטשונג איז אזוי ניט אזוי די „לאָמדעריי", ווי די שפּיל אינ „לאָמדעריי" בא גאנצ ערנסטע סאָציאל־פּארשארפטע לעבנס־באהויפּטונגענ, און גופע די דאָזיקע „לאָמדעריי" ווערט פּאקטיש אויסגעלאכט און אופּגעריסנ, אלס „נעכטיקער טאָג פונ שיר־האשירימ און פונ כאדגאדיאָ", ווי ס'דריקט זיכ אויס טעוויע, און זי ווערט סאָפּקאָלסאָפּ באָטל באמ פּרעכטיקנ גלאנצ פונ די גילדענע קערנער פונ ייִדישער פאָלקס־פּראזעאָלאָגיע, וועלכע שימערט ארויס פונ דעמ פּסוקימדיק־טייַטשערישנ ארצ.

---

שטארק פארשפּרייט איז בא שאָלעמ־אלייכעמענ די מאסנטימלעכע פּראזעאָלאָגישע פארגלייַכונג. אויב די אידיאָמאטיש־ווערטלדיקע פּראזעמע איז ביקלאל מעטאפאָריש, איז דאָ די פארגלייַכונג א באזונדערס בוילעטער און אָנזיכטיקער טיפּ פּראזעאָלאָגישע מעטאפאָר, ווו ס'פּילט זיכ שארפער דאָס קעגנשטעלנ א דערשייַנונג מיט א כאראקטעריסטישער פאָרשטעלונג, וואָס אסאָציִירט זיכ מיט אָט דער דערשייַנונג אָדער וואָס איז ווידערשפּרעכלעכ צו איר. סטרוקטוריש קומט עס מייִנסטנס צומ אויסדרוק דורכנ בינדוואָרט „ווי" מיט זייַנע קאָמבינאציעס (אזוי ווי, פּונקט ווי, אקוראט ווי, גלייַכ ווי א. אנד.).

שאָלעמ־אלייכעמס פּראזעאָלאָגישע פארגלייַכונג איז איינפאכ און קלאָר. ס'איז אָפטמאָל ביקלאל די סטאבילע מאסנטימלעכע פארגלייַכונג מיט איר נאָענטער היימישער אסאָציִאציע:

א) „... איר ווילט אוואדע וויסנ וויִאזוי זעט אויס קאסרילעווקע? שיינ אזוי ווי גאָלד... ווי אפּ א טעלער ליגט פאר אייַכ די שטאָט" (קליינע מענטשעלעכ מיט קליינע האסאָגעס).

ב) „...עס האָט זיכ בא אימ געגאָסנ ווי פונ א קוואל... און געגאנגענ איז דאָס בא אימ גלאט, ווי אפּ בוימל, און זיס איז געווענ די שטימ, זיס די שפּראכ, זיס ווי צוקער"... (פונעמ יאריד).

ניט זעלטנ איז דאָס די שטייגעריש־טראדיציִאָנעלע פארגלייַכונג לויטנ טיפּ:

לאנג, ווי דער ייִדישער גאָלעס... קוקנ ארויס, ווי אפּ מאָשיִעכנ... מייַנ פערדל איז געלאָפנ, ווי א מיזמער.

דער דאָזיקער טיפּ פאַרגלײַכונג קומט אָפט באַ ש״א מיט איראָנישער שאַטירונג:

איך הער דיך, ווי האָמאָן דעם גראַגער; ער וואַקסט אין דער ברייט, ווי אַ פורעם־קוילעטש.

אָפּגעשפּיגלט ווערן דאָ אויך, דערהויפּט אין גוטמוטיק־הומאָריסטישן טאָן, די קאַסרילעווקער „הויכע״ פאַרגלײַך־האַסאָגעס פון דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער צײַט:

„...קלאַפּ איך אָפּ קיינײַנהאָרע די נאַכט, ווי אַ מיילעך, און אינדערפרי גיי איך מיר אין שול אַרײַן קיין אײַנהאָרע, ווי אַ גראַף...״ (קיין אײַנהאָרע ניט).

גאָר אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט באַ שאָלעם־אַלייכעמען די פאָלקסמעסיקע קאָמישע פאַרגלײַכונג:

„...אַ קאָל האָט ער געהאַט ווי פון אַ פּאַס... אַ קאָפּ איז אָפּ אים געזעסן אַ גרויסער, ווי אַ באַקדײַזשע... (געצל).

דער קאָמיזם פון אַזוינע פאַרגלײַכונגען נעמט זיך סײַ פון פאָרן און פאַסן ווײַטערע אַסאָציאַציעס, סײַ פון אויטרירן זיי צוליב קאָמישן עפעקט. דאָס צעשטערן דורך אַזאַ פאַרגלײַכונג דאָס געזעצמעסיק־פאַרגלײַכבאַרע („אַ גלײַכעניש ווי אַ טאָרבע פלעקער״) אָפּ צו דערגרייכן אַ קאָמישן עפעקט איז, אַגעוו, באַ שאָלעם־אַלייכעמען ביקלאַל אַ גאַנצע פאַרשפּרייטע דערשײַנונג, ווי אַשטייגער:

„...די דרײַ פערדלעך האָבן זיך אַזוי אָנגעקערט איינס מיט דאָס אַנדערע, אַזוי ווי עס קער זיך אָן, לעמאָשל, אַ שטרויענער דאַך מיט אַ פידיען־האָבען... (פונעם יאַריד).

---

זייער שטאַרק פאַרשפּרייט איז אויך באַ שאָלעם־אַלייכעמען דער פראַזעאָלאָגישער מעטאַפאָרישער עפּיטעט. אָפטערס איז עס די סאָציאַל־שטײַגערישע פראַזעמע באַם כאַראַקטעריזירן די קאַסרילעווקער מענטשן און דערשײַנונגען, וואָס בײַשפּילן דערפון האָבן מיר שוין פריִער געבראַכט:

אַ נעכטיקער טאָג, גרינגע פייגעלעך, לופטיקע פייגעלעך... אָפּגעשלאָגענע הוישײַנעס (כאַזערט זיך אָפּט איבער באַ שאָלעם־אַלייכעמען פאַר מענטש און זאַך)... אַ פאַרשלעפּטע קרענק א. אז. וו.

מע קען די דאָזיקע פאַלן לײַכט פאַרמערן:

קליינע מענטשעלעך, פאַנסקע צאַפּעקלעך (נעגידישע קינדער), גאָלדענער זאַק, קורצע ווייטעקלעך („און אויסגעקליבן האָט מען נײַע גאַבאָים און דאַפקע פון די יונגע לײַטלעך, קורצע ווייטעקלעך״), גערויכערטע ליולקע, גאָטס גאַנעוו, אַ ייִד פון אַ גאַנץ יאָר, אַ פראָסטער כײַוועקאיעם, כאָכאָם באַלײַלאָ, וויסטער קאַליקע, א. אז. וו.

צומאָל איז עס אַ באַזונדערס כאַראַקטעריסטישע און אייגנאַרטיק־קאָנסטרויִרטע פראַזעמע לויטן טיפּ „אַ מענטש וואָס קאַטאָרי״, „אַ ייִד וואָס קאַטאָרי״, אויך „אַ ייִד אַזעלכער, וואָס קאַטאָרי וועלכער״, וואָס ווערט באַ שאָלעם־אַלייכעמען פאַרשיידנערליי אינטערפּרעטירט, אָדער די פעריפראַסטישע פאַמיליער־פאַניבראַטישע עפּיטעטן לויטן טיפּ: „אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאַם״, „יאַקל־בען־פלעקל״, „שויטע־בען־פּיקהאָלץ״, „בעהיימע בעצוראַס פערד״ (...בעצוראַס מענטש, בעצוראַס קעלבל) א. אנד.

פאַרטראַטן איז בײַ שאָלעם־אַלייכעמען אויך די, אַזוי צו זאָגן, נאַציאָנאַל־כאַראַקטעריזירנדיקע פּראַזעמען: רויטע ייִדעלעך, אונדזערע ייִדעלעך, שיינע ייִדן, ייִדישע מײַסעס ייִדישע זאַבאַבאָנעס...

ביכלאַל פאַרמאָגן שאָלעם־אַלייכעמס פילצאָליקע ווערק דעם פולסטן אַסאָרטימענט פון די פראַזעאָלאָגישע קאָנסטרוקציעס, וואָס ס'איז מיט זיי אַזוי רײַך אויך די פאָלקס־פּאָעטיק.

———

מיר וועלן נאָר פאַרצייכענען בלויז אַ פּאָר ספּעציפישע פראַזעאָלאָגישע קאָנסטרוקציעס, וואָס זײַנען היפּש פאַרטראָטן בײַ שאָלעם־אַלייכעמען.

1. שאָלעם־אַלייכעמס פראַזעאָלאָגיע פאַרמאָגט גאַנץ אָפט אַ לאָקאַל־קאָלאָריטישן (אוקראַיִנישן) אָפּגלאַנץ. אַזוינע פראַזעמעס קומען פּאָר פאַר זיך אָדער זיי זײַנען געקניפּט און געבונדן מיט ייִדישע (און העברעיִש־ייִדישע) פראַזעמעס. אַזוי טרעפן מיר עס, אַשטייגער, בײַ טעוויען און בײַ זײַן גלײַכן:

א) „...ער איז שוין געווען אַ מאָל צען, ווי זאָגט מען, „נא קאָני אי פיד קאָנעמ"...¹)

ב) „...אַז גאָט האָט דיך געשטראָפט, ביסט אַן אַמהאָרעץ, טאָ לאָז כאָטש זײַן כ א ט ע פּ אָ ק ר י ש ק א, וואָס דאַרפסטו זיך נאָך באַרימען דערמיט...״

ג) „... קאַבדייִהו וועכאַשדייִהו, בעלאָשן אַשקענאַז הייסט עס: „נ ע ווי ר ס אָ ב א ק י..."

אַזוינע ווערטלעך זײַנען בײַ שאָלעם־אַלייכעמען פאַרשפּרייט אין נאָך פיל אַנדערע ערטער.

2. מיר האָבן שוין פריִער געבראַכט בײַשפּילן פון שאָלעם־אַלייכעמס פרײַערן באַגיין זיך מיט אַ סקאַרבאָווער פראַזעמע, וועלכע ער ברייטערט אויס און וואַריִירט אייגנאַרטיק. דערמיט איז אויך געבונדן דאָס טראַנספאָרמירן און איבער־פּראַזירן אַן אידיאָם, אַ ווערטל מיט אַ הומאָריסטישן צוועק.

א) „דו, בעהיימע, זאָג זיי אַזוי, בעראָכל ביטכאָ האַנאַקעטע...", „לוי מיט אַ לאַנגער נונ (מיט אַ ספּאָדעק, מיט אַ שטרײַמל)...״

ב) „דאָס אייבערשטע פון כריין..." אָדער גאָר אַזוי פאַרברייטערט: „איך בין בײַ זיי דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל, דאָס מיטלסטע פונעם כריין און דאָס אונטערשטע פונעם בענטשן" (בלאָנדזשנדע שטערן).

צומאָל זײַנען דאָס „פליגלדיקע שטעכווערטלעך", ווי שאָלעם־אַלייכעם רופט עס:

„זיי האָבן, קיין אײַנהאָרע, אַ טײַערע קאָפּ אונטער זיך...״

„מאַזלטאָוו, אין אַ גוטער שטאָט..." (בלאָנדזשנדע שטערן).

די זעלביקע פראַזעאָלאָגישע טראַנספאָרמאַציעס און איבערפראַזירונגען איז ניט זעלטן צו טרעפן אויך אין דער פאָלק־שפּראַך.

3. ס'גילטן בײַ שאָלעם־אַלייכעמען איראָנישע פראַזעמעס, וואָס באַשטייען פון צוויי און מערער טיילן, וועלכע זײַנען אַזוי ווי ניט געבונדן צווישן זיך:

הימל און ערד זײַנען סטרושטש־באָב; שטראַם־גראַם מאַך מיר אַ האַרמידער; גוט מאָרגן געלע, רעטעך טראָג איך א. אנד. ¹).

---

¹) אַ מאָדיפיקאַציע דערפון איז צומאָל טעוויעס קלוגערער „גאַטאָווע־ניקער „געמאָרע־לאָשן": „האָ גאַווראָ וועהאָ טראַסקאָ"...

בא געניטערער אויספאָרשונג קען זיך באַקומען אויך א גאַנץ קלאָרער זינען בא די אין פלוג ניט געפֿונדענע טיילן פון אַזוינע איראָנישע פּראַזעמעס אַפּ צו באַצייכענען דערשיינונגען, וואָס „קלעפּן זיך ניט“.

די לעצטער פּראַזעמע איז, אַשטייגער, א קירצונג פון א געוויסן דיאַלאָג מיט א טויבער (אין פאַרשיידענע ערטער ווערט דער נאָמען פון דער דאָזיקער טויבער פאַרשיידן וואַריִרט):

גוט מאָרגן געלע״.

רעטעך טראָג איך״.

אַן אייגנאַרטיקער אויסדרוק פון אַזוינע פּראַזעמעס איז דער טיפּ:

לאָקש - בוידעם - ציבעלע, דאָס־יענץ־לאָקשן־בוידעם־ציבעלע, האַקל - באַקל־

מיקל פלעקל, דיזון־דאַזון־דאָס־און־יענץ א. אנד.

אויבנאָן גענומענע זיינען עס געוויסע פּראַזעאָלאָגישע פאַרטרעט־פּאָרמולעס אַנשטאָט ניט־דערעכנטע, ניט־אַרויסגעבראַכטע זאַכן און דערשיינונגען, וואָס ס'איז עפּשער גאָר אייגנטלעך, אַפּילע ניטאָ וואָס צו אויסלייגן פון זיי אין רייד. אין טאָך אָבער זיינען עס מאָדנע גרופּירטע פּראַזעמעס, ווו דער הומאָריסטישער קערן שטעקט, מעגלעך, טאַקע אין אָט דער מאָדנעקייט פון אָט דער עצעם פּראַזעמע, וואָס „קלעפּט זיך ניט“ אין פלוג, ווי א לעבן, וואָס „קלעפּט זיך“ עפּעס אויך ניט אַזוי שטאַרק.

---

אָט דאָס זיינען בלויז געוויסע טיפּישע גרופּעס פון אידיאָם און ווערטל אין שאָלעם־אַלייכעמס גרויסן פּראַזעאָלאָגישן פאַרמאָג.

עס שימערן דאָ פּערל פונעם פאָלקס־אויסדרוק, וואָס איז איינפאַך, נאַטירלעך און לייביק־רעאַל, ווי גופא די געדאַנקען און די געפילן, וואָס לעבן אין די טיפענישן פון די פאָלק־מאַסן און אין זייער לויכטנדיקער וואָרטשאַפונג. עס טאַרטשען דאָ אויך צעקרישלטע פּראַזעאָלאָגישע ברוכשטיקלעך מיט אָפּגעריבענעם גלאַנץ — וואָרט־רעשטלעך פון א פאַרשטיקטן קלאָלעדיקן אָנפרײידיקן לעבן, פון פוכטע אָנטראַכטענישן, פון צעטומלטן און פאַרציטערטן הו־האַ־געדאַנק און טראַסק־געפיל. איז דאָך א פּראַזעמע אין קאַסרילעווקע אָפּט געוואָרן א מין וואָרטלעכער „בימקום“ פון א ווירקלעכן, פון א רעאַלן שטיק לעבן.

פון טיפן באָדן האָט שאָלעם־אַליכעם מיט האַרציקער ליבע און מיט טרייען פלייס אויפגעקליבן אָט די פּעטע קערנער און מיט זיי בעשעפע באַפרוכפּערט די פאָלקס־ליטעראַטור און די פאָלק־שפּראַך פאַר זיין צייט און פאַר א קומענדיקער צייט. און דערביי איז שוין אָבער קלאָר ניט אַלץ בא אים גענומען געוואָרן צוליב פּאָזיטיווער, צוליב פּערספּעקטיווישער שפּראַכלעכער באַרייכערונג און אָפּפריש־ונג. ס'איז דאָ אָפּט, פאַרקערט, זייער אַסאַך גענומען געוואָרן מיט קריטישן מיין, קעדיי דערמיט גופא אויסצוניצן מיטן וואָרצל פּראַזעאָלאָגיש ווילדגראָז, וואָס כ'האָט שוין אַזוי געוועצט דערפון מיט קאַסרילעווקער באַגרענעצטקייט, מיט איר פאַרזומפּענער

אָפּגעלאָזנקייט און אָפּגעלעבטקייט. דאָס פּראָזעאָלאָגיש ווילדגראָז פאַרבלייבט אינ אונדזער געדעכעניש ווי א שטיק געשיכטע און שפּראַכ־געשיכטע פונ א ביטער אויסזיכטלאָז לעבנ און פונ אנ אראָפּגעזעצטנ קולטור־שטאַנד אינ דער פאַרגאַנגענער ביזרעוואָליוציאָנערער צייט. און די גרויסע שעפע קערנדיקע פולבלוטיקע מאַסנ־פּראָזעאָלאָגיע, אָפּט אפסנייַ איבערבאַזיניקט, לעבט אויכ איצט מיט נייעמ לעבנ אינ אונדזער נייער צייט און אינ דער איצטיקער יידישער ליטעראַרישער שפּראַכ.

---

ר. לערנער

# אינטאָנאַציאָנעל־סטיליסטישע באַזונדערקײַטן פֿון שאָלעם־אַלייכעמס־שפּראַך

> וואָס קאָן זײַן ערגער און פּאָשעטער און געמײַנ־טער און כיינעוודיקער, ווי אז מע רעדט פּאָשעט, ווי מענטשן ריידן?...
>
> (פֿון שאָלעם־אלייכעמס א פּאָרעדע צו בערקאָוויטשעס דערציילונג „אוגערקעס״, שאָלעם־אלייכעם־בוך, ז״ז 77—78).

## 1

שאָלעם־אלייכעם דער גרויסער פֿאָלק־שרײַבער — איז איינצײַטיק אויך דער גרויסער שפּראַך מײַסטער. זײַנע ווערק, ביז גאָר צוטריטלעכע און נאָענטע פֿאַר די ברייטסטע שיכטן פֿונעם פֿאָלק, זײַנען איינצײַטיק א מוסטער פֿון שפּראַך־מײַסטער־שאַפֿט. זײַן שפּראַך האָט שאָלעם־אלייכעם געשעפּט פֿון די טיפֿסטע קוואַלן פֿון דער פֿאָלק־שפּראַך, פֿון די פֿאָלקס־מײַסעס, פֿון די פֿאָלקס־ווערטלעך און פֿון דער לעבע־דיקער גערעדטער שפּראַך בּיכלאַל, — דעריבער איז זײַן שפּראַך אזוי נאַטירלעך, אזוי פֿול מיט קראַפֿט און מיט אויסדריקלעכקײַט.

שאָלעם־אלייכעם טרעט בײַסיק ארויס קעגן יעטווידער מעליצעדיקײַט און רעמאָ־זימדיקײַט, קעגן: „ווערטער, סטאַם ווערטער, הויכע, געבלאָזענע, קײַלעכיקע, שפּי־צעכיקע, מוירעדיקע ווערטער, מיט פֿינטעלעך אַסאַך און מיט פֿאַסיקלעך...״ [1])

שאָלעם־אלייכעם לאַכט אויס די געבלאָזענע אומנאַטירלעכע שפּראַך פֿון די „שטימונג־מעכאַבּרים״, וואָס הייבּן אָן שטענדיק מיט א „און״ און באַנוצן שטענדיק דעם ווערבּ אָפֿן סאָף:

> „...און ווען דאָס מיידל איז אין שטאָט געקומען, איז דער הימל פֿאַרוואָלקנט געווען, און א רעגנדל האָט אין דרויסן געמראַקעט, און ווען זי האָט הונגער דערפֿילט, איז זי אַהיים עסן געגאַנגען...״ (שאָלעם־אלייכעמס אונטערשטרײַכונג).

א געוויינלעכער מענטש, זאָגט שאָלעם־אלייכעם, וואָלט געזאָגט טאַקע דאָס איי־גענע, נאָר אַבּיסל אַנדערש:

---

[1]) שאָלעם־אלייכעם־בּוך, ז. 76.

„אז דאָס מיידל איז געקומען אין שטאָט, איז דער הימל געווען פאַר־וואָלקנט און עס האָט געמראַקעט אַ רעגנדל, און אַז זי האָט דערפילט, אַז זי איז הונגעריק, איז זי געגאַנגען אַהיים עסן" [1].

אָבער „רעדן פּאָשעט (ריכטיקער: שרײַבן פּאָשעט), ווי מענטשן רעדן" איז ניט גאָר פון די גרינגע זאַכן. מענטשן ריידן, ווי באַוווּסט ניט בלויז מיט ווערטער. אין לעבעדיקע רייד באַקומט דאָס וואָרט זײַן רעאַלן באַטײַט ניט נאָר אַדאַנק דעם קלאַנגען־באַהעפט און ניט בלויז אַדאַנק דעם ווערטער־באַהעפט, נאָר אויך אַדאַנק דעם אַף וואָס פאַר אַן אויפן און מיט וואָס פאַר אַן אַקצענטירונג דאָס וואָרט אַרויסגעבראַכט. שאָלעם־אַליכעם פאָרמולירט עס קינסטלעריש אַף אַזאַ אויפן:

„בײַ אונדז אין אָרעמאַן, דאָס ווייסט יעדערער, האָט יִסורים נעמען־פאַראַן אַ געמיינער מאַן, אַ געפאַלענער, אַ מעקאַבל, אַ קאַפּצן, אַ דאַלעס, אַ דאַלפן, אַן אָני און וועעוויען. איטלעכער פון די דאָזיקע אויס־געקעכנטע נעמען ווערט אַרויסגערעדט מיט אַן אַנדער ניגון... (מײַן אונטערשטרײַכונג — ר. ל.) און פאַראַן נאָך אַ נאָמען: אַ קאַסריעל אָדער קאַסרילעק (אונטערגעשטראָכן בײַ שאָלעם־אַליכעמען). דער דאָ־זיקער נאָמען ווערט אַרויסגערעדט שוין גאָר מיט אַן אַנ־דער מין ניגון (מײַן אונטערשטרײַכונג — ר. ל.), לעמאָשל: „אוי בין איך קיין אײַנהאָרע אַ קאַסרילעק..." קאַסרילעק דאָס איז שוין ניט גלאַט אַזוי אַ קאַפּצן, אַ שלימאַזל, דאָס איז שוין, פאַרשטייט איר מיך, אַזאַ מין אָרעמאַן, וואָס פאַלט נישט, כאַסוועשאָלעם, אַראָפּ בײַ זיך מיט זײַן אָרעמקײַט; אדע־ראַבע, ס'איז גאָר אַ געדולע! אַף אונדזער לאָשן הייסט עס „אַן אָרעמס און אַ פריילעכס..." (די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך).

די גערעדטע שפּראַך, — ביספראַט בײַ די ברייטע פאָלקשיכטן, — וואָס רעדן זייערס ניט פון בוך, — דאָס איז אַ לעבעדיקע סטיכיע פון וואָרט. דאָס וואָרט איז דאָ אָפט בלויז איינער פון די קאָמפּאָנענטן. מע קען דעריבער אָפטמאָל זײַן קנאַפּ אין עצעם רייד. אין דער לעבעדיקער רייד קען מען אויך אָפט אויסקומען מיט אַ ווונק, מיט אַן אָנצוהערעניש: די לעבעדיקע אינטאָנאַציע, דער זשעסט, די מימיק, — צוזאַמען מיט דער רעאַלער פאַרשטענדעניש פון דער סיטואַציע, — זאָגן דאָ אָפטמאָל אַסאַך מער.

## 2

מיט דער מײַסטערשאַפט פון אַ גרויסן קינסטלער האָט שאָלעם־אַליכעם באַוויזן צו רעפּראָדוצירן אין זײַנע ווערק די אַלע באַגלייט־מאָמענטן פונעם לעבעדיקן וואָרט.

— „אַ גרויסער מענטש גריגאָרי איסאַקאָוויטש! אַ ווערטעלע אויסצורײדן — גריגאָרי איסאַקאָוויטש! פּסס! אָבער טאַקע גאָר אַ גרויסער! אַסאַך גרעסער פון אײַער באַרימטן דיכטער יעהאָלעל. דער איז אַ קליינינקער!... אָט אַזאַ קליינישקער... אָבער טאַקע גאָר־גאָר אַ קליינישקער?!... — און ער האָט אַ ווײַז געגעבן מיט דער האַנט אַף דער ערד, ווי קליין יעהאָלעל איז" (פונעם יאַריד).

[1] שאָלעם־אַליכעם־בוך, ז"ז 78—77.

כאַראַקטעריסטיש פאַר שאָלעמ־אַלייכעמענ איז אינ דעמ נאָר וואָס געבראַכטנ די פראָזע: „אונ ער האָט א ווײַז געגעבנ מיט דער האַנט אפ דער ערד, ווי קליינ יעהאָלעל איז". ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס לויטנ בוי גופע פונ די רייד, קאָנ מענ זיכ עס שוינ גרינג פאָרשטעלנ אונ צוגעבנ אַליינ די אַלע באַגלייט־מאָמענטנ פונעמ לעבעדיקנ אַרט ריידנ, טײַטשט עס דאָכ שאָלעמ־אַלייכעמ אויס צוליב מער קלאָרקײַט אונ בולעטקײַט. אַזוי טוט שטענדיק שאָלעמ־אַלייכעמ אינ אַזוינע פאַלנ.

אונ צומאָל טאַקע וואָלט אפילע א קלאָר אויסגעשפּראָכענער דיאַלאָג ניט געווענ גענוג פאַרשטענדלעכ אָנ אָט די דאָזיקע באַגלײַט־אויסטײַטשונגענ:

— „מימאָנעפשעכ, — זאָגט זי (בראָכע) — עסט מענ כאַזער, זאָל רינענ איבערנ באָרד. אז דו ביסט שוינ יאָ געוואָרנ א מײַזנטרײַבער, נעמ כאָטש געלט.

— נו, אונ יוישער ווו איז? ווו איז גאָט? — אַזוי מישט זיכ אַרײַנ די מאַמע. אונ מײַנ שוועגערנ בראָכע ענטפערט איר אָפּ:

— יוישער? אָט איז יוישער? (זי ווײַזט איר אָנ אפנ אויוונ). גאָט? אָט איז גאָט! (זי טוט זיכ א פּאַטש איבער דער קעשענע)" (מאָטל פּייסי דעמ כאַזנס).

די רעמאַרקעס אינ די קלאַמערנ, וואָס גיבנ איבער בראָכעס זשעסטיקוליאַציע, דערגאַנצנ אונ פאַרשאַרפנ די עליפּטישקײַט פונ בראָכעס רייד. אָנ דעמ וואָלט, פאַרשטייט זיכ, ניט גענוג פאַרשטענדלעכ געווענ, מיט וואָס האָט זיכ בראָכע אַזוי פאַרזינדיקט, מע זאָל דאַרפנ אַזוי שאַרפּ רעאַגירנ אפ איר ענטפער־אַרויסזאָגונג.

שאָלעמ־אַלייכעמ טײַטשט אָפטמאָל אויס דעמ ווערטער־אינהאַלט, אַזוי צו זאָגנ פונ א זשעסט:

א) „פּיניע טוט א מאַכ מיט דער האַנט אונ טרעט אָפּ אפ א זײַט, ווי איינער רעדט: „עלעהיי א הונט בילט..." (מאָטל).

„בוזי לאָזט מיכ אָבער נישט לאַנג מיט מײַנע געדאַנקענ. זי טרײַבט מיכ, איכ זאָל גיינ. איכ לאָז מיכ גיינ אונ קוק מיכ אומ צוריק אפ דער פאַרקי־שעפטער פּרינצעסע, וואָס האָט זיכ אינגאַנצנ צונויפגעגאָסנ מיטנ דאָזיקנ פאַר־קישעפטנ פּייסעכ־אָוונט, אונ איכ בלײַב שטיינ א פאַרקישעפטער. ווײַזט זי מיר אָבער מיט דער האַנט: איכ זאָל גיינ!... אונ עס מאָלט זיכ מיר אויס, אז איכ הער איר קאָל, ווי זי זאָגט צו מיר מיטנ לאָשנ פונ שיר־האשירימ" (שיר־האשירימ).

„ווער ס'איז אַרײַנגעקומענ צומ שנײַדער אינ שטיבל אַרײַנ, איז ער באַלד אַרויסגעלאָפנ פונ דאָרטנ א צעטראָגענער, מיט א צעבלוטיקט האַרצ אונ מיט א צעבראָכנ געמיט, אונ אז מע האָט אימ א פּרעג געטאָנ: וואָס טוט עפּעס שימענ־עליע? — האָט ער א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „אז אָכ אונ ווי איז אימ!... עטלעכע ווײַבער, נאָענטע שכיינעס, זײַנענ געשטאַנענ די גאַנצע צײַט מיט פאַרווייינטע פּנעמער מיט רויטע נעזער, געקוקט ציפּע־ביילע־רייזענ גלײַכ אינ די אויגנ אַרײַנ, געמאַכט בעשאַס מײַסע מעשונע מאָדנע פּיסקעס, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, ווי איינער רעדט: „אז אָכ אונ ווי איז צו דיר, ציפּע־ביילע־רייזע!" (דער פאַרקישעפטער שנײַדער).

מימיק און זשעסט באַגלייטנ שטענדיק דאָס לעבעדיקע וואָרט, זיי גופא זייַנען א מעכטיק קאָמוניקאַטיוו מיטל און פאַרשפּאָרן אָפּט ווערטער, און געבונדן איז עס מייַנסטנס מיט דער געהעריקער אינטאָנאַציע.

„איַיער קלײנער, — האָט ער אײן מאָל געזאָגט צו ייִסראָעל דעם שאַמעס, — איז בא מיר, קענענאָרע, פֿון די בעסטע, ערשטנס, איז ער א גרויסער מאָס־מיד, א ווילער, וואָס א ווילער הייסט; הײַנט דאָס קעפּל זייַנס, די טפיסע, מיין איך, דער זיקאָרן — איז אַזעלכעס, וואָס מע באַדאַרף עס זוכן; ווען בא אים זאָל זיַין דער זיקאָרן אזוי ווי די טפיסע, מיין איך פאַרקערט, די טפיסע אזוי ווי דער זיקאָרן — עהע־הע!

דעם „עהע־הע!“ ציט אויס ראַכמיעל־מוישע דער מעלאַמעד מיט א ניגן, און ייִסראָעל דער שאַמעס ווערט ברייטער ווי לענגער“ (א וויגרישנע בילעט).

אינטאָנאַציע און איבעראַקצענטירונג מאָדיפיצירן אָפטמאָל דעם באַטײַט פון א וואָרט:

„וואָס קוקסטו זיך אזוי איַין, — זאָגט ער צו שאָלעמען — דו קונדאַס אייַנער? (א קוועטש דעם „אס“). ווו האלסטו אינעם „שירײ־טיפערעס“, דו שייגאַץ איינער? (א קוועטש דעם „אצ“)“ (פונעם יאַריד).

דאָ ווערן די ווערטער „קונדעס“ „שייגעץ“, וואָס געווײנלעך דינען זיי אַלס זידל־ווערטער, אַדאַנק דער אינטאָנאַציע און איבעראַקצענטירונג פאַרוואַנדלט אין צערטל־ווערטער.

שאָלעם־אַלייכעם ווייַזט אונדז ניט נאָר די אינטאָנאַציע, וואָס קומט אַלס דער־גאַנצונג אָפּ אויסצודריקן דעם רעאַלן באַטײַט פונעם וואָרט אָדער פון דער פראַזע, ער ווייַזט אונדז אויך אָפּט די אומבאַשטימטקייַט און די פילדייַטיקייַט פון דער אַרויס־זאָגונג, וואָס שטעקט אין א געוויסער אינטאָנאַציע:

— „גוט יאָנטעוו, דאָס איז מייַן זון.

אזוי שטעלט מיך פאָר דער טאַטע נאָכן דאַווענען פאַר די באַלעבאַטים אין שול, וואָס באַטראַכטן מיך פון אַלע זייַטן און גיבן אָפּ און נעמען צו פון מיר דעם שאָלעם־אַלייכעם, ווי אַן אַלטן כוויוו.

— דאָס איז מייַן זון...

— דאָס איז איַיער זון? נא דיר אָפּ שאָלעם.

אין דעם טאָנס ווערטער „דאָס איז מײַן זון“ זיַינען דאָ אַלערליי פאַרבן: פרייד און גאַדלעס און פאַרדראָס. מע קאָן לערנען דעם פּשאַט, ווי מע וויל: וואָס זאָגט איר? דאָס איז דאָך מײַן זון!...“

אָדער: „שטעלט אײַך פאָר — דאָס איז מייַן זון!...“ (שיר־האַשירים).

דאָס זעלבע — מיט זשעסט:

— „וואָס זאָגט איר אָפּ אים? — האָט ער זיך אָנגערופן צום מעלאַמעד שוין אָפּ יענער זײַט טיר.

— א קיילע שלײמע! — מאַכט צו אים ראַכמיעל־מוישע, נעמט צונויף די ליפּן און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— אָבער א ייִד, האַ? זאָגט צו אים ווייַטער דער שאַמעס און קוקט אים אין די אויגן אַרײַן.

— מיט גאָטס הילף? — מאכט ראכמיעל־מוישע.

— איאָ, א „וויגרישנע בילעט", הא?

דערופּ טוט ראכמיעל־מוישע א מאך מיטן קאָפּ, מיט די אויגן און מיט די הענט; ער מאכט אזא מינע, וואָס ס'איז שווער צו פארשטיין, וואָס ער מיינט: מע קאָן רעכענען אי אזוי, אי אזוי, יאָ א וויגרישנע בילעט און ניט קיין וויגרישנע בילעט. וואָס ווייסט א מענטש?" (א וויגרישנע בילעט).

און אויב די אינטאָנאציע איז אָפּטמאָל באשליסנדיק פארן רעאלן באטייט פונעם באזונדערן וואָרט, איז עס נאָך מער שייך צו ווערטער־באהעפט און אפילו צו א גאנצער פראזע. נעמען מיר, אשטייגער, אזא פראזע ווי „גאָט שיקט די רפואה פאר דער מכה". געוויינלעך ווערן באהילפיקע ווערטער, כוץ אין ספּעציעלע פאלן ניט באטאָנט; זיי ווערן ארויסגעבראכט צוזאמען מיט די זעלבשטענדיקע. אויב אָבער מע זאָל נישט באטאָנען אין דער גאָר וואָס געבראכטער פראזע „פאר" (— פריער), וואָלט עס דאָ פאַסעט געהייסן „צו". שאָלעם־אליכעם דערלאָזט קימאט קיינמאָל ניט צו אזא צווידייטיקייט און טייטשט שטענדיק אויס דעם ריכטיקן מיין פון אזא פראזע.

אלס בוילעטע אילוסטראציע צו דעם קאָן דינען דער נאָמען פון איינעם פון די בעסטע ווערק שאָלעם־אליכעמס „פונעם יאריד". שאָלעם־אליכעם גיט אָפּ גאנצע צוויי אבזאצן אפּ אויסצוטייטשן דעם ריכטיקן מיין פונעם דאָזיקן אויסדרוק:

„פונעם יאריד" קאָן הייסן (מיין אונטערשטרייכונג — ר. ל.) פונעם לעבן, וואָס איז געגליכן צו א יאריד. יעדער איז א באלן דעם מענטשנס לעבן צו פארגלייכן, נאָך זיין האסאָגע נאָך, צו עפּעס א זאך. לעמאָשל, איינער א סטאָליער האָט אמאָל געזאָגט: „דער מענטש איז געגליכן צו א סטאָליער, א סטאָליער לעבט און לעבט, דערנאָך שטארבט ער — אזוי איז א מענטש אויך... פון א שוסטער האָב איך אליין געהערט א מיינונג, אז דעם מענטשנס לעבן איז געגליכן צו א פּאָר שטיוול: קאָלזמאַן די פּאָדעשוועס טראָגן זיך, זיינען די שטיוול — שטיוול, און אז די פּאָדעשוועס טראָגן זיך אָפּ, איז מיטן קאָפּ אין דער ערד. ס'איז גאנץ נאטירלעך, אז א באלעגאָלע זאָל פאר־גלייכן דעם מענטשנס צו, לעהאוודל, א פערד. דעריבער וואָלט גאָר קיין כידעש ניט געווען, ווען אזא מענטש, ווי איך, וואָס האָט אָפּגעטארעראמט א האלבע מייע יאָרן און גייט באשרייבן די געשיכטעס פון זיין לעבן, — זאָל אים איינ־פאלן צו פארגלייכן זיין פארגאנגענהייט צו א יאריד".

שוין אינעם וואָרט „קאָן" („קאָן הייסן", ניט: „הייסט") איז געגעבן אן אָנצוהערעניש, אז דאָס איז א היפּאָטעטישע דערקלערונג; אזוי וואָלט מען געקאָנט מיי־נען. אָפּן און אויסדריקלעך זאָגט עס שאָלעם־אליכעם אינעם צווייטן אבזאץ. דאָ צעשטערט ער גאָר די פריערדיקע היפּאָטעטישע מאָטיוואציע און גיט אָן א נייע, א מער ריכטיקע.

„דער עמעס איז אָבער ניט אזוי. פונעם יאריד — מיינט מען דאָס דעם צוריקקוועגס, אָדער דעם סאכאקל, דעם רעזולטאט פונעם גרויסן יאר־ריד. א מענטש, אז ער פאָרט אפּן יאריד, איז ער פול מיט האָפענונגען, ווייסט נאָך אליין ניט, וואָס פאר א מעציעס ער וועט דאָרט איינהאנדלען און וואָס

ער וועט דאָרט מעסאקן זײַן. פֿליט ער דערײַבער פֿײַל אויסן גוינג, הענדום־פענדום — שעפּעט אים ניט, ער האָט קיין צײַט ניט! פֿאָרט ער אָבער צוריק, פֿונעם יאריד, ווייסט ער שוין וואָס ער האָט דאָרט געהאנדלט און וואָס ער האָט דאָרט מעסאקן געוועזן, און פֿליט שוין ניט אזוי געשמײַדיק. „ער האָט צײַט". ער קאָן זיך שוין אָפּגעבן דינוועכעזשבן און האָט שוין בעיאד צו וויסן דעם רעזולטאט פֿונעם יאריד, און ער האָט שוין די מעגלעכקײַט אויך די וועלט באקאנט צו מאכן מיט די דאָזיקע רעזולטאטן, דערציילן פּאוואָלינקע, ניט געכאפּט, אלצדינג, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפֿן אפֿן יאריד און וואָס ער האָט געזען און וואָס ער האָט געהערט".

דאָ גיט אונדז שאָלעם־אליכעם צו וויסן, אז ער איז אויסן צו ווײַזן דעם צושטאנד פֿון „צוריקוועגס". אין דעם אויסדרוק: „פֿונעם יאריד" שטעלט ער דעם לאָגישן אקצענט אפֿן וואָרט „פֿונעם", און דאָס וואָרט זאָל דאָ הייסן אזוי גוט, ווי: „צוריק פֿון", ער, שאָלעם־אליכעם, וועט דאָ דערציילן אזוי ווי איינער, וואָס פֿאָרט צוריק פֿונעם יאריד.

די ביידע געבראכטע אבזאצן זײַנען אזוי ארום א מין סעמאנטיש־סטיליסטישע שטודיע וועגן דעם באדײַט פֿונעם אויסדרוק „פֿונעם יאריד". ווען מע זאָל זיך פֿאָרשטעלן, אז דאָס וואָרט „פֿונעם" האָט נאָר איין פֿעסטן סעמאנטישן אינהאלט: „צוריק פֿון"; ווען מע זאָל קענען אינעם באהעפֿט „פֿונעם יאריד" מיט עפּעס א מיטל ארויסהייבן דעם דאָזיקן אינהאלט פֿונעם ערשטן וואָרט אזוי, אז דאָס דאָזיקע זאָל דאָמינירן אינעם באהעפֿט, נישט דאָס אנדערע (דער אקצענט איז דאָ נישט גענוג, און דער שריפֿטלעכער סימוואָל (קורסיוו, צעוואָרפֿן א. ד. גל.) — אוואדע נישט); ווען דאָס אלץ זאָל מעגלעך זײַן, — וואָלט שוין עפּשער איבעריק געוואָרן דער ערשטער אבזאַץ. וואָרעם דער גאָרער אינהאלט פֿונעם דאָזיקן אבזאַץ איז געבויט אפֿ דער אסאָציאַציע, אז „פֿונעם" הייסט דאָ, — קען הייסן, אזוי גוט, ווי: „וועגן", „מיקויעך", דאָס הייסט, אז „פֿונעם" איז דאָ נישט מער ווי א באהילפֿיק וואָרט צו דעם איינציקן אינהאלט, וואָס איז פֿאראן אינעם באהעפֿט „פֿונעם יאריד", אז „פֿונעם" דערנעענטערט זיך דאָ ניט צו א זעלבשטענדיקער סעמאנטישער קאטעגאָריע.

ווען אינעם באהעפֿט ווידער, שוין נאָכדעם, ווי מיר האָבן פֿעסטגעשטעלט די סעמאנטישע וואָג פֿונעם ערשטן וואָרט דאָרט, זאָלן זײַן אלע אסאָציאַציעס, וואָס שאָלעם־אליכעם גיט זיי אָן אינעם צווייטן אבזאַץ, וואָלט דער דאָזיקער אבזאַץ, נאטירלעך, אויך איבעריק געוועזן.

אז ס'איז טאקע אזוי ווײַזט אונדז אויך דער פֿאקט, וואָס אינעם געשריבענעם וואריאנט, וועלכער געפֿינט זיך אין דער ביבליאָטעק פֿון דער וויסנשאפֿט־אקאדעמיע פֿון אוסכר, און וואָס רופֿט זיך נאָך דאָרט „א לעבנסגעשיכטע" זײַנען אינגאנצן ניט פֿאראן די דאָזיקע אבזאצן און די האקדאָמע הייבט זי גלײַך אָן פֿונעם דריטן אבזאַץ: „אסאך מאָל האָבן מיך מײַנע פֿרײַנט דערמאָנט" א. אז. וו.

די אלע מאָמענטן ווײַזן אונדז, וויאזוי שאָלעם־אליכעם פֿירט אונדז ארײַן אין זײַן שפּראך־לאבאָראטאָריע, ווו ער שמידט אויס דאָס קינסטלערישע וואָרט, — דאָס וואָרט, וואָס דארף ווירקן עמאָציאָנעל, און וואָס איז ניט אָפּגעריסן פֿונעם לעבעדיקן קוואַל פֿון דער פֿאָלק־שפּראך.

שאָלעם־אַלייכעמס סטיל, — די קינסטלערישע מיטלען, די לעקסיק, די פראזע־אָלאָגיע, די ספעציִעלע שפּראַך־פיגורן, די סטילסטישע אויספורעמונג — דאָס איז א סיסטעם מיטלען פון גרויסער איינפאכקייט, גענומען פון דער רייד־פראקטיק און דערהויבן צו א סינטעז, צו קינסטלערישער שליימעס. די דאָזיקע איינפאכקייט, די נאטירלעכקייט און דורכזיכטיקייט פון שאָלעם־אַלייכעמס סטיל, באזונדערס פון דער סטיליסטישער אויספורעמונג, איז שאָלעם־אַלייכעמען אָנגעקומען ניט גרינג און ניט מיטאמאָל. שאָלעם־אַלייכעם האָט ביכלאל זייער אָנגעשטרענגט געארבעט איבער זיינע ווערק.

„כאָטש איך שרייב בעכיפאָזנדיק, שרייבט שאָלעם־אַלייכעם אין א בריוו צו ראווניצקען, דאָך פאָלג איך דעם זיידנס געבאָט: שלייפן, שלייפן, שלייפן! ווינציקער פון דריי מאָל ווערט בא מיר א ווערק ניט ארויסגעלאָזט פון דער פאבריקע. אמאָל דערגייט דאָס איבערשרייבן ביז זעקס זיבן מאָל (מיין אונטערשטרייכונג — ר. ל.) און ערשט נאָכדעם אוועקגעשיקט אין דער „דרוי־קאציע". דערביי שפּילט דאָס פלעשעלע גומעראביקע־קליי א גרויסע ראָלע! עס גייט בא מיר געקלעפּט א לאטע אף א לאטע און אף דער נייער לאטע א ניי קליינ לאטקעלע" [1]).

באזונדערס זעט מען דאָס ארויס, ווען מע פארגלייכט פארשיידענע אויסגאבעס פונעם ערשטן פעריאָד פון שאָלעם־אַלייכעמס שאפן מיט די דורך אים געבעסערטע שפּעטערדיקע אויסגאבעס פון די זעלביקע ווערק. מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע אילוסטראציעס. אילוסטרירן וועלן מיר ניט אלע שפּראכלעכע ענדערונגען און אויסבעסערונגען ביכלאל, — דאָס גופע קאָן דינען פאר א ספעציעלער אויספאָרשונג־ארבעט. מיר וועלן זיך דעריקער אָפּשטעלן אף די ענדערונגען, וואָס האָבן א שייכעס צו וואָרט־שטעלונג און באטאָנונג, צו איבערכאזערונג און פאראלעליזם, — אף די סטיליסטישע מאָמענטן, וואָס שאפן בא שאָלעם־אַלייכעמען א סיסטעם, וואָס גיבן צו א באזונדער קאָלאָריט דעם סטיל, — דעם סטיל, וואָס איז אזוי באוווּסט מיטן נאָמען „שאָלעם־אַלייכעם־סטיל".

| ערשטע רעדאקציע | לעצטע רעדאקציע |
| --- | --- |
| „זע, נאָר, סאָרע, ווי ער האָט זיך דאָס אביסל צעבלוטיקט, דיין קא־דעש! [2]) | זע, נאָר, זע, ווי ער האָט זיך דאָס אביסל צעבלוטיקט דער קאדעש דיינער! |

מיטן איבערכאזערן דעם אימפעראטיוו „זע" און מיטן איבערשטעלן דעם אדיעק־טיוו, דערגרייכט שאָלעם־אַלייכעם דאָס, וואָס די דאָזיקע טיילן ווערן שטארקער אק־צענטירט, די גאנצע פראזע ווערט נאטירלעכער, דינאמישער און אנטשפּרעכט מער דער געגעבענער סיטואציע.

דאָס זעלבע — אין „קינדער־שפּיל".

---

[1]) זאמלבוך צום אָנדענק פון שאָלעם־אַלייכעמען, 1917, ז. 96.

[2]) „דאָס מעסערל" 1887.

ערשטע רעדאקציע

„זיי האָבן געלעבט אין גרויס דאכקעס, און אָפטמאָל איז נישט געווען אפ קיין פוד מעל" [1].

לעצטע רעדאקציע

„געלעבט האָבן זיי אין גרויס דאכקעס, און אָפטמאָל איז נישט גע־ווען אפילע אפ קיין פוד מעל".

דאָס ארויסציִען אין אָנהייב זאצ דעם באטײַטיקן טײל פון דער ווערב־פאָרמע באטאָנט עס מער, — דאָס ווײַזט אויך אפ דער העמשעכדיקײַט פון דער ארויס־זאָגונג.

ערשטע רעדאקציע

„וואָס פאר א פאָנעם האָט בא מיר געהאט דער „גאָלועכ" דער דײַטשישער ייִד, דער פאָדריאטשיק הער הערצ הערצנהערצ, אז ער האָט גערעדט אפ ייִדיש און איז געגאנגען אָן א היטל, אָן א באָרד, אָן פייעס" [2].

לעצטע רעדאקציע

„וואָס פאר א פאָנעם האָט בא מיר געהאט דער ייִדישער דײַטש, אז גע־רעדט האָט ער אפ ייִדיש, גע־גאנגען איז ער אָן א היטל" א.אז.וו.

דאָ זעען מיר, אז שאָלעמ־אלייכעמ גייט אפן וועג פון אינווערסירטער וואָרט־שטעלונג קעגן פריִערדיקער דירעקטער, — קעדיי דערמיט צו פארשטארקן די באַ־טאָנונג.

דאָס זעלבע — מיט איבערכאזערונג:

ערשטע רעדאקציע

„איך האָב דאָס ליב געהאט ווי מײַן לעבן" [3].

לעצטע רעדאקציע

„אוי, האָב איך דאָס ליב געהאט! אוי, האָב איך דאָס ליב געהאט"!

מיטן פאָשעטן איבערכאזערן די פראזע „אוי, האָב איך דאָס ליב געהאט" ווערט שטארקער באטאָנט די ליבע, — שטארקער אפילע ווי דער פארגלײַך מיט „ווי מײַן לעבן" אין דער ערשטער רעדאקציע. דאָס מאכט אויך די ארויסזאָגונג עמאָ־ציאָנעל.

דאָס זעלבע אין אזא פראזע:

„שפעטער, פארן שלאָפ, האָב איך דאָס אויסגערייניקט, גענומען דאָס שארפשטיינדל, וועלכעס איך האָב גע־פונען בא אונדז אפן בוידעם, אָנגע־שפיגן און גענומען צום שארפן דאָס" [4].

„שפעטער, פארן שלאָפ, האָב איך דאָס אויסגערייניקט... און גענומען זיך שטילערהייט צו דער ארבעט — שארפן דאָס מעסערל, שארפן, שארפן"...

---

[1] „קינדער־שפיל" — 1887.

[2] „דאָס מעסערל". 1887.

[3] דאָרטן.

[4] דאָרטן.

„אפנ טיש א גרויסער, א זילבער־נער טינטער מיט שיינע פענעס; מענ־טשעלעכ מיט פערדעלעכ; ביינדלעכ מיט שטיינדלעכ אונ... אכ! וואָס פאר א שיינ מעסערל [1]).

„אפנ טיש א גרויסער, א זילבער־נער טינטער מיט שיינע פענעס... אונ... א מ ע ס ע ר ל... א כ, וו אָ ס פ א ר א ש יי נ מ ע ס ע ר ל"...

דאָס צעטל בײַשפּילנ וואָלט מענ געקאָנט פארלענגערנ, אָבער דאָס געבראכטע איז גענוג אפ צו זענ איג וואָס פאר א ריכטונג אינ פראט פונ באטאָנונג עס גייענ דאָ די ענדערונגענ בא שאָלעמ־אלייכעמענ.

4

מיט גרויס מײַסטערשאפט נוצט שאָלעמ־אלייכעמ אויס די פארשיידנסטע סטי־ליסטישע מעגלעכקײַטנ פונ וואָרטשטעלונג צוליב באטאָנונג. בענעגייע דער סינטאק־סישער אָרגאניזירונג פונ ווערטער אינ זאצ אָדער אינ דער פראזע אונטערשיידט מענ סײַ אינ דער מינדלעכער, סײַ אינ דער שריפטלעכער שפּראכ די דירעקטע אונ די אומדירעקטע (אינווערסירטע) וואָרטשטעלונג. בא דער דירעקטער וואָרטשטעלונג קומט געוויינלעכ אינ יידיש אפנ ערשטנ אָרט דער סוביעקט, דערנאָכ — דער פּרעדי־קאט אָדער דער באהילפיקער ווערב פונעמ פּרעדיקאט, דערנאָכ — אלע אנדערע בײַ־גלידער. אינ אָרגאניזירטע רייד טרעפנ מיר אלעמאָל דעמ בײַט פונ דירעקטער אונ אומדירעקטער וואָרטשטעלונג אינ פראזעס.

בא דער דירעקטער וואָרטשטעלונג ווערט אינ געוויינלעכער רייד ארויסגעהויבנ דאָס וואָרט אָדער דער זאצגליד, וואָס שטייט סאָפ זאצ. דאָס איבערשטעלנ דעמ געוויינלעכנ ווערטערסיידער אינ דער פראזע גיט א מעגלעכקײַט ארויסצוהייבנ א בא־ליביקנ זאצגליד, אומאָפּהענגיק פונ זײַנ סינטאקסישער ראָלע אינ זאצ. בא דער אומ־דירעקטער וואָרטשטעלונג באקומענ נאָכ אייניקע זאצגלידער, כוץ זייער גרונט־פונקציע א צוגאָב־פונקציע. אזוי איז עס, אשטייגער, מיטנ פּערזאָניקנ ווערב אפנ ערשטנ אָרט, וואָס ווײַזט אינ אזא פאל אפ העמשעכדיקײַט פונעמ פריער ארויסגעזאָגטנ, רעזולטאטיווקײַט, אנקעגנשטעלונג א. ד. גל.

די אינווערסירטע וואָרטשטעלונג גיט שאָלעמ־אלייכעמענ א מעגלעכקײַט אויס־צונוצנ דאָס וואָרט אינ אלע זײַנע פארשיידנסטע שאטירונגענ, באטאָנענ עס, אונ דערמיט דעמ צוגעבנ א באזונדער אויסדריקלעכקײַט, צו מאכנ דינאמישער די האנד־לונג, אונ צו דערנעענטערנ די שפּראכ פונ זײַנע ווערק צו לעבעדיקע רייד.

אָבער אנאליזירנ שאָלעמ־אלייכעמס סטיליסטישע מײַסטערשאפט ארויסצוהייבנ די דאָמינירנדיקע פאָרשטעלונג אינ די ראמענ פונ באזונדערע זאצנ אונ פראזעס, וואָלט געהייסנ פארמינערנ די דאָזיקע מײַסטערשאפט, דאָס וואָלט געהייסנ ריידנ וועגנ דעטאלנ אונ ניט דערזענ דאָס גאנצע, דאָס גרויסע, וואָס שאָלעמ־אלייכעמ ווענדט אָנ געוויינלעכ צוליב די דאָזיקע צוועקנ. דאָס איז צו זענ, אשטייגער, אינ אזא פראזע:

„ג ר אָ ז האָט ער געבראכט צו טראָגנ, א פּאק מיט ג ר אָ ז".

[1]) דאָס מעסערל.

שײַן אין דער דאָזיקער פּראָזע, איזאָלירט גענומען, איז אַרויסגעהײבן צװײ מאָל דורך דער אומדירעקטער װאָרטשטעלונג, דורכן איבערכאַזערן אין אָנהײב און אין סאָף פּראָזע די דאָמינירנדיקע פֿאָרשטעלונג — „גראָז“. אָבער די דאָזיקע באַטאָנונג װערט פֿאַרפֿילפֿאַכט דורכן גאַנצן קאָנטעקסט, דורכן קעגנשטעלונג, דורך אױסטײלן באַזונדער די אַטריבוטן־אַדיעקטיװן:

„פּײסי דער אײַנבינדער האָט געבראַכט צוטראָגן איצטיקס מאָל נישט קײן בולקעלעך, נישט קײן בײגעלעך, נישט קײן צוקערקעס, גראָז האָט ער געבראַכט צוטראָגן, אַ פּאַק מיט גראָז. לאַנגע, גרינע, שמעקנדיקע גראָזן!“ (דרײַ קעפּלעך).

און אױך דאָ, װי אַלעמאָל, דערלאָזט שאָלעם־עליכעם ניט צו צװײדײַטיקײַט. די װאָרטשטעלונג אין ייִדיש, אַלס אין אַן אַנאַליטישער שפּראַך, האָט אױך די פֿונקציע צו װײַזן די סינטאַקסישע באַציִונג צװישן זאַצגלידער. די װאָרטשטעלונג איז דאָ דעריבער אַ געבונדענער אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע שפּראַכן — רוסיש, אַשטײגער, — װאָס פֿאַרמאָגן אַ רײַכע סיסטעם פֿלעקסיװע פֿאָרמעס. און יעדע אָפּװײַכונג פֿון דער געװײנלעכער װאָרטשטעלונג צוליב באַטאָנונג פֿאַרשװעריקט אָפּטמאָל צו דערגײן, װער איז דער סוביעקט און װער — דער אָביעקט פֿון דער האַנדלונג. שאָלעם־עליכעם זאָגט זיך אָבער ניט אָפּ אױך אין אַזאַ פֿאַל פֿון אױסנוצן דעם סטיליסטישן עפֿעקט פֿון באַטאָנונג דורך אומדירעקטער װאָרטשטעלונג, אָבער ער טײַטשט עס גלײַך אױס:

„אַ גאָדלען האָט אָבער פֿײַנט די װעלט, דאָס הײסט, ניט ער האָט פֿײַנט די װעלט, נאָר די װעלט — אים“ (אײנער פֿון טױזנט).

און באַטאָנט עס אַזױ אַרום צװײפֿאַך.

די אומדירעקטע װאָרטשטעלונג צוליב באַטאָנונג װערט שטענדיק מאָטיװירט דורך דער סיטואַציע. אַז מאָטל פּײסי דעם חזנס זאָגט:

„געמאַכט דאָס ערשטע פֿעסל קװאַס, איז געבליבן, אַז אַרױסטראָגן פֿאַרקױפֿן אים אױף דער גאַס זאָל איך“.

װערט עס באַלד טאַקע אױפֿן אָרט מאָטיװירט:

„װער דען, אַז ניט איך? מײַן ברודער עליען פּאַסט ניט, ער איז דאָך שױן אַ באַװײַבטער. דער מאַמען — אװאַדע ניט. מיר װעלן גאָר ניט דערלאָזן, אַז די מאַמע זאָל אַרומגײן מיט אַ קרוג איבערן מאַרק און שרײַען: „קװאַס! קװאַס! ייִדן, קװאַס!“ אַלע האָבן געפּאַסקנט, אַז דאָס דאַרף זײַן מײַן אַרבעט. איך אַלײן האָב אױך אַזױ געדענקט“.

אױך דורך דער סינטאַקסישער אױספֿורעמונג פֿון די רײד האָט שאָלעם־עליכעם מײַסטעריש פֿאַרקערפּערט די רײד פֿונעם מאַסן־מענטשן, אָפּהענגיק פֿון דער סיטואַציע.

„אױ, טאַטע, זאָגט זי צו מיר װידער מיט אַ געװײן, איך װעל מיך שטעלן, זאָגט זי, פֿאַר אַ דינסט, לײם װעל איך טראָגן, ערד װעל איך גראָבן!...“ (טעװיע דער מילכיקער).

„האָסט, אַפּאָנעם, געמאַכט, זאָגט זי, אַ רעכטע קױסע?

— אַ קױסע, זאָג איך, האָבן מיר מיט לײזער־װאָלפֿן געמאַכט, און

צו גליזלעכ פונש האָבן מיר מיט לייזער־וואָלפֿן געגנומען, נאָר בא די געדאנקען, זאָג איך, בין איך נאָך" (טעוויע).

„אז דו האָסט אויגן, זאָג איך, און דו ביסט איר א מאַמע, וואָס זשע האָסטו געשוויגן און דו האָסט ניט געזאָגט מיר?" (טעוויע).

אָפטמאָל ווערט דאָס דאָמינירנדיקע אינעם גאנצן ווערק באטאָנט מיט דער וואָרטשטעלונג שוין אינעם נאָמען פונעם ווערק. אזוי איז עס, אשטייגער, אין דער דערציילונג: „אים מעג מען מעקאנע זיין". און אז שאָלעם־אליכעם פארענדיקט די דערציילונג:

„לאנג־לאנג נאָכדעם האָט מען נישט אופגעהערט צו דערציילן אין קאס־רילעווקע פון רעב מיילעכ דעם כאזנס טויט און פון דער לעווייַע, וואָס ער האָט געהאט, און מע האָט געזאָגט מיט א זיפץ:

— יאָ, אים מעג מען מעקאנע זיין..."

פילט מען, אז נאָר אזא און ניט קיין אנדער וואָרטשטעלונג איז מעגלעכ בא אזא סיטואציע.

ווי געזאָגט, ווערט דאָס דאָמינירנדיקע ארויסגעהייבן בא שאָלעם־אליכעמען, ניט נאָר אין די ראמען פונעם באזונדערן זאַץ, נאָר אָפטמאָל דורכן גאנצן קאָנטעקסט. ס'איז דאָך קעדייַ צו ברענגען אייניקע ביישפּילן, קעדיי צו ווייַזן, וויאזוי שאָלעם־אליכעם באטאָנט מיט דער הילף פון אומדירעקטער וואָרטשטעלונג פארשיידענע זאצגלידער:

א) „א צאָן זיך ארויסרייַסן פונעם מויל איז בא איר גרינגער, ווי אויס־רייַסן א סאָנישניק בא איר פונעם גאָרטן" (מאָטל).

ב) „מיך מע זאָל געוועזן לערנען שרייַבן, וואָלט איך געוועזן איין שרייַבער אין דער וועלט" (דאָס גרויסע געווינס).

ג) „אנשלאָפן געוואָרן זייַנען מיר ווי די געהארגעטע, אופגע־וועקט האָט אונדז די מאמע מיט א געוויין" (מאָטל).

ד) „דרייַ מאָל איז ער אוועקגעגאנגען צוריק — און אויסגעפירט האָט ער" (מאָטל).

ה) „געלט האָבן טאקע די בראָצקעס, און איך האָב טעכטער" (טעוויע).

כאראקטעריסטיש איז אויך פאר שאָלעם־אליכעמען דאָס ארויסהייבן דורך דער וואָרטשטעלונג א גאנצע ריי אדווערבן:

א) „שוין אז דער העלד איז געזעסן אין פאיעטאָן און אנדריי דער קוטשער איז גרייט געוועזן זיך א נעם טאָן צו דער בייַטש, האָט דער יונגער העלד צום לעצטן מאָל א קוק געגעבן אין פענצטער און דערזען צוויי פאר־וויינטע אויגן" (פונעם יאריד).

ב) „פריער איז ער דרייַ מאָל געקומען אָנקוקן אונדזער האלבע דירע איינער אליין" (מאָטל).

ג) „איין פראָשעק הייסט ער מיר איך זאָל אייַנעמען באלד" (מאָטל).

ווי אויך באהילפיקע ווערטער:

„אויך דער פארשוין האָט זיך מעכאיע געוועזן מיט זיי, מאמעש דער־קוויקט זיך" (קאסרילעווקער ניסראָפים) און אנדערע.

זייער ברייט פארטראָטן באַ שאָלעם־אַליייכעמען איז די מינדלעכמעסיק־פאָלקס־טימלעכע קאָנסטרוקציע פונעם טיפּ:

א) „איך, אז איך דערזע א שווארצע העמדל, שטעלט זיך מיר פאַר, איך בעט איבער אייַער קאָוועד, אויסגעריבענע הויזן" (יויסעפּ).

„אפילע מייַן גאָלדע, אז זי דערשמעקט געלט, ווערט זי גאָר אַן אנדער מענטש" (טעוויע).

ב) „וואָרעם איך, מע זאָל מיך אופּוועקן אינמיטן נאכט און מיר דער־לאנגען מילכיקס, איז אַבי איך בין נאָר ניט פליישיק, איז מיטן גרעסטן קאָוועד!" (מילכיקס).

„א מענטש, אז ער שטארבט, שטארבט ער מייסטנטיילס מיט צו־געמאכטע אויגן" (טעוויע).

„שימעלען, אז עס כאָלעמט זיך א כאָלעם, איז דאָ וואָס צו הערן" (דאָס גרויסע געווינס).

„באַ מיר, אז איך זאָג געבן, גיב איך" (דאָס גרויסע געווינס).

„א קאָל, האָב איך אויך שוין לאנג געזאָגט, אז איך האָב א שיינס" (מאָטל).

„א יידן, אז מע זאטשעפּעט מיט א וואָרט, איז מען ניט זיכער מיטן לעבן" (טעוויע).

דאָ איז ארויסגעצויגן פאָרויס דער סוביעקט אָדער דער אָביעקט פונעם הויפּט־זאץ אָדער בייַזאץ. די דאָזיקע דערשייַנונג איז זייער פארשפּרייט אין מינדלעכע רייד. דער טאָכ אירער באשטייט אין דעם, וואָס מע שטרעבט צו באטאָנען די הויפּט־פאָרשטעלונג. אין אונטערשייד צו אנדערע ענלעכע קאָנסטרוקציעס, אשטייגער, נאָמינאטיווישע זאצן, האָבן מיר דאָ ניט קיין ארויסזאָגונג פון א פארענדיקטן געדאנק. דעם ריידער, גלייַך באַם אָנרופן די דאָזיקע פאָרשטעלונג, איז נאָך אזוי ווי ניט קלאָר, וואָס פאר א סינטאקסישע ראָלע דער דאָזיקער אָנרופ, אָדער דער פּראָנאָם, וואָס פארטרעט אים, וועט אויספּילן אין זאץ, אין וואָס פאר א סינטאקסי־שער פארבינדונג ער וועט קומען מיט די איבעריקע זאצגלידער.

אין דער דאָזיקער קאָנסטרוקציע קאָן מען אייַנשטעלן פארשיידענע גראדאציעס. ס'זייַנען פאראן, ווי ס'איז צו זען פון די אויבן געבראכטע בייַשפּילן, פארשיידענע איבערגאנג־טיפּן. עס איז ניט קלאָר צו וואָס פאר א קאטעגאָריע פארעכענען, אשטייגער:

„א וואָלף, אז עס כאפּט זיך אריין אין דער טשערעדע און פארצוקט א שעפּעלע, ווערט צווישן די איבעריקע שאָף א טומל..." (אים מעג מען מע־קאנע זייַן).

ווו דער פאָרטרעט־פּראָנאָם קאָנגרויִרט ניט מיטן ארויסגעהויבענעם סובסטאנטיוו.

אָבער אין דעם פאל איז אונדז ניט אזוי וויכטיק די גראמאטישע כאראקטע־ריסטיק, ווי צו באווייַזן, אז צוליב באטאָנונג נוצט שאָלעם־אַליייכעם ברייט אויך די דאָזיקע קאָנסטרוקציע.

ס'קענען אַפּ אַזאַ אויפן אַרויסגעהויבן ווערן אין דער דאָזיקער קאָנסטרוקציע ניט נאָר דער סוביעקט און אָביעקט, נאָר אויך אַנדערע זאַצגלידער:

„באַ מענדל דעם שויכעטס, אַז מע זיצט אַפּן דאַך, קאָן מען זען אַלצדינג, וואָס באַ מענאַשע דעם רויפע אין גאָרטן טוט זיך" (מאָטל).

„דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט, זאָגט ער, דערזען אַ זייגער מיט אַ פויגל, איז ער שיר ניט אַראָפּ פונעם זינען" (מאָטל).

די דאָזיקע קאָנסטרוקציע טרעפן מיר אויך אין שאָלעם־אַלייכעמס פּריוואַט־בריוו. אַזוי שרײַבט ער אין אַ בריוו צו ספּעקטאָרן:

„איך, אַז איך וועל אַמאָל זײַן אַזוי ווי דו אַצינד, איז סײַדן נאָר דעמלט, ווען איך וועל אָדער האָבן אַסאַך געלט, אָדער בעשאַס איך וועל האַלטן באַם געזעגענען זיך מיט דער נארישער וועלט"[1].

---

אַ צווייטע קאָנסטרוקציע, וואָס איז אויך זייער פאַרשפּרייט אין דער לעבעדיקער שפּראַך און זי טרעפט זיך זייער אָפט אין שאָלעם־אַלייכעמס ווערק — דאָס איז די קאָנסטרוקציע פונעם טיפּ:

„סטעמפּעניו — דאָס איז אַ מין צונעמעניש, וואָס איז אים איבערגעגאַנגען בעירושה פון זײַן טאַטן" (סטעמפּעניו).

אין גראַמאַטיק איז ביז איצט ניט פעסטגעשטעלט צו וואָסער קאַטעגאָריע קאָן אָפּגעטראָגן ווערן די דאָזיקע דערשײַנונג. באַ אַן אַנדער געלעגנהײַט האָבן מיר די דאָזיקע קאָנסטרוקציע אָנגערופן דערווײַל מיט אַן אַלגעמיינעם נאָמען „סינטאַקסישער אָנשפּאַר", לויט דער פונקציע אירער אַרויסצוהייבן און צו באַטאָנען דאָס פריִער אַרויסגעזאָגטע. דאָ זײַנען אויך מעגלעך פאַרשיידענע מאָדיפיקאַציעס און איבערגאַנג־טיפּן. זי איז ברייט פאַרגעשטעלט באַ שאָלעם־אַלייכעמען אַלס מיטל פון באַטאָנונג. מיר וועלן ברענגען עטלעכע אילוסטראַציעס:

א) „זעט איר, פּערשקעס — די פּאַלן אָפּ, ווײַבאַלד נאָר זיי ווערן רעכט געל" (מאָטל).

ב) „מע זאָל, אַשטייגער, פרעגן מיך, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער גאַניידן — דאָס איז מענאַשע דעם רויפעס גאָרטן" (מאָטל).

ג) „דעם העלד פון דער דאָזיקער ביִאָגראַפיע האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עס ווײַזט זיך אויס מיסטאַמע יעדן ייִדישן ייִנגל, אַז זײַן שטעטל — דאָס איז דער מיטלפּונקט פון דער וועלט, דער סאַמע נאָפּל פון דער ערד, און זײַנע ייִדן — דאָס זײַנען די אויסדערוויילטע באַ גאָט, וואָס צוליב זיי איז באַשאַפן געוואָרן די דאָזיקע וועלט, און, פאַרשטייט זיך, אַז אין דער שפּיץ פון די אויסדערוויילטע שטייען וועוויקס קינדער, די ראַבינאָוויטשעס, און דער ראָש ווערישן און דער סאַמע שפּיגל, דער סאַמע צימעס פון די ראַבינאָוויטשעס — דאָס איז געוויס זײַן טאַטע, נאָכעם וועוויקס" (פונעם יאריד).

ס'קענען אויך אַרויסגעהויבן ווערן עטלעכע גלײַכאַרטיקע זאַצגלידער:

---

[1] שאָלעם־אַלייכעם־בוך, ז. 202.

„א מעטריקע, א בריס, א כאסענע, א געט — דאָס איז זײַנע ארבעט" (א וואָרט פאר א וואָרט).

אָט זײַנען פאלן פון „אָנשפאר" בא אן אינפיניטיווישער גרופע:

א) „פארדינען אף שאבעס — דאָס איז זייער אידעאל" (די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך).

ב) „פון פאָרן ווײַטער — דאָס פארגעסט" (כאבנע).

ג) „צושטעלן א בענקעלע — דאָס איז ניט נאָר א מיצווע, דאָס איז א כיווו, וואָס יעדער ייִד איז מעכויעוו צו טאָן" (פונעם יאריד).

ס'קען אויך ארויסגעהויבן ווערן א גאנצער זאַץ:

א) „נאָר אז ער אליין איז א מענטש ניט קיין געוויינלעכער — דאָס וויס איך פאר געווים" (טעוויע).

ב) „און אויסקליידן זי צו דער כאסענע, אלץ וואָס א מיידל באדארף — דאָס נעם איך אף זיך" (טעוויע).

און אפילע א גאנצע ריי גלײַכארטיקע זאַצן:

„געבן ראבטשיקן א זעץ מיט א שטעקן פון הינטן, אָדער דערלאנגען אים מיטן אבצאס אין זײַט ארײַן, אָדער ווארפן אים א שטיינדל אין קאָפּ ארײַן, אָדער אויסגיסן אף אים א פּאָמעניצע — דאָס איז געווען בא יעדן א שפּילעכלי קימאט א מיצווע" (ראבטשיק).

דאָס זעלבע — מיט „אזוי":

א) „מאזעפּע — אזוי הייסט דער רעבע אונדזערער" (לעגבוימער).

ב) „מיסושעלעך — אזוי האָט מען אים א נאָמען געגעבן אין קאסריליעווקע דערפאר, וואָס ער איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן" (מעסושעלעך).

ג) „דער נעס פון הוישײַנע ראבע — אזוי האָט מען א נאָמען געגעבן בא אונדז די באן־קאטאסטראָפע, וואָס האָט זיך געטראָפן פונקט אום הוישײַנע־ראבע, נאָכן קוויטל" (דער נעס פון הוישײַנע ראבע).

דער דאָזיקער „אָנשפאר" ווערט אמאָל איבערגעריסן דורכן א בײַזאַץ:

„די אלע איבעריקע טרערן, וואָס דער שרײַבער גיסט אף פּאַפּיר — דאָס זײַנען, זאָגט זי, טרוקענע, געמאכטע טרערן, וואָס האָבן נישט קיין ווערט" (קאסרילעווקער ניסראָפים).

דער דאָזיקער „אָנשפאר" קאָן קומען ניט נאָר אין די ראמען פונעם זאַץ גופע, נאָר אין אָנהייב פון א זעלבשטענדיקן זאַץ אָנשטאָט א בײַזאַץ, אשטייגער:

„נאָר שווערער פון אלץ איז די דריטע אינסטאנציע — דער מעשאָרעס. דער האלט זיך גאָר פאר א גאנצן קנעפּל" (פונעם יאריד).

אויך דאָ דינט עס אף ארויסצוהייבן די וואָג פונעם סוביעקט פונעם פאָריקן זאַץ. דאָס איז אויך א דערשײַנונג פון דער אינטאָנאציע־סיסטעם אין דער גערעדטער שפראך. „דער", וואָס כאזערט איבער דעם סוביעקט פונעם פאָריקן זאַץ, באקומט אן אקצענט, ער ווערט באטאָנט, אקעגן די פערזאָניקע פראָנאָמען („ער", „זי" א. אז. וו.), ווו די באטאָנונג פאלט אף דעם פרעדיקאט אָדער אף אן אנדער וואָרט.

א) „מער פון אלע איז געווען דערשלאָגן סירקאָס ליבלינג — דער מעכאַבער פון די דאָזיקע מעמוארן. דער האָט עטלעכע טעג דורכאנאנד ניט

געגעסן, עטלעכע נעכט ניט געשלאָפֿן, געקאַטשעט זיך אַף אַלע זײַטן, געזיפֿצט און געקרעכצט שטילערהייט" (פֿונעם יאריד).

ב) „מער פֿון אַלע און װאָרעמער פֿון אַלע האָט געװײנט שאָלעמ. דער האָט זיך געפֿילט קעגן אים אַ פֿאַרזינדיקטער, אַ כּױטע גאָמור" (פֿונעם יאריד).

אהער געהער אױך אַ ספּעציעלע קאַטעגאָריע פֿונעם טיפּ:

א) „פֿון דעם באַזוך קאָן מען זען, אַז דאָדעכע שעצט זיך גליקלעך און װער שמועסט דאָדיע — דער איז אַפֿן זיבעטן הימל" (פֿונעם יאריד).

ב) „און װער שמועסט סימכאַסטױרע — דעמלט איז ער גע־װען מער װײַסע־כעװורעניק פֿון אַלע װײַסע־כעװורעניקעס" (פֿונעם יאריד).

ג) „און דער טאַטע — שמועסט מען ניט. יענער איז געװען אַפֿן זיבעטן הימל!" (פֿונעם יאריד).

אױך אין דער דאָזיקער ריכטונג בעסערט שאָלעמ־אַלײכעם זײַנע װערק:

| לעצטע רעדאַקציע | ערשטע רעדאַקציע |
|---|---|
| „מייערס פֿאָטער — דער האָט מוירע אַפֿילע אַ קוק צו טאָן אַף דער קאַלע". | א) „און מייערס פֿאָטער האָט מוירע אַ שטאַרקן קוק טון אַף דער דאָזיקער קאַלע" (קינדער־שפּיל). |
| „און װער שמועסט זײַן װײַב — זי האָט זיך נאָך מער געיידלט פֿון אים". | ב) „און װער שמועסט זײַן װײַב; זי האָט זיך נאָך מער „געיידלט" פֿון אים" (קינדער־שפּיל). |

די אומדירעקטע װאָרטשטעלונג נוצט שאָלעמ־אַלײכעם אױך אױס צוליב קאָמישן עפֿעקט. װי געזאָגט, האָט דער פּערזאָניקער װערב אַפֿן ערשטן אָרט די פֿונקציע צו װײַזן רעזולטאַטיװקײַט. און דעריבער באַקומט זיך מאָדנע, װען מאָטל פּײסי דעם כאַזנס דערציילט:

„דערציילן מיר זיי, אַז ס'איז געװען אַ ייִד פּײסי דער כאַזן — איז ער געשטאָרבן. האָט ער איבערגעלאָזט אַן אַלמאָנע — דאָס איז די מאַמע. האָט זי אַ זון — הייסט ער עליע. האָט ער אַ װײַב — הייסט זי בראָכע. האָט ער אַ כאַװער — הייסט ער פּיניע. האָט ער אַ װײַב — הייסט זי טײַבל. און איך בין דער מיזיניק — הייס איך מאָטל. און דאָס איז מײַן כאַװער — הייסט ער מענדל. און װײַל ער איז אַ גרױסער — האָט אים בראָכע אַ נאָמען געגעבן לאָשעק".

עס מאַכט דעם אײַנדרוק, װי בראָכע װאָלט געהייסן בראָכע, װײַל זי איז עליעס װײַב; טײַבל װאָלט געהייסן טײַבל, װײַל זי איז פּיניעס װײַב א. אז. װ.

אַלס מיטל צו באַטאָנען דינט אױך בײַ שאָלעמ־אַלײכעמען דער אינעװײניקסטער װענדאַרטיקער פּרעגיקער און אױסרופֿיקער זאַץ:

א) „מיר האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן — טרעפֿט װיאַזױ? „מאָטל מיט די לעפּצן"... (מאָטל).

ב) „און שלעפּט אַרױס פֿונעם טײַסטער — װיפֿל מײנט איר, אַשטייגער? אַנו, טרעפֿט! אַ צענערל, אַ רױטס אַזױ װי פֿײַער, איך זאָל אַזױ זײַן געזונט מיט אײַך אינײנעמ" (טעװיע).

---

אנ אויסגעפרוווט מיטל איז בא שאָלעמ־אלייכעמענ די באַטאָנונג דורכ קעגנשטעלונג:

א) „נישט קיינ קלאָלעס זיינענ דאָס געווענ, שטיינער זיינענ געפאלנ פונעמ הימל, פעכ אונ שוועבל האָט זיכ געגאָסנ פונ ציפע־ביילע־רייזעס מויל" (דער פארק־שעפטער שניידער).

„דער געשריי איז געווענ ניט אפ די ריכטער, וואָס האָבנ שלעכט געפאסקנט, נישט אפ די גענעראלנ, וואָס האָבנ געשוואָרנ פאלש, נישט אפ די „פראנצעהויזנדיקע", וואָס האָבנ זיכ אזוי שיינ אויסגעפיינט, ניינ! דער געשריי איז געווענ אפ יידלענ" (דרייפוס אינ קאסרילעווקע).

מיטנ צוועק צו באַטאָנענ נוצט שאָלעמ־אלייכעמ ברייט א גאנצע ריי פארשטארק־ווערטער אונ פארטיקלענ:

א) „צומיינסטנ האָט זי ליב געהאט אימ בעזעמענ דאפקע יאָנטעוו, אונ דאפקע סימכאסטוירע, אונ דאפקע פארנ גאנצנ עולעמ אינ די אויגנ" (פונעמ יאריד).

ב) „אונ דאָ אפצעלאָכעס, ווילט זיכ דאפקע א לעב טאָנ, אונ דאפקע א שטיפ טאָנ, אונ דאפקע לאכנ, אונ דאפקע נאשנ, אונ דאפקע אָפכאפנ דאָס דאוונענ, אונ דאפקע טראכטנ פונ דעמ, וואָס מע טאָר ניט". (פונעמ יאריד).

דאָס זעלבע — מיט „נאָר":

„היינט דאָס לעבנ זייערס איז נאָר געיאָגט, אונ נאָר געלאָפנ, אונ נאָר געכאפט זיכ" (בערל־אייזיק).

## 6

אויבנ האָבנ מיר גערעדט וועגנ שאָלעמ־אלייכעמס מייסטערשאפט אויסצונוצנ די פארשיידנסטע סטיליסטישע מעגלעכקייטנ פונ וואָרטשטעלונג צוליב באַטאָנונג. אלס מיטל פונ באַטאָנונג נוצט שאָלעמ־אלייכעמ אויכ די סטיליסטישע פיגור פונ איבערכאזערונג. נאָר אויב וואָרטשטעלונג צוליב באַטאָנונג איז איינער פונ די קאָמפאָנענטנ פונ זיינ סטיליסטישער מייסטערשאפט, איז די פיגור פונ איבערכאזערונג די גרונט־סטיכיע פונ שאָלעמ־אלייכעמס סטיל ביכלאל. אפ א געניאלסטנ אופנ האָט דאָ שאָלעמ־אלייכעמ באוויזנ צונויפצושמעלצנ אונ איבערשמעלצנ אויכ די דאָזיקע אייגנשאפטנ פונ דער פאָלק־שפראכ אונ דערהייבנ זי צו ליטעראַרישנ סטיל.

ריידנדיק וועגנ גאָגלס סטיל זאָגט אנדריי בעלי:

„די איבערכאזערונג בא גאָגאָלנ — דאָס איז דער סטיל־פאָנ, געגעבנ אינ דער אויסמאָלונג פונ אנדערע רייד־פיגורנ; אונ ווי א קאָלאָנאדע פונ דער גריכישער ארכיטעקטור באַדינגט זי שוינ אלצ דאָס איבעריקע; אויב די איבערכאזערונג איז ניט דערלערנט, איז גאָרניט ניט דערלערנט" [1]).

דאָס איז אינגאנצנ צוגעפאסט אויכ צו שאָלעמ־אלייכעמענ. אונ ניט צופעליק איז אינעמ צעטל נעמענ פונ ניט יידישנ שרייבער, וואָס האָבנ געווירקט אפ אימ: היינע,

[1]) А. Белый. Мастерство Гоголя, 1934.

סווּיפט, טעקערייַ, דיקענס און סערוואַנטעס, שטעלט שאָלעם־אַלייכעמ׳ גאָגאָלן אַפן ערשטן אָרט [1].

„באַ אונדז אין בעסאַראַביע, הערט איר, זייַנען גאָר אַנדערע מענטשן! באַ אונדז אין בעסאַראַביע עסט מען גאָר אַנדערש... באַ אונדז אין בעסאַראַביע, אַז מע זעצט זיך עסן, דערלאַנגט מען, הערט איר, צו אַלעמ׳ ערשטן די שיינע פיש פונעם שיינעם טייַך. נאָכדעם „קאָדע״, דאָס גוטע, דאָס פעטע שטיקל „קאָדע״. נאָכדעם גיט מען אַף דעם גרויסן טעלער די שיינע די ריינע מאַמעליגע, וואָס מע שנייַדט עס מיטן גרויסן פאָדעם אינדערברייט, נאָכדעם דערלאַנגט מען די פרישע די הייסע פּאַמפּושקעס, און מע פאַרטרינקט מיט דעם עמעסן ריינעם בעסאַראַביער ווייַן, און מע פאַרבייַסט מיט דעם רעכטן דעם גוטן נאַהוט... אַזאַ מין אַרבעס... און דער באַלעבאָס בעשאַס מייַסע באַלעקט זיך און מאַכט מיר אַן אַפּעטיט צום עסן״ (קאַסרילעווקער האָטעלן).

צי רופט זיך עס ניט איבער אַזוי גלענצנד מיט גאָגאָלס באַוווּסטן פערסאָנאַזש פּיאָטר פּעטראָוויטש פּעטוך, וואָס באַשטעלט „קולעביאַקע״? „און וויַאַזוי באַשטעלט ער עס? באַ אַ טויטן קאָן עס דערוועקן אַפּעטיט״.

פונקט ווי באַ גאָגאָלן, פילט אויס באַ שאָלעם־אַלייכעמען די איבערכאַזערונג די סאַמע פאַרשיידנסטע פונקציעס. אַזוי נוצט שאָלעם־אַלייכעמ׳ אַלס אַ מיטל פון כאַראַקטעריזירן אַ פּערסאָנאַזש דורך איבערכאַזערן אַלעמאָל דעם אייגננאָמען פונעם פערסאָנאַזש. אַזוי מאָלט ער, אַשטייגער, אַ יינגל — אַ „כוואַט״:

„אַזוי זאָגט א ב ר א מ ט ש י ק. א ב ר א מ ט ש י ק ווייסט. א ב ר א מ ט ש י ק גייט אין כיידער. ...וואָס א ב ר א מ ט ש י ק דערציילט זיך אָן פאַר כידושים פונעם כיידער! א ב ר א מ ט ש י ק דערציילט... א ב ר א מ ט ש י ק שווערט... אַלצדינג ווייסט א ב ר א מ ט ש י ק. אַלצדינג! ס׳איז דען דאָ אַ זאַך אַף דער וועלט, וואָס א ב ר א מ ט ש י ק זאָל נישט וויסן?״ (דרייַ קעפּלעך).

דאָס זעלבע אַ יידענע אַ „קאָזאַק״:

„אַזוי טייַנעט מיט אים די מ ו מ ע ט ו י ב ע פון באַרדיטשעוו. דער מ ו מ ע טויבע איז געפעלן... דער מ ו מ ע ט ו י ב ע איז ניט געפעלן. פון וואַנען ווייסט זי דאָס? די מ ו מ ע טויבע ווייסט, די מ ו מ ע ט ו י ב ע האָט אַן אויג. די מ ו מ ע ט ו י ב ע האָט זיך געגעבן די מי...״ א. אז. וו. א. אז. וו. (פונעם יאַריד).

ס׳איז אויך באַוווּסט ווי באַ שאָלעם־אַלייכעמען איז פאָרגעשטעלט דורך איבערכאַזערונג די סטיליזירטע שפּראַך־באַריידעוודיקייַט, דער רייד־פּאַראַזיטיזם, דער פּלעאָנאַזם, מיטן צוועק אופצורייַסן טאַקע דעם דאָזיקן ריידשטייגער:

„— טאָמער וואָלסטו געגאַנגענע זיך וואַשן און עפּעס נעמען אין מויל אַרייַן? טאָמער וואָלט שוין געוועזן גענוג זעק? דייַנע זעק ליגן מיר שוין אָט־אָ־דאָ־אָ! כאַפּט דער רוועך די זעק! מע באַדאַרף זיך טאַקע נעמען דאָס לעבן

[1] שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו ראַווניצקין, זאַמלונג צום אָנדענק פון שאָלעם־אַלייכעמען, 1917, ז. 97.

פונ די זעק? אזוי ווי מיט די זעק, אזוי איז אָנ די זעק! נא דיר אנ אייסעק מיט זעק! זעק־זעק! זעק־זעק!

ווייסטו וואָס, מײַנ ווײַב? זאָג איכ צו איר. — טאָמער וואָלט שוינ געווענ גענוג זעק? סע זעקט מיר שוינ אזוי אויכ גוט אינ קאָפּ, קומסטו צוגיינ אונ זאלצסט מיר אפ די ווונדנ: זעק־זעק! זעק־זעק!.. איר פארשטייט, צי נײנ? עפשער געפינט זיכ בא אײַכ נאָכ א זאק... טפו! מיינ איכ א פּאפּיראָס?" פינפ אונ זיבעציק טויזנט).

די דאָזיקע באריידעוודיוקײַט גייט דורכ, ווי באוווסט, ווי א רויטער פאָדעמ אינ אלע נאָוועלנ אונ מאָנאָלאָגנ, באזונדערס אינ די, וואָס זײַנענ געוואָרנ א סימוואָל פונ באריידעוודיקײַט, ווי „דאָס טעפּל", „גענדז", ווו ס'איז נאָר גענוג איבערצורע־כענענ די „טעזיסנ" אזוי צו זאָגנ, לויט וועלכע דער דאָזיקער מאָנאָלאָג איז קאָמפּאנירט:

„איכ האנדל מיט גענדז..." „אײַנקויפנ גענדז...", ווו קויפט מענ גענדז?", „אײַנקויפנ גענדז... אײַנגעקויפט די גענדז", „פארוואָרפנ גענדז, פארוואָרפנ די גענדז, אוי, א פּארנאָסע גענדז!" „שמאלצ פונ די גענדז", „די אָבדירקעס פונ די גענדז", „מע האָט פונ די גענדז!..." (גענדז).

דאָס איז מיט באריידעוודיקײַט. אונ אָט ווי שאָלעמ־אלייכעמ גיט אונדז דורכ איבערכאזערונג אויכ א מוסטער פונ א גאנצער קייט שטאמפּירטער, פארגליווערטע איינמאָל אפ אלע מאָל פארכאזערטע רייד. דאָס איז דער רייד־שטייגער פונ די רעבּ יויזעפּלעכ אונ ראכמיִעל־מוישעס, וואָס אז זיי פארגעסנ איינ רינגעלע פונ דער דאָזיקער קייט, בלייבנ זיי שטיינ „ניט אהינ אונ ניט אהער". אָדער, אויב זיי געלינגט יאָ צו פארענדיקנ די גאנצע קייט קענענ זיי קיינ נײַס ניט זאָגנ אונ זיי מוזנ זיכ אומקערנ נאָכאמאָל צומ אָנהייב אונ איבערכאזערנ דאָס שוינ געזאָגטע:

„— א גוטנ יאָנטעוו! זאָגט ער אונ קושט נאָכאמאָל די מעזוזע. — גאָט זאָל העלפנ דערלעבנ איבעראיאָר, אונ מע זאָל זײַנ געזונט אונ מע זאָל גייִנ איינער צומ אנדערנ אפ סימכעס, אינגיכנ אפ א כאסענע בא אײַערע טעכטער, אונ נאָכדעמ, אימירצעשעמ, בא אייער זונ, אונ יידנ זאָלנ אויסגעלייזט ווערנ פונ אלע צאָרעס. אונ מע זאָל הערנ פּסורעס טויוועס, יעשועס ווענעכאָמעס אפנ קלאל יידנ, וואָרעמ ס'איז שוינ צײַט, גאָט זאָל עפּעס ראכמאָנעס האָבנ, יידנ זאָלנ אופגעריכט ווערנ, אונ ס'זאָל זיכ פארבעסערנ די פּארנאָסעס, אונ ס'זאָל גלאט עפּעס ווערנ גוט אפ דער וועלט אונ פריילעכ אפנ הארצנ, אונ ס'זאָל זײַנ... ס'זאָל ווערנ... ס'זאָל... ס'זאָל...

ראכמיִעל־מוישע דער מעלאמעד ווייסט שוינ אליינ ניט, וואָס ס'זאָל זײַנ אונ וואָס ס'זאָל ווערנ. ער האָט שוינ, דאכט זיכ, אויסגעשאָטנ אלצדינג, וואָס ער האָט געהאט, איז ער געבליבנ שטיינ ניט אהער אונ ניט אהינ; וויאזוי גייט מענ אוועק גלאט אזוי, אינמיטנ דרינענ, אָנ א זײַ־געזונט? א גליק, וואָס ער האָט זיכ דערמאָנט:

— אונ ס'זאָל... קומענ מאָשיִעכ!

— אָמיינ! — האָט אימ געענטפערט יִסראָעל דער שאמעס, אונ אינ הארצנ בא זיכ האָט ער געטראכט: לאָז פריִער מײַנ ביניאָמינ ענדיקנ דאָקטער, אונ נאָכדעמ זאָל קומענ מאָשיִעכ..." (א וויגרישנע ביִלעט).

רעב יויזעפֿל פּארלירט שוין ניט קיין רינגעלע פֿון דער קייט; אָבער אז די דאָ־ויקע קייט לאָזט זיך אויס, מוז ער אָנהייבן נאָכאמאָל פֿון אָנהייב:

„...אז אַלע האָבן זיך גוט אָנגערעדט, אָנגעשריגן און אָנגעקריגט און ס׳איז געוואָרן שטיל, האָט זיך רעב יויזעפֿל אָנגערופֿן צו ביידע צדאָדים פּאוואָליע, בעני‌מעס, ווי זיין שטייגער איז, מיט א זיפֿצל:

— אָך־אָך־אָך! גייט אזא יאָנטעוו, אזא הייליקער יאָנטעוו פּייסעך! א קליי־ניקייט — פּייסעך! אונדזערע עלטערנ׳ס זיינע ארויסגעגאנגען פֿון מיצראַים, אריבערגעגאנגען דעם יאם, אזא יאם, אין דער טריקעניש! געבלאָנדזשעט אין דער מידבער פֿערציק יאָר, פֿערציק יאָר! מעקאַבל געווען אָפּן בארג סיניי די טוירע, אזא טוירע, צום סאָף, אוי, צום סאָף קריגן זיך יידן, בא אוווינוסיינו האָראַבים, רייסן זיך בא די בערד, איבער וואָס? איבער נארישקייטן, שטר־סערייען... מע זאָל בעסער אין זינען האָבן מאָעסכיטן, אָרעמעלייט נעבעך האָבן נאָך נישט קיין מאצעס אָפּ פּייסעך; פֿון אייער און פֿון שמאַלץ און פֿון שאָ־יעראָקעס שמועסט מען ניט, — מאצעס כאָטש, גוואַלד, מאצעס אָפּ פּייסעך! א קלייניקייט — פּייסעך! אזא יאָנטעוו! אונדזערע עלטערנ׳ס זיינע ארויסגע־גאנגען פֿון מיצראַים, איבערגעגאנגען דעם יאם, אזא גרויסן יאם, אין דער טריקעניש! געבלאָנדזשעט אין דער מידבער פֿערציק יאָר, פֿערציק יאָר! מע־קאַבל געווען אָפּן בארג סיניי די טוירע, אזא טוירע! אזא טוירע!...“ (צוויי שאָלעכמאָנעסן) א. אז. וו., א. אז. וו.

אָבער באנאנד מיטן דאָזיקן טיף איבערכאזערונג, וואָס וויזט גיבער שאָלעם־אַלייכעמס מייסטערשאפֿט צו רעדן מיט דער שפּראך פֿון זיינע פּערסאָנאזשן און וואָס האָט דעם צוועק, ווי געזאָגט, אופֿצורייסן דעם דאָזיקן ארט ריידן, דארף מען קעגנ־שטעלן א צווייטן טיפּ פֿון איבערכאזערונג, וואָס ליגט אויך אין פֿלאך פֿון פֿאָלקס־טימלעכן אויפֿן פֿון שילדערן און דערציילן, און וואָס האָט שוין גאָר אַן אַנדער פֿונקציע, — צו פֿארשטארקן, באטאָנען, צו מאכן עמאָציאָנעלער, קלאָרער און דורכ־זיכטיקער דאָס גאנצע שפּראך־געוועב.

אָט איז געקומען א דערשלאָגענע פֿרוי אָפּ איר מוטערס קייווער אויסוויינען זיך און אויסדערציילן איר איר ביטער האַרץ:

„זאָלסט אופֿשטיין, מאמעניו טייערע מיינע, האַרציקע, געטריישע, און א קוק טאָן אָפּ דיין אייניקל, אָפּ דיינ׳ אַייניקל באסיעכידע, אָפּ דיין ציטעריקער סאָרע־פּערל, וואָס איז געווען בא דיר דער שוואַרצאפּל פֿונעם אויג, וויאַזוי זי ליגט איצט אין דער ערד, אוי ווי איז מיר, וואַלגערט זיך אין שכיינעס מיט קליינע קינדער פּיסקליאטעס, וואָס גייען נאקעט, קיין העמדעלע אָפּן לייב, וואָרעם ער קרענקט קעסיידער, יסראָלעק דיינער, פֿון זינט ער האָט זיך צוגעקילט דעמלט אָפּן יאריד קרענקט ער און דאָקטערט זיך.

מע דארף אים געבן מילך, איז ניטאָ! און די קינדערלעך נעבעך שרייען אויך „מאָני“, און ס׳איז ניטאָ! און דירע־געלט מאָנט מיך הענזל דער שניידער, בא אים זיצ איך היינט, און ס׳איז ניטאָ! און פֿאר הערשלען סכארלימעד, ער ווערט היינטיקס יאָר בארמיצווע, דארף מען צאָלן נאָך כאָטש יענעם זמאַן, און ס׳איז ניטאָ! צו וואָס מע נעמט זיך איז ניטאָ, ניטאָ און ניטאָ!..“ (ניטאָ קיין מייסים).

אָט דער דאָזיקער „איז ניטאָ", וואָס כאַזערט זיך איבער קימאַט ווי א רעפרען — דאָס איז שוין גאָר ניט קיין באַריידעוודיקייט. די פונקציע זײַנע איז דאָ אונטער־צושטרײַכן די האָפענונגלאָזיקייט, און צו שילדערן די שרעקלעכע נויט און דער־שלאָגנקייט. די פאַרשיידנסטע עפּיטעטן, די שוואַרצסטע פאַרבן זײַנען ניט אימשטאַנד איבערצוגעבן אָט די דאָזיקע שרעקלעכע נויט און דאַכקעס, וואָס „צי וואָס מע נעמט זיך — איז ניטאָ, ניטאָ און ניטאָ!..", ווי שאָלעם־אַליכעם דערגרייכט עס דאָ בלויז מיטן פּאָשעטן איבערכאַזערן „ס'איז ניטאָ".

דאָס זעלבע, ווען טעוויע דערציילט וועגן זײַן שמועס מיט לייזער־וואָלף דעם קאַצעוו:

„נאָר ס'איז אומזיסט, זאָג איך, אײַער טירכע, עס וועט נ י ש ט ג י י ן, רעב לייזער־וואָלף, עס וועט נ י ש ט ג י י ן" (טעוויע דער מילכיקער).

און אפילו אזא איבערכאַזערונג ווי:

„איר זאָלט וויסן, הער איר, וו אָ ס ד אָ ס א י ז פאַר א האָדל, ד אָ ס א י ז". איז שוין בא טעוויען אין מויל ווײַט ניט קיין געוויינלעכע באַריידעוודיקייט, נאָר מער — אַן עמאָציאָנעלע אונטערשטרײַכונג.

א) „זיץ איך פאַרטראַכט, ווי דער שטייגער איז, אין הימלזאַכן, פון דעם, פון יענעם, און פון די יעהופּעצער נעגידים, וואָס עס גייט זיי, קיין אײַנהאָרע, א ז ו י ג ו ט, א ז ו י ג ו ט!" (טעוויע).

ב) „גאָט איז מיט דיר, זאָג איך, טאָכטער מײַנע, וואָס ווייַנסטו?

— אוי, זאָגט זי, ט א ט ע, ט א ט ע! און באַוואַשט זיך מיט טרערן.

— וואָס איז דיר, טאָכטער, זאָג מיר, וואָס איז דיר געשען? — זאָג איך צו איר און 'נעם זי אַרום, גלעט זי, האַלדז זי, קוש זי און זי אין איין קאָל: — ט א ט ע, ט א ט ע, האַרציקער, געטרײַער!" (טעוויע).

אַף דעם זעלביקן אויפן דריקט קאַסרילעווקע אויס איר פּראָטעסט קעגן דעם אומרעכט, וואָס ס'איז באַגאַנגענע געוואָרן קעגן דרייפוסן:

„בלאַט־שמאַט! — שרײַט קאַסרילעווקע. — און אַז וועסט זיך שטעלן אָט דאָ מיט איין פוס אַפן הימל און מיט דער אַנדערער אַף דער ערד — וועלן מיר דיר גלייבן? ס'איז א זאַך, וו אָ ס עס ק אָ ן נ י ט ז ײַ ן; עס ק אָ ן נ י ט זײַן; עס קאָן ניט זײַן! עס ק אָ ן נ י ט ז ײַ נ" (דרייפוס אין קאַסרילעווקע).

און אָט די דאָזיקע איבערכאַזערונג דאַרף מען אונטערשיידן באַנאַנד מיט דער באַריידעוודיקייט אפילו אין די מאָנאָלאָגן, וואָס זײַנען געוואָרן א סימוואָל פון באַריידעוודיקייט. אזוי איז עס, אשטייגער, אינעם „טעפּל":

„וואָרעם קיין פאַרדינער, זאָל ער מיר מויכל זײַן, איז ער דאָך ניט געווען, נאָ ר ג ע ז ו ע ס נ א ו נ ג ע ל ע ר נ ט, ג ע ז ו ע ס נ א ו נ ג ע ל ע ר נ ט, און געהאָרעוועט האָב איך".

און אויך די דאָזיקע איבערכאַזערונג טרעפן מיר בא שאָלעם־אַליכעמען ניט נאָר אין די ראַמען פונעם באַזונדערן זאַץ אָדער פראַזע, מיר טרעפן בא שאָלעם־אַליי־כעמען גאַנצע ווערק, וואָס זײַנען דורכויס געבויט לויט דער דאָזיקער איבערכאַזערונג. אזוי איז עס, אשטייגער, אין „שיר־האשירים":

„און א שטורעם הייבט זיך אויף בא מיר אין קאָפּ און א פֿײַער אין הארצן, א פֿײַער ניט אף קיינעם, נאָר אף זיך אליין. אף זיך און אף יענע כאָלוימעס, נארישע, יינגלישע, גאָלדאָנע כאלוימעס, וואָס צוליב זיי האָב איך פארלאָזן טאטע־מאמע. צוליב זיי האָב איך פארגעסן אָן בוזין. צוליב זיי האָב איך מאקריוו געווען א שטיק פון מײַן לעבן, פֿארשפּילט מײַן גליק, פֿארשפּילט, פֿארשפּילט אף אייביק!

פֿארשפּילט? ניין. עס קאָן ניט זײַן. עס קאָן ניט זײַן! אָט בין איך דאָך געקומען, באצײַטנס געקומען... לאָמיך נאָר בלײַבן מיט בוזין אליין. לאָמיר נאָך רעדן מיט איר א פּאָר ווערטער. נאָר ווי קאָן איך רעדן מיט בוזין א פּאָר ווערטער, אז אלע זײַנען דאָ? אז אלע זײַנען זיי ארום מיר? אלע באטראכטן מיך, ווי א בער, ווי א באשעפעניש פון אן אנדער וועלט. אלע ווילן מיך זען און הערן, וואָס איך מאך און וואָס איך טו — אזא צײַט ניט געזען זיך!“ (שיר האשירים).

אָדער:

„בוזי האָט געוויינט.

בוזי האָט געוויינט — און די גאנצע וועלט האָט זיך אָנגעקליידט אין טרויער. די זון האָט אויפגעהערט צו שײַנען. דאָס טײַכל — צו לויפן, דאָס וועלדל — צו גרינען. די פֿליגעלעך — צו פֿליִען. די פֿייגעלעך — צו זינגען.

בוזי האָט געוויינט. זי האָט באהאלטן דאָס פּאָנעם אין די הענט. אירע פּלייצעס האָבן אויפגעציטערט. און זי האָט געוויינט אלעמאָל שטארקער און שטארקער...

אזוי וויינט א קליין קינד, וואָס דערפֿילט, אז עס האָט פארלאָרן טאטע־מאמע.

אזוי וויינט א געטרײַע מוטער אף איר קינד, וואָס מע האָט עס בא איר צוגענומען.

אזוי וויינט א יונגפרוי, וואָס באקלאָגט איר באליבטן, וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פון איר.

אזוי וויינט א מענטש, וואָס באקלאָגט זײַן אייגענע וועלט, וואָס האָט זיך ארויסגעגליטשט פון אונטער זײַנע פֿיס.

(שיר האשירים).

ווי געזאָגט, איז גאנץ „שיר־האשירים“ געבויט דורכויס לויט דעם דאָזיקן פּרינציפּ פון איבערכאזערונג. וועגן דער באדײַטונג פון דער דאָזיקער איבערכאזערונג האָבן מיר שוין גערעדט פריִער. דאָ גייט עס נאָך צו דער גאנצער דערציילונג אזא לירישׂ־עמאָציאָנעלע באפארבונג.

שאָלעם־אליינעם האָט ביכלאל ליב א שפּיל טאָן מיטן וואָרט. מיט דער הילף פון איבערכאזערונג קריגט ער אָפטמאָל ארויס די פארשיידנסטע באטײַטן און שאטירונגען פון איינעם און דעמ זעלביקן וואָרט:

א) „דער איקער איז דער מענטש, דאָס הייסט, אז דער מענטש איז א מענטש“ (טעוויע).

ב) „וואָרעם „מענטשן“ זײַנען אויך מענטשן“ (מענטשן).

ג) „געלט, פארשטייט איר מיכ, האָט אינ זיכ א קויעכ — ס'איז געלט"!
(כאבנע).

ווו דאָס צווייטע מאָל קומט דאָס זעלביקע וואָרט אלס טייל פונ פרעדיקאט אונ באקומט אזוי ארום אנ אנדער ניואנס.

א) „נאָר אז גאָט, זאָג איכ, האָט געקאָנט טאָנ אזא נעס, אז מיר זאָלנ האָבנ א בעהיימע, וועט ער מיסטאמע זענ, אז די בעהיימע זאָל זײַנ א בעהיימע".
(טעוויע).

ב) „אז וויפל איר וועט באצאָלנ, האנדלט איר א מעציע! ווייסט איר פארוואָס? וואָרעמ אז איר קויפט אוועק בא מיר די ציג, האָט איר א ציג..."
(דער פארקישעפטער שנײַדער).

„זײַנ כאווער פיניע זאָגט, אז שולדיק איז מיסטאָמע דער זייגער, ניט דער פעטער שנייער. וואָרעמ מימאָנעפשעכ: איז דער זייגער א זייגער, וועט אימ דאָכ יעדער זייגערמאכער קאָנענ צורעכט מאכנ, עלע וואָס דענ דער זייגער אליינ איז קיינ זייגער ניט, הײַנט וואָס וועט אימ העלפנ דער זייגער־מאכער? (מאָטל).

אזוי איז ניט נאָר אינ די ווערק זײַנע, נאָר אויכ אינ די פריוואט־בריוו, וואָס זײַנענ מיינסטנס געבויט אינ דעמ סטיל פונ זײַנע ווערק. אזוי שרײַבט שאָלעמ־אלייכעמ אינ א בריוו צו מענדעלענ:

„מײַנ טײַערער געטרײַער הארציקער זיידע־לעבנ!

זײַט וויסנ, אז איכ מיט מײַנ ווײַב קלײַבנ זיכ אימירצעשעמ הײַנטיקנ זו־מער צו פאָרנ קיינ אָדעס ווי געוויינלעכ. ארויספאָרנ וועלנ מיר אינ דער געוויינלעכער צײַט אונ פארפאָרנ אפ דער געוויינלעכער סטאנציע אונ שטיינ א געוויינלעכנ צאָל טעג. זיצנ זיצנ מיר לעסאטע דאָ אפ דער געוויינלעכער דאטשע אונ זײַנענ פארנומענ מיט געוויינלעכער אר־בעט. די געשעפטנ גייענ ווי געוויינלעכ, די דריטע „ביבליאָטעקע" וועט מיסטאמע אויכ ארויסגיינ אינ דער געוויינלעכער צײַט מיטנ געוויינלעכנ מאטעריאל. קיינ בריוו פונ אײַכ האָב איכ ניט ווי געוויינלעכ, אונ רעכנ, אז געוויס איז אײַכ אפנ הארצנ ווי געוויינלעכ... מאכמעס מיר איז אויכ שטארק אָנגעזאָלעט די לעצטע צײַט, עפעס ווי איכ וואָלט געהאלטנ בא אוועקגיינ פונ דער וועלט, כ'לעבנ, נאָר מיסטאָמע וועלנ מיר דאָכ אלע שטארבנ אינ דער געוויינלעכער צײַט! — — — זײַט זשע מיר געזונט, גריסט אײַער הויז־געזינד אונ אלע אונדזערע געוויינלעכע פרײַנט אונ שרײַבט ענטפער. אײַער פארזאָרגט אייניקל שאָלעמ־אלייכעמ". (זאמלונג צומ אָנדענק פונ שאָלעמ־אלייכעמ).

אונ אזוי ארומ באקומט שאָלעמ־אלייכעמ ארויס דעמ „ניט־געוויינלעכנ" באטײַט פונעמ וואָרט „געוויינלעכ".

די איבערכאזערונג מיט איינ אונ דעמ זעלבנ וואָרט פילט אויס בא שאָלעמ־אלייכעמענ די פונקציע פונ איבערגעבנ אפ פאָלקסטימלעכנ מאניר די מענגיקײַט פונ קעגנשטאנדנ, שטארקײַט אונ דויערהאפטיקײַט פונ דער טוונג, פונעמ צושטאנד אָדער אומשטאנד א. ד. גל.:

א) „זײַן גאַנצער גאַרדעראָב באַשטייט פֿון אַ פּאָר העמדער, איין פּאָר זאָקן, אַ טפֿילין־זעקל, אַ סידורל און ב י כ ע ר, ב י כ ע ר, ב י כ ע ר" (פֿונעם יאַריד).
ב) „אַז איך האָב מיך צעוויינט, האָב איך ג ע ו ו י י נ ט און ג ע ו ו י י נ ט" (טעוויע).
„סטײַטש, זאָגט זי, מע זיצט אָפּ מיט אַ מענטשן אַ גאַנצן מעת־לעת און מ ע ר ע ד ט און מ ע ר ע ד ט און מ ע ר ע ד ט, לעסאָף קומסטו צוגיין און פֿרעגסט בײַ מיר מיט וואָס ער האַנדלט?" (טעוויע).
ג) „דאָס לאָזט זיך ניט, זאָגט זי, פֿאַרשטייט מיטן שׂכל אַליין, דאָס דאַרף מען, זאָגט זי, פ י ל ן, פ י ל ן מיטן האַרצן" (טעוויע).
ד) „קליינע, קליינע מענטשעלעך"!.. (די שטאָט פֿון די קליינע מענטשעלעך).
ה) „ער האָט זיך באַהאַלטן בײַ זיך אין ביידער, פֿאַרגראָבן דאָס פּנים אין קישן און געוויינט מיט ב י ט ע ר ע ב י ט ע ר ע טרערן..." (פֿונעם יאַריד).
ו) און עס איז אים גאָר אויף די געדאַנקען ניט געקומען, אַז אָט־אָ־דאָ, אויף דעם אָרט וווּהין ער פֿאָרט אַצינד, ווערט דאָס פֿאַרזיגלט זײַן גליק אויפֿן ג אַ נ צ ן, ג אַ נ צ ן לעבן... (פֿונעם יאַריד).
אַמאָל דינט די דאָזיקע איבערכאַזערונג צוליב איבערגעבן עמאָציאָנעלן אָנ־ווּקס אָדער צוליב פֿאַרשטאַרקונג פֿון אַ געוויסער שטימונג:
א) „אַ מ׳עסע זאַך — הונגערן. אכוץ, וואָס עס ציט דאָס האַרץ און עס ציטערן הענט און פֿיס — איז דער ב י ז אָ י ע ן, דער ב י ז אָ י ע ן".
ב) „עס איז אים געוועזן אַ ב ע ז אָ י ע ן, אַ ב ע ז אָ י ע ן פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר די מענטשן" (פֿונעם יאַריד).
ג) „נאָר וואָס קומט אַרויס פֿונעם דאַווענען און פֿונעם זאָגן, אַז אינעווייניק אינעם האַרצן זינגט זיך אַן אַנדער ניגון. „כאַ־ווע! כאַ־ווע! כאַ־ווע!... (טעוויע).
אָפּטמאָל ווערט צוליב די אויבן דערמאָנטע צוועקן גענוצט די איבערכאַזערונג אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן:
א) „און קום אַרײַן צוריק אין שטוב אַרײַן, באַגראָב זיך און ליג אין געהאַקטע ווּנדן און ד ע ר ק אָ פּ — ד ע ר ק אָ פּ ווערט מיר שיער ניט צע־שפּרונגען" (טעוויע).
ב) „און צו די צרות דאַרף זי נאָך האָבן אַ קאָפּ אויך, שרײַבט און לייענט ייִדיש און רוסיש און ב י כ ל ע ך — ב י כ ל ע ך שלינגט זי, ווי האַלעש־קעס" (טעוויע).
ג) „סע קלאַפּט אין סע קלינגט און סע פּײַפֿט, און סע טראַסקעט, און מ ע נ ט ש ן — מ ע נ ט ש ן אַזוי ווי מאָן, אַזוי ווי מורעשקעס" (מאָטל).
אָפּטמאָל ווערט די דאָזיקע איבערכאַזערונג צוליב באַטאָנונג פֿאַרשטאַרקט מיט ספּעציעלער פֿרעגיקער אָדער אויסרופֿיקער אינטאָנאַציע:
א) „יאָ, מאַכט ער, רעב טעוויע, איר זאָגט דאָס גאַנץ גלײַך; די מאַקע איז טאַקע אַ מאַקע, נאָר ד ע ר ב ל אָ ט ע ר, זאָגט ער, א ו י, ד ע ר ב ל אָ ט ע ר איז ערגער פֿון דער מאַקע!" (טעוויע).
ב) „גאָט האָט ל י ב ש פּ י ל ן ז י ך מיט אַ מענטשן. א ו י, האָט ער ל י ב שפּילן זיך!" (טעוויע).

ג) „הערנ שפּילנ האָט ראָכעלע ליב געהאט — אוי, האָט זי דאָס ליב געהאט!" (סטעמפּעניו).

ד) „און די ווײַבער? פֿון די ווײַבער איז גאָר נישטאָ וואָס צו ריידנ"! (סטעמפּעניו).

ה) „און סטעמפּעניו? ווער סטעמפּעניו? וואָס סטעמפּעניו? פרעגט אימ בעכיירעמ, ווו ער איז אינ דער וועלט? ער טוט זיך זײַנס: טיאָכ־טיאָכ־טיאָכ — אונ גענוג" (סטעמפּעניו).

מיר טרעפנ אויך אנ איבערכאזערונג, וואָס געהער אויך ניט צו באריידעוודיקײַט, נאָר צו שילדערנ די ספּעציפישע ריידארטיקע עקספּרעסיע פֿונעמ פּערסאָנאזש:

„אזוי לאנג קרענקעג זיי! — מישט זיך ארײַנ מײַנ שוועגערנ בראָכע, — זיי זאָלנ אפילע אופלויפנ, וועל איך זיי זאָגנ קאצעוו, קאצעוו אונ קאצעוו!" (מאָטל).

אָפטמאָל ווערט צוליב באטאָנונג איבערגעכאזערט די זעלבע וואָרטגרופּע אָדער פראזע אינ אנ איבערגעשטעלטנ סיידער:

א) „אכט ווערסט?! — האָבנ אויסגעשריגנ די ווײַבער מיטאמאָל, געבראָכנ די הענט אונ שיר נישט צעוויינט זיך אזש. סטײַטש, וואָס רעדט איר? איר ווייסט וואָס איר רעדט? א ווערטעלע אויסצורעדנ — אכט ווערסט?!" (טעוויע).

ב) „עס איז מיר געקומענ אפנ געדאנק, פארשטייט איר, טאקע די אייגענע האָדל, בעשאס זי איז נאָכ געווענ א ברעקל... א קינד הייסט עס... זי געהאלטנ אפ די הענט... אפ די הענט געהאלטנ (טעוויע).

ג) „ער זיפצט נאָר אונ קרעכצט נאָר, אונ פרעגט: „וואָס טוט מענ מיט די קינדער? מיט די קינדער וואָס טוט מענ? (פֿונעמ יאריד).

ד) „ווו קריגט מענ ערגעצ וואסער? האָט געפרעגט כאָסנסצאד. וואסער ווו נעמט מענ? האָט געענטפערט קאלעסצאד!") (סטעמפּעניו).

ה) „ווו זײַנענ די קלעזמער? פרעגט כאָסנסצאד.
די קלעזמער ווו זײַנענ? ענטפערט קאלעסצאד" (סטעמפּעניו).

אָפטמאָל ווערט נאָכ די דאָזיקע איבערכאזערונג מיט איבערגעשטעלטנ ווערטער־סיידער פארשטארקט מיט ספּעציפישער אינטאָנאציע:

א) „אונ איך כאפּ א קוק אפ מײַנ שפּרינצענ — זי שווײַגט, נאָר די אויגנ אירע רעדנ, אוי, רעדנ זיי!" (טעוויע).

ב) „ער איז גליקלעך מיטנ ליגנ... גליקלעך, וואָס בא זיי וועט אמאָל זײַנ א גוטער טאָג, כאָטש איינ טאָג א גוטער" (פֿונעמ יאריד).

ג) „ס'זאָל זײַנ שטארק גוט, זע איך ניט. דעריבער שווײַג איך. איך שווײַג, אונ ער קאָכט זיך. ער קאָכט זיך, אונ איך שווײַג". (מאָטל).

אונ אָט וויאזוי שאָלעמ־אלייכעמ פֿירט דורכ פאר אונדזערע אויגנ מיט דער הילפ פֿונ דער דאָזיקער איבערכאזערונג א גאנצע בילדער־גאלעריי, מאמעש ווי אפ א קינאָ־עקראנ:

„פלוצעמ עפנט זיך אופ די טיר, אונ איך דערזע דעמ טאטנ מיטנ רעבנ

רעב איצינ, אונ עס ווערט מיר פינצטער אינ די אויגנ. וואָס דער טאטע האָט געקלערט, בעשאס ער האָט מיכ דערזענ טאנצנ מיט „כעוורע" אינ קאָנ ווייס איכ ניט. איכ האָב נאָר געזענ, אז ער איז געבליבנ שטיינ צוגעקאָוועט צומ אָרט, געקוקט אפ מיר, אפ דער „כעוורע" אונ אפנ רעבנ; דער רעבע האָט געקוקט אפ מיר, אפ דער „כעוורע" אונ אפנ טאטנ; איכ האָב געקוקט אפנ טאטנ, אפ דער כעוורע אונ אפנ רעבנ... אונ „כעוורע" האָבנ געקוקט אפנ טאטנ, אפנ רעבנ אונ אפ מיר... קיינער פונ אונדז האָט ניט געקאָנט אויס-רעדנ א וואָרט"... (באמ קעניג אכאשוויירעש).

צו דער איבערכאזערונג-פיגור געהער אויכ די קאָנסטרוקציע, וואָס ס'איז אזוי ברייט פאָרגעשטעלט בא שאָלעמ-אלייכעמענ, — די קאָנסטרוקציע מיטנ פארשטארקנ-דיקנ אינפיניטיוו בא פארשיידענע ווערבנ, קעדיי איבערכאזערנ אונ פארשטארקנ די טוונג, וואָס איז אויסגעדריקט אינעמ פרעדיקאט. אמאָל דינט עס אויכ צוליב אנקעגנשטעלונג:

א) „אונ לערנענ האָט ער זיכ געלערנט בעסער פונ אלע קינדער" (פונעמ יאריד).

ב) „פארדריסנ פארדריסט מיר נאָר איינ זאכ" (טעוויע).

ג) „עסנ עסט מענ מאקעס מיט בכוירעס, אונ פארבייַסנ פארבייַסט מענ מיט קאדאָכעס" (טעוויע).

ד) „הייסנ הייסט ער הערשל, נאָר מאכמעס ער האָט א גאָלי אפנ שטערנ האָט מענ אימ א נאָמענ געגעבנ „וואשטי" (מאָטל).

די דאָזיקע איבערכאזערונג טרעפנ מיר שוינ אלס קאָנסטרוקטיווע קראפט אינ די גאָר פריִע ווערק שאָלעמ-אלייכעמס. אינ דער דאָזיקער ריכטונג גייענ אויכ שאָלעמ-אלייכעמס ענדערונגענ פונ אויסגאבע צו אויסגאבע:

| ערשטע רעדאקציע | לעצטע רעדאקציע |
| --- | --- |
| א) א לאנגער, אנ אומענדלעכער שלאָפ!" [1] | „א לאנגער, לאנגער שלאָפ!" |
| ב) „איכ נעמ די געמאָרע אונטער דער האנט אונ גיי מיר אינ כיידער אריַינ מיט א ריינ, גרינג הארצ, מיט א לויטער קעפל, מיט פרישע, ליכטיקע געדאנקענ, אונ א גרויסע וועלט שטייט נאָכ פאָר פאר מיר." [2] | „איכ קוועטש צו די געמאָרע צומ הארצנ שטארק-שטארק אונ לויפ אינ כיידער אריַינ געשמאק-געשמאק. אונ איכ שווער בא דער געמאָרע, אז איכ וועל קיינמאָל, קיינמאָל ניט זאטשעפענ קיינ פרעמדס. קיינמאָל, קיינמאָל נישט גאנווענענ, קיינמאָל, קיינמאָל ניט לייקענענ, טאָמער זייַנ אנ ערלעכער, אנ ערלעכער, אנ ערלעכער"... |

[1] דאָס „מעסערל", 1887.

[2] דאָרטנ.

די קאָמבינאַציע פון דער פרעג־פיגור מיט איבערכאַזערונג גיט שאָלעם־אַלייכעמען א מעגלעכקײַט אויסצוקאָמפּאָנירן די קאָמפּליצירטסטע סינטאַקסישע קאָנסטרוקציעס — דעם אַזויגערופענעם „פּעריאָד“, אַשטייגער, אַזוי, אַז ער זאָל אויפגענומען ווערן לײַכט און אָן שום אָנשטרענגונג:

א) „ווער עס האָט פאַרזוכט דעם טאַם פון זיצן שפּעט באַנאַכט א הונגעריקער בײַ א שמעלצנדיק ליכטל, אײַנגעהילט אין א צעריבן פּעלצל, און כאַזערן גראַמאַטיק: אימעניטעלנעי — בעלעי סוויעזשי כליעב; ראָדיטעלנעי — בעלאַהאָ סוועזשאַהאָ כליעבאַ; דאַטעלנעי — ביעלאָמו סוויעזשאָמו כליעבו, און בעשאַס מײַסע זאָל זיך גלוסטן כאָטש א שוואַרץ אָלטגעבאַקן שטיקל ברויט — און ס'איז ניטאָ... ווער עס האָט ניט פאַרזוכט דעם טאַם פון שלאָפן אויף א האַרטער באַנק מיט א ווייכן קולאַק צוקאָפּנס, און דאָס לעמפּל טשאַדעט, און דאָס קינד וויינט, און די אַלטע וואָרטשעט... ווער עס האָט פאַרזוכט דעם טאַם פון א פאָר שטיוול, וואָס איינס אָבצאַס איז אָפּגעשפּרונגען און א פּאָדמעטקע שלעפּט זיך נאָך און קוואַטשקעט, און איר קאָנט פון איר בעשומויפן ניט פּאָטער ווערן... ווער עס האָט פאַרזוכט דעם טאַם פון אָפּטראָגן דעם זייגער אין לאָמבאַרד אַרײַן, און דער לאָמבאַרד וויל אים ניט אָננעמען, מאַכמעס די קאָפּערטע איז ניט פון ריין זילבער און די געדערים זײַנען ניט ווערט קיין פּירער... ווער עס האָט פאַרזוכט דעם טאַם פון בעטן בײַ א גוטן פרײַנט א גמילעסכעסעד, און ער לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן, לייגט אַרײַן די האַנט אין קעשענע און כאַפּט אַרויס דאָס בײַטעלע און שווערט אײַך, אַז ער האָט ניט א גראָשן... ווער עס האָט דאָס אַלצדינג פאַרזוכט, אַליין איבערגעלעבט, — דער וועט מיך עפּשער פאַרשטיין, וויאַזוי מיר איז געווען אויף דער נעשאָמע, אַז איך האָב באַקומען א שטעלע — די ערשטע שטעלע — פון צוועלף קאַרבן א כוידעש מיט קעסט און קוואַרטיר און אויף אַלעם גרייטן!“ (מײַן ערשטער ראָמאַן).

ב) „וועלכע שטאָט אויף דער גרויסער וועלט... קאָן זיך באַרימען מיט אַזאַ ברייטן מאַרק...

„וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אַזאַ אַלטן... בעסמעדרעש...

וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אַזאַ באָד...

וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אַזאַ הויכן באַרג...

וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אַזעלכע פײַנע באַלעבאַטים...

א קליינע שטעטעלע אָט דאָס וואָראָנקאָ, נאָר א שיינס, מאָלע כיינ״ (פונעם יאַריד).

---

שאָלעם־אַלייכעמס שפּראַכ־סטיל, ספּעציעל די סינטאַקסיש־סטיליסטישע אויספורעמונג פון די רייד, — דאָס איז געלײַטערטער, דערהייבענער און אָרגאַניזירטער פאָלקס־סינטאַקס. דער דאָזיקער שפּראַכ־סטיל איז אונדז דעריבער אַזוי נאָענט און אייגן. ווײַל... „וואָס קאָן זײַן ערלעכער און פּאָשעטער און געזינטער און כײַנעוודיקער, ווי אַז מע רעדט פּאָשעט, ווי מענטשן ריידן?“...

---

# באַזונדערקייטן פֿונעם זאַצבוי אין דער ייִדישער פֿאָלק־שפּראַך לויט דער שפּראַך פֿון שאָלעם־אַלייכעמס פּערסאָנאַזשן

מיט רעכט באַהויפּט מען, אַז שאָלעם־אַלייכעמס שאַפֿונג איז די ענציקלאָפּעדיע פֿונעם ייִדישן לעבן פֿון זײַן צײַט.

אוואַדע און אוואַדע וועט ריכטיק זײַן די באַהויפּטונג, אַז שאָלעם־אַלייכעמס ליטעראַרישע ירושה איז די קינסטלעריש אויסגעפֿורעמטע ענציקלאָפּעדיע פֿונעם גערעדטן ייִדיש פֿון יענעם פּעריאָד, אַן ענציקלאָפּעדיע, וועלכע כאַפּט אַרום אַלץ, וואָס געהער צום פֿאָלקס־ייִדיש — דעם לעקסישן אוצר, דעם פּראָזעאָלאָגישן שטאָף, די באַזונדערקייטן פֿונעם זאַצבוי.

און ס'איז קיין כידעש ניט. אינעם גרעסטן טייל פֿון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק און — לאָמיר אַגעוו זאָגן — אינעם בעסטן, וואָס דער גרויסער פֿאָלקס־שרײַבער האָט געלאָזט, אין זײַנע מאָנומענטאַלע ווערק, איז ניט דער אווטאָר רעדט וועגן זײַנע העלדן, נאָר די העלדן רעדן אַליין וועגן זיך און וועגן דעם אַרום זייערן. די דאָזיקע העלדן זײַנען ס'ראָוו מענטשן פֿון פֿאָלק; זייער שפּראַך — דאָס איז די שפּראַך פֿון די ברייטסטע פֿאָלקס־שיכטן, און די עכטע קינסטלערישקייט ווערט דערגרייכט אין שאָלעם־אַלייכעמס ווערק גראָד דורך דעם, וואָס אַלע לעבנס־בילדער, די גאַנצע גאַלעריי טיפּן, געשטאַלטן איז געגעבן דורך אָט דער יאָדערדיקער און פֿילפֿאַרביקער פֿאָלק־שפּראַך — דורך דער שפּראַך פֿון די פּערסאָנאַזשן.

און אַפֿילע ווען דער שרײַבער רעדט פֿון זײַן אייגענעם נאָמען, ווי, אשטייגער, אינעם גלענצנדיקן אווטאָ־בּיִאָגראַפֿישן ראָמאַן „פֿונעם יאַריד”, געניסן מיר אַלץ פֿון די זאַפֿטן פֿון עכטער פֿאָלק־שפּראַך, ווײַל דער אווטאָר איז דאָ ניט מער ווי איינער פֿון זײַנע העלדן, און ז ײ ע ר שפּראַך איז אויך זײַן שפּראַך.

שאָלעם־אַלייכעמס ווערק שטעלן דעריבער מיט זיך פֿאָר איינעם פֿון די בעסטע קוועלן פֿאַר די שפּראַך־פֿאָרשער, וואָס אינטערעסירן זיך מיטן פֿאָלקס־ייִדיש בּיכלאַל, מיט זײַנע סינטאַקסישע באַזונדערקייטן בּיפֿראַט.

אינעם פֿאָרגעלייגטן אַרטיקל וועלן באַהאַנדלט ווערן סינטאַקסישע באַזונדערקייטן פֿונעם פֿאָלקס־ייִדיש אַף בּײַשפּילן, גענומענע פֿון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, אייגנטלעך — בלויז פֿון דרײַ ווערק זײַנע: „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס”, „טעוויע דער מילכיקער” און „פֿונעם יאַריד”.

אייניקע פונ די דאָזיקע באזונדערקײַטנ ווערנ שוינ איצט ברייט אָנגעווענדט אינ דער ליטעראַרישער שפּראַכ, ווו זיי ווערנ געזעצמעסיק.

קלאָר, אַז א ריי פונ די באזונדערקײַטנ קענענ כאראקטעריזירנ ניט בלויז דעמ מינדלעכנ יידיש, נאָר מינדלעכע שפּראַכ ביכלאל.

——

פאר דער שפּראַכ פונ שאָלעמ־אַלייכעמס פּערסאָנאַזשנ איז ביז גאָר כאראקטעריסטיש א מערקווירדיקער איבערפלעכט פונ צוויי שטריכנ: פונ איינ זײַט באַרייעדעוודיקײַט, א געווינשאַפט, וואָס האָט געשטימט מיטנ לאַנגזאַמענ קאַסרילעווקער לעבנס־טעמפּ, פונ דער צווייטער זײַט — אָפּגעהאַקטקײַט, ניטדערזאָגטקײַט, ריידאײַלעניש, וואָס שטימענ מיט דער צערודערטקײַט, צעשרויפטקײַט פונ מענטשנ, וועמענ דער קאַפּיטאַליזמ האָט אינ זײַנ ראַשנ גאַנג מיטאַמאָל אָנגעהויבנ שלײַדערנ פונ דער אַלטער קאַסרילעווקער אײַנגעזעסנקײַט און וואָס שטייענ מיט איינ פיס אינ דער אַלטער, שוינ כאָרעווער היימ, מיטנ צווייטנ — אינ א יעהופּעצ, אינ א ניו־יאָרק, מיט איינ פוס אינ וואַגאָנ, מיטנ צווייטנ נאָכ אומבאַוווּסט ווו.

און ביידע די דאָזיקע רייד־שטריכנ שטיצנ זיכ אפ דער פאָלקסטימלעכער ריידמאַניר, וואָס גיט א מעגלעכקײַט אַרויסצוזאָגנ וואָס מערער געדאַנקענ מיט דער הילפ פונ גרייטע רייד־מוסטערנ און איינצײַטיק מאַכט זי צומאָל מעגלעכ, אַז בלויז אַנ אָנהייב, א וואָרט, אַנ אָנדײַט זאָל אונטערזאָגנ דעמ צוהערער דעמ געמיינטנ געדאַנק.

די דאָזיקע שטריכנ באַדינגענ שוינ אויכ די ספּעציפישקײַט פונ דעמ זאַצבוי אינ שאָלעמ־אַלייכעמס ווערק.

מיר וועלנ זיכ אָפּשטעלנ בלויז אפ אייניקע באזונדערקײַטנ, וואָס דרינגענ אַרויס פונעמ צווייטנ פונ די דערמאָנטע שטריכנ.

I. ברייטע אָנווענדונג פונ איינבאַשטאַנדיקע זאַצנ.

II. עליפּטישקײַט, אומפולקײַט פונ זאַצנ.

III. ניט־אָנטשפּרעכיקײַט צווישנ דער פאַרבינדונג פונ זאַצנ און זאַצגלידער און צווישנ דער געדאַנקלעכער פאַרבינדונג; אינ צוזאַמענהאַנג דערמיט — ספּעציפישע סינטאַקסישע ציִונג פונ ווערטער און זאַצנ.

IV. ספּעציפישער געברויכ פונ גראַמאַטישע פאָרמעס און באַהילפיקע ווערטער.

## I. איינבאַשטאַנדיקע זאַצנ

אינ שאָלעמ־אַלייכעמס שאַפונג פילט זיכ אומעטומ גאָר א באזונדערער קאָנטאַקט צווישנ ריידער־דערציילער און צוהערער. דער ריידער בא שאָלעמ־אַלייכעמענ ווענדעט זיכ דערהויפּט צו מענטשנ פונ אייגענעמ סאָציִאַלנ שיכט, דאָס איז רייד פונ מענטשנ, וואָס גיסנ אויס זייער האַרצ ווי פאַר אַנ אייגענעמ, פאַר אַזעלכנ, וואָס איז פייִיק צו פאַרשטיינ און מיטצופילנ און וואָס שפּראַכלעכ נערט ער זיכ פונ איינ קוואַל מיט אימ, מיטנ ריידער — פונעמ פאַראַנענעמ באַמ פאָלק אויצער ווערטער, פראַזעס, רייד־מוסטערנ מיט זייער ספּעציפישנ סינטאַקסישנ גאַנג. בא אַזאַ קאָנטאַקט קאָנ מענ זײַנ באַריידעוודיק און איינצײַטיק קאָנ מענ זײַנ לאַקאָניש אינ

די דעטאַלן, אין דער אויספירעמונג פון באַזונדערע זאצן — קיין איגענעם דאַרפ מען קיין סאַך ניט ברייען.

מיט אָט דעם דאָזיקן קאָנטאַקט צווישן די מיטשפּרעכער שטימט פּולקאָם די ברייטע אָנווענדונג פון איינבאַשטאַנדיקע זאצן. דאָס זיינען זאצן, וואָס באַשטייען בלויז פון א סוביעקט אָדער בלויז פון א פּרעדיקאַט (מיט אָדער אָן אָנגעהעריקע ווערטער). צום אַלעם ערשטן האָבן מיר דאָ אין זינען א. ג. נאָמינאַטיווישע זאצן.

מאַכמעס דער באַזונדערער פאַרשפּרייטקייט פון דעם דאָזיקן טיפּ זאצן בא שאָלעם־אַלייכעמען וועל מיר זיך אָפּשטעלן אָפּ אים גענויער.

די סינטאַקסישע נאַטור פון נאָמינאַטיווישע זאצן איז נאָך ניט גענוג קלאָר. ס'איז ניטאָ קיין פעסטע קריטעריעס אָפּ אָפּצוגרענעצן אַזעלכע זאצן פון אַנדערע, נאָענטע צו זיי קאָנסטרוקציעס [1]). נעמען מיר, לעמאָשל, דעם קריטערי פון נאָמינאַטיווישע זאצן, וואָס מיר טרעפן אים בא פאַרשיידענע לינגוויסטן — דעם באַדינג, אַז ניט בלויז אין דער קאָנסטרוקציע זאָל דאָ ניט זיין קיין ווערבישער פּרעדיקאַט, נאָר ס'זאָלן אויך ניט זיין קיין ווערטער, וואָס זאָלן זיך ציִען צו אַזא פּרעדיקאַט. לויט אַזא קריטערי קאָן מען ניט רעכענען פאַר קיין נאָמינאַטיווישן זאַץ דעם אויסדרוק „אַז אַקציע מיט די צוויי" אין אַזא קאָנטעקסט:

> זיי זיינען געשטאַנען... און האָבן געוויינט... אַן אַקציע מיט די צוויי — נאָר זיי וויינען. (מ) [2])

דער אויסדרוק „מיט די צוויי" איז ניט קיין אַטריבוט צו „אַקציע", ער געהער צו א דורכגעלאָזטן פּרעדיקאַט: (ס'איז נאָר) מיט די צוויי — אַן אַקציע; אָבער דער דערמאָנטער קריטערי איז ווייט ניט גענוגנדיק, און אָפּט איז פאַראַן א ברייטע מעגלעכקייט פאַר סוביעקטיווער באַטראַכטונג, צ. ב.:

> ניט באַשערט... אונדז. א שטיקל נאַכעס דערלעבן... פאַר אונדזער האָרעוואַניע, זאָג איך, טאָג ווי נאַכט אין דער טאַטשקע איינגעשפּאַנט, קיין גוטע מינוט, נאָר דאַלעס, נאָר דאַכקעס, נאָר שלימאַזל אָרום און אָרום. (ט)

דער אויסדרוק „נאָר דאַלעס, נאָר דאַכקעס, נאָר שלימאַזל אָרום און אָרום" קאָן באַטייטן: „נאָר גאָלע דאַלעס, דאַכקעס, שלימאַזל" — דאַן איז ער א נאָמינאַטיווישער זאַץ; ער קאָן אָבער אויך באַטייטן: „נאָר דאַלעס, דאַכקעס, שלימאַזל (איז שטענדיק געווען) אָרום און אָרום" — דאַן איז ער אַן אומפולער צווייבאַשטאַנדיקער זאַץ. אַגעוו, פונקט אַזוי אומקלאָר איז אויך די סינטאַקסישע ראָליע פונעם אויסדרוק „קיין גוטע מינוט". אין דער גאַנצער געבראַכטער שטעל האָבן מיר ווי קעפלעך פאַר די טיילן

---

1) פאַרגלייכט, לעמאָשל, די טראַקטירונג פון נאָמינאַטיווישע זאצן בא בולאַכאָווסקין און בא פּעשקאָווסקין — זע:

Л. А. Булаховский. Курс русского литературного языка. Харьков. 1936, стр. 276 -- 278.

А. М. Пешковский. Русский синтаксис в научном освещении, стр. 335 — 338.

2) אומעטום ווענדן מיר אָן פאָלגנדיקע קירצונגען: מ. — מאָטל פייסי דעם חזנס; ט. — טעוויע דער מילכיקער; פי — פונעם יאריד.

פון א מינדלעכער שילדערונג, קעפּלעך־דערמאָנונגען. אזא ארט ארויסזאָגונג איז דאָ באדינגט פונעם אָנפלי פון שטארקע עמאָציעס, וואָס מאכן פאר אומעגלעך ארויסצוזאָגן די געדאנקען מער געגלידערט.

באם באטראכטן נאָמינאַטיווישע זאצן האָבן מיר אינדערעמעסן צו טאָן מיט א ריי איבערגאנג־טיפּן פון אומפולקייט ביז פולשטענדיקער פּרעדיקאטלאָזיקייט פון זאץ, ווייל א) פארשיידן איז דער גראד מעגלעכקייט ארייַנצושטעלן א באשטימטן ווערבישן פּרעדיקאט, ב) פארשיידן איז אויך דער גראד באשטימטקייט פונעם ווערב, וועלכן ס'איז מעגלעך ארייַנצושטעלן.

לויט די דאָזיקע צוויי מינים פארשיידנקייטן וועלן מיר באטראכטן די נאָמינאַטיווישע זאצן אין דער שפּראך פון שאָלעם־אלייכעמס פּערסאָנאַזשן.

1. איגנאנצן אומעגלעך איז ארייַנצושטעלן אוועלכן ניט איז פּרעדיקאט איז נאָמינאַטיווישע זאצן, וואָס באצייכענען קעפּלעך, אופּשריפטן אפ שילדן, אונטערשריפטן אונטער געמעלן אפ וויפל קיין ספּעציפישע קינסטלערישע פונקציעס פילן אזעלכע זאצן ניט אויס אין שאָלעם־אלייכעמס ווערק, וועלן מיר זיך אפ זיי ניט אָפּשטעלן.

2. פאָרמעל מעגלעך אָבער סטיליסטיש־קינסטלעריש ניט אויסגעהאלטן איז ארייַנצושטעלן א פּרעדיקאט אין אזויגערופענע עקזיסטענציאָנעלע נאָמינאַטיווישע זאצן, וואָס רופן אָן אָרט אָדער צייַט צוליב שאפן אן אלגעמיינעם פאָן פאר א ברייטער בילד. דער נאָמען „עקזיסטענציאָנעלע“ איז בארעכטיקט דערמיט, וואָס פאָרמעל איז מעגלעך ארייַנצושטעלן פּרעדיקאטן, וועלכע ווייַזן אפ עקזיסטירונג, פאראנענקייַט („ס'איז“, „אָט האָבן מיר פאר זיך“). א.ד.גל.

א) זומערלעבן. די זשאבעס פונדערווייַטן קוואקען... (ט)

ב) א קליין שטיבל אפ הינערשע פיסלעך, מיט שטרוי געדעקט. (פּי)

אויך די זאצן פון אָט דעם טיפּ פילן בא שאָלעם־אלייכעמען ניט אויס קיין שום ספּעציפישע פונקציע לעגאבע דער געוויינלעכער אָנווענדונג זייערער אין אנדערע קינסטלערישע ווערק, און ס'איז דעריבער אויך אפ זיי איבעריק אָפּצושטעלן זיך גענויער.

צי עקזיסטענציאָנעלע דארף מען צורעכענען אויך אזעלכע נאָמינאַטיווישע זאצן ווי:

א) איך טו א קוק — כאווע! די אייגענע כאווע, ניט געמינערט א האָר... (ט).

ב) איך פאָר צו נעענטער, קוק מיך איין: צייטל! (ט)

ג) איך דריי מיך אויס און טו א קוק — א באקאנטער: מאָטל קאמזויל, א שנייַדער־יונג פון אנאטעווקע. (ט).

אויך דאָ קאָן מען פאָרמעל ארייַנשטעלן א פּרעדיקאט („דערזע איך ס'איז“), אָבער קינסטלעריש וואָלט עס דאָ געווען נאָך ווייניקער אויסגעהאלטן איידער אין די פאָריקע בייַשפּילן. אין דער קאנווע פון דער דערציילונג טעוויעס פארנעמען די דאָזיקע ווערטער גאָר א באזונדער אָרט. טעוויע גיט מיט זיי איבער ניט צום

שטאַנד געקומענע אויסרופנ, אינערלעכע שפּראַך. מיט „כאַווע!", לעמאַשל, מײנט ער דאָך ניט צו דערצײלנ, מיט וואָס פאַר אַנ אויסרופ ער האָט זיך געווענדעט צו זײַנ טאָכטער — . אַזאַ ווענדונג איז קײנמאָל ניט פאָרגעקומענ. דאָס איז בלויז אינערלעכע אָנרופונג פונעם וויכטיקסטנ, אַ מינ אָנווײַז אפנ אויסשײַנענ פונעם אײקערדיקנ, פונ דעמ, מיט וואָס ס'איז פאַרבונדנ דער דראַמאַטיזמ פונ די פּאַסירונגענ אָדער וואָס עס טראָגט מיט זיך עפּעס אַנ אומדערוואַרטע אַנטוויקלונג פונ דער האַנדלונג.

3. פאַר דער שפּראַך פונ שאָלעמ־אַלײכעמס פּערסאָנאַזשנ איז כאַראַקטעריסטיש די אָנווענדונג פונ אַזעלכע נאָמינאַטיווישע זאַצנ, וואָס גיבנ אַ גענוגנדיקע אָנצוהערעניש אפ אַ ברײטערנ געדאַנק אָדער אפילע אפ אַ גאַנצנ געדאַנקענ־קאָמפּלעקס, אָבער וואָס אינ זײ איז אומעגלעך אַרײַנצושטעלנ אפילע פאָרמעל אַ באַשטימטנ פּרעדיקאַט.

— אַקעגנ דעמ וואָס איר זאָגט: הײַנטיקע קינדער. (ט)

אָט זײַנענ נאָך אײניקע בײַשפּילנ פונ אָט דעמ טיפּ:

א) איך פאָר!.. שיפ!.. באַנ... בילעט... אַ האַלבער בילעט... ווהינ אַ שטײגער, פאָרנ מיר? (מ)

ב) הײַנט, זאָגט זי, מאַלבושימ — אײנס אַ זײַדנס צו דער כופּע און אײנס אַ וואָלנס. (מ)

ג) הײַנט זײגערס, זײגערס! (ט)

ד) ערשטנס, די שטאָט אַלײנ. רײנ, ברײט ציכטיק. (מ)

דאָס איז רײדשפּאָרעוודיקײַט, וועלכע איז מעגלעך אַדאַנק דער אַלצײנקײַט אײנעם געדאַנקענ־גאַנג און אינ דער רײדמאַניר פונעם רײדער און פונעם צוהערער.

נאָמינאַטיווישע זאַצנ פונ אָט דעמ טיפּ קאָנ מענ אָנרופנ אָנדײַטערישע. בײַ שאָלעמ־אַלײכעמענ זײַנענ זײ גענוג פאַרשפּרײט.

דעמ נאָמינאַטיווישנ זאַצ טרעפנ מיר בײַ שאָלעמ־אַלײכעמענ מיט פאַרשײדנסטע אינטאָנאַציאָנעלע ניואַנסנ, באַזונדערס אינ דער ראָליע פונ אַנ אויסרופיקנ זאַצ.

א) אַ גאַסט! אַנ אײגנ גליד־געשוועסטערקינד! (ט)

ב) אַ ריר פונ אַ בלײַענעמ פויגל! בערישעס פּיס! (מ)

ג) אַך פּערשקעס! פּערשקעס! איך האָב זײ ליב מער ווי אַלע פּײרעס!

ד) אײַ, גאַסנ! אײַ, שטיבער!.. הײַנט זאַכנ! צאַצקעס! מאַלבושימ! קײלימ! צירונג! (מ)

ה) אַך, אָט די פרומע! אַ טאָטעריש האַרצ האָט געהאַט אָט די מויד.

מיר טרעפנ אויך דעמ נאָמינאַטיווישנ זאַצ בײַ איבערפרעגונג:

עס וועט זײַנ שײנ, טראַכט איך מיר, אַז איך קומ צופאָרנ און הײב אָנ נאָכפרעגנ אפ מײַנ פאַרשוינ, זאָגט מענ מיר: מענאַכעמ־מענדל? טע־טע טע! שטאַרק אינ די פעדערנ, סמאַלעט אַ וועלט...

באַגלײַך מיט אַנדערע זאַצנ קאָנ דער נאָמינאַטיווישער זאַצ קומענ אינ דער ראָליע פונ אַ באַמערק־זאַצ:

אונ איכ בינ דאפקע ניט פויל אפ דער פענ אונ נעמ צונויפ דאס ביסל
פאפיר דער קויעכ פונ געלט! אונ לאָז עס אראָפ העט ווײַט אינ־
קעשענע... (ט)

4. ס׳גרענעצנ מיט נאָמינאטיווישע זאצנ די אומפולע זאצנ פונ אזעלכע קאָנ־סטרוקציעס, ווו ס׳איז גאָר גרינג ארײַנצושטעלנ א פרעדיקאט, ענדערנדיק זייער וויי־ניק דעמ אינהאלט לעגאבע דעמ מיינ פונעם ריידער. צ. ב.:

איכ שטיי בא די פערד אונ זע, ווי מע טראָגט די פעקלעכ מיט די קישנס.
א פולער וואָגנ מיט פעקלעכ אונ מיט קישנס, א גאנצער
בארג מיט בעטגעוואנט. (מ)

דאָ איז קלאָר געמיינט: ס׳איז שוינ א פולער וואָגנ...

פונ אונטערנ איווונ הערט זיכ אנ אָטעמ פונ דער קאצ. א גרויסע
פעפערנ: טאָג ווי נאכט וואָלט זי זיכ נאָר געווארעמט אונ געדרימלט. (מ)

דער אויסגעטיילטער זאצ איז ניט באמערקארטיק, ווײַל ער בינדט זיכ אָרגא־ניש מיטנ פאָלגנדיקנ זאצ. דאָ איז גרינג ארײַנצושטעלנ: „זי איז״ (זי איז א גרויסע פעפערנ).

א בייזער, א וויסטער, א פינצטערער כאָלעמ אפ דעמ קא־
צעווס קאָפ אונ אפ זײַנע הענט אונ פיס! (ט)

דאָ איז גרינג צוגעבנ דעמ פרעדיקאט „זאָל קומענ״.

אכ, ווי גוט ס׳איז צו זײַנ א באלטשוווע! איז אָבער דער יעיצער האָרע,
ניט געדאכט זאָל ער ווערנ. (פי)

דאָ בעט זיכ זאָגנ: „איז אָבער דאָכ פאראנ דער יעיצערהאָרע...״

---

באגלײַכ מיטנ פרעדיקאטלאָזנ איינבאשטאנדיקנ זאצ — מיטנ נאָמינאטיווישנ זאצ, טרעפנ מיר אויכ אנדערע טיפנ איינבאשטאנדיקע זאצנ — דעמ סוביעקטלאָזנ פונעם טיפ: „ס׳גייט ניט״, „ס׳פידלט נישט״ אונ אויכ די א. ג. אינפיניטיווישע זאצנ.

אנטלויפנ! אנטלויפנ! אנטלויפנ! וויִאזוי אנטלויפט מענ? (מ)

אמאָל טראָגט דער איינבאשטאנדיקער זאצ בא שאָלעמ־אלייכעמענ אנ איבער־גאנג־כאראקטער אונ שטייט אפנ גרענעצ צווישנ אינפיניטיווישנ זאצ אונ עליפטישנ צווייבאשטאנדיקנ זאצ:

אונ אמאָל עפנט זיכ בא איר אופ א קוואל פונ ווערטער, איז אָדער
פארשטעלנ זיכ די אויערנ מיט וואטע אָדער לויפנ אינ דער
וועלט ארײַנ.

דאָ איז גרינג ארײַנצושטעלנ פאר די אינפיניטיוונ „מע מוז״ (איז אָדער מע מוז זיכ פארשטעלנ...), כאָטש מע דארפ דאָ גיכער רעכענענ דעמ דאָזיקנ זאצ פאר א ריינ אינפיניטיווישנ, ווײַל דער שרײַבער ניצט דאָ גרייטנ רייד־מוסטער, אונ גראָד דער־פאר קאָנ קיינ רייד ניט זײַנ וועגנ דעמ, אז אפנ אויבערפלאכ פונעם ריידערס באיווסטזײַנ שווימט דאָ אופ א ניט־ארויסגעזאָגטער אויסדרוק „מע מוז״: דעמ ריידערס באוווסטזײַנ איז דאָ באגרענעצט בלויז מיטנ עצעמ געדאנק אונ מיטנ גע־פינענ דעמ שוינ פאראנענעמ מוסטער; די אויספורעמונג איז שוינ א גרייטע אונ אפ

איר פֿאַרשפּאָרט שוין דער רײדער פּאַטערן איבעריקע ענערגיע. דער באַטײַט „מע מוז" ליגט שוין אין דער אינפֿיניטיווישער פֿאָרם גופֿא. אַזאַ פֿונקציע פֿילט זי דאָס אויס, די דאָזיקע פֿאָרם.

אַן אַנאַלאָגישע דערשײַנונג האָבן מיר אין אַזעלכע זאַצן ווי:

> געגונג, אַז מע דאַרף האָדעווען אײן סקאָטינע. נאָך צוויי סקאָטינעס טראָגן אָפּן קאָפּ! (מ).

## II. עליפּס

די זעלביקע סיבעס, וואָס באַדינגען די האַרמאָנירונג פֿון אײנבאַשטאַנדיקע זאַצן מיט דער פֿאָלקסטימלעכער רײדמאַניר, באַדינגען אײנצײַטיק אויך אַן אַנדער שטריך פֿון דער שפּראַך בײַ שאָלעם־אַליכעמס פּערסאָנאַזשן — די עליפּטישקײַט אירע, איר אומפֿולקײַט.

אין שטענדיקער אײַלעניש, און אין דער אײנצײַטיקער שטרעבונג פֿונעם רײדער בײַ שאָלעם־אַליכעמען אַרויסצוזאָגן וואָס מערער, ווײַזט ער אַרויס, דער דאָזיקער רײדער, אַ טענדענץ צו באַגײן זיך אָן אַזעלכע ווערטער, וואָס דער „אויסהערער" וועט זיך גרינג אָנשטויסן וועגן זײ, אַ טענדענץ אַרומצוהאַקן דעם זאַץ, ווי ווײַט נאָר ס'וועט ניט שאַטן דעם ריכטיקן אויפֿנעמען דעם מײַן. אַזאַ שפּראַך־שפּאָרעוודיקײַט קומט צו שטאַנד אַדאַנק פֿאַרשײדענע אומשטאַנדן.

אָפֿט איז עס דער קאָנטעקסט, די פֿאַראַנענקײַט פֿונעם אָפּגעשפּאָרטן וואָרט אָדער פֿון דער אָפּגעשפּאָרטער ווערטער־גרופּע אינעם פֿריערדיקן טײל פֿון דער אַרויסזאָגונג. דאַן האָבן מיר דעם ווײניקער ספּעציפֿישן פֿאַר שאָלעם־אַליכעמען אָבער זײער פֿאַרשפּרײטן געוויינלעכן עליפּס — דעם גראַמאַטיש רעגולערן עליפּס. אַזוי איז עס אין:

> און זיס איז געווען די שטים, זיס די שפּראַך, זיס ווי צוקער. (פּי)

אין די אויסגעטײלטע ווערטער קאָן מען אײַנזען ריין גראַמאַטישן עליפּס, דורכלאָז פֿון ווערטער צוליב אויסמײַדן איבערכאַזערונג:

> וווהין, אַשטײגער, פֿאָרן מיר? איך וויל גאָר ניט וויסן וווהין, וואָס גײט מיך אָן וווהין? (מ)

דורכגעלאָזט איז דער שוין פֿאַראַנענער אין קאָנטעקסט „פֿאָרן מיר".

מער ספּעציפֿיש פֿאַר שאָלעם־אַליכעמען זײַנען פֿאַלן, ווען דער עליפּס ווערט מעגלעך ניט אַדאַנק דער פֿאַראַנענקײַט פֿון די דורכגעלאָזטע ווערטער אינעם פֿריערדיקן קאָנטעקסט, נאָר אַדאַנק דער מאַסנטימלעכקײַט פֿון פֿאָלקסרײד, וועלכע זאָגט אונטער דעם צוהערער, וואָס ס'איז פֿאַרפֿעלט, דאָס פֿאַרפֿעלן ווערט אין אַזעלכע פֿאַלן געזעצמעסיק אין מינדלעכער רײד, האַגאַם גראַמאַטיש, ד. ה. לויט די געזעצמעסיקײַטן פֿון דער שפּראַך שײַנט די עליפּטישקײַט צו זײַן אַ געוויסע אָפּווײכונג פֿון דער נאָרמע. מיר וועלן דאָ אונטערשײדן אַזעלכע פֿאַלן:

1. ס'ווערן דורכגעלאָזט בינדווערטער אָדער פּראָנאָמינאַלע ווערטער:

> ווען איך פֿאַרמאָג כאָטש אַ צענטכײלעק — וואָס אָט־דאָס־אָ באַטרעפֿט. (ט)

בײַט: אַ צענטכײלעק פֿון דעם, וואָס אָט־דאָס־אָ...

אזוי ווי עס גייט בא אונדז אין יעהופּעץ א צײַט, וואָס געלט איז אין גרויס כשיוועס... (ט)

ניט: ...וואָס געלט איז דאַן אין גרויס כשיוועס...

...די פּײַנע באָכערים... וואָס קיין הויזן, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, איז ניטאָ... (ט)

ניט: ...וואָס קיין הויזן... איז בא זיי ניטאָ...

2. אינעם פּריִערדיקן קאָנטעקסט איז פאראן בלויז דער גרונט־באַגריף, און דורכגעלאָזט ווערט דער דאָזיקער באַגריף דאָרט, ווו ער פאָדערט שוין אן אנדער גראמאטישע אויספורעמונג, אמאָל צוזאמען מיט בײַבאַטײַטיקע אָדער באהילפיקע ווערטער, אָנגעהעריקע צו אים.

איר מיינט זי פּרעגלט אפּ קוילן? ווער — וואָס? זי קען באַשטיין אפּ שטעכלקעס, שישקעס... (מ)

געמיינט איז: ...זי קען באשטיין, זי זאָל פּרעגלען אפּ שטעכלקעס...

3. ס׳ווערן דורכגעלאָזט באהילפיקע טיילן פון פּעריפראסטישע ווערבן אָדער אזעלכע, וואָס דינען אפּ אויסצובילדן צײַט־ און מאָדוס־פאָרמעס, אָפּט — צוזאמען מיטן סוביעקט, דעם פּראָנאָם:

דאַוונען דאַוון איך ניט, זינגען זינג איך ניט, פּאָטער פון אלצדינג. (מ)

ד. ה. ...איך בין פּאָטער פון אלצדינג.

— אלע! אלע! זאָגט ער, און טוט א מאך מיט דער האנט, ווי א שנײַד אָפּ מיט א מעסער..! (ט)

ד. ה. ווי מע טוט א שנײַד אָפּ...

פאר דעם הונדערטער בעסער געווען קויפן זיך פערדלעך א פּאָר. (ט)

ד. ה. ...וואָלט בעסער געווען...

...זי וואָלט גערן, מע זאָל שוין באטראכטן דעם כוילע. (מ)

ד. ה. ...זי וואָלט גערן געווען, מע זאָל...

איך א שפּרונג — דאָס קעלבל א שפּרונג... (מ)

אין לעצטן בײַשפּיל פּילט דער עליפּס אויס גאָר א באזונדער פונקציע; דורכן עליפּס ווערט דאָ פארשטארקט די פאָרשטעלונג וועגן סיידער און וועגן דער פילמאָ־ליקער איבערכאזערטקײַט פון דער טוונג. דאָ איז געמיינט: מיר שפּרינגען אין אזא סיידער: פריִער גיב איך א שפּרונג, דערנאָך — דאָס קעלבל, נאָכן קעלבן — ווידער איך, נאָכדעם — ווידער דאָס קעלבל.

4. ס׳ווערן פארפעלט ווערטער, וואָס ווײַזן עקזיסטענציאַלקײַט, פאראנענקײַט:

וויפל שטערן אין הימל — אזויפיל ווײַנשל בא מענאשע דעם רויפע אין גאָרטן. (כ)

ד. ה. ...וויפל שטערן ס׳איז פאראן אין הימל, אזויפיל ווײַנשל איז פאראן.

דאכט זיך ביילקע, און פאָרט ניט ביילקע (ט).

ד. ה. ...דאכט זיך ס׳איז ביילקע, און ס׳איז אָבער פאָרט ניט ביילקע.

און מאכמעס די מאמע איז געווען אן איישעסכאַיל, שטענדיק אין קראָם, האָט פרומע די מויד געפירט די שטוב.

ס׳וועט ניט ריכטיק זײַן צו מיינען, אז דאָ איז פארפעלט די איבערכאזערונג פון „געווען". דער ווערב „געווען", וואָס איז פאראן אינעם געבראכטן קאָנטעקסט, האָט

ביז דעם באַטײַט פון „געפינען זיך", דאַן ווען מיט „שטענדיק אין קראָם" איז געמיינט: שטענדיק פלעג זי זײַן (געפינען זיך, איבערליגן) אין קראָם.

ספּייקעס רופן ארויס אזעלכע בײַשפּילן:

> אַלצדינג הייסט באַ זיי אַ שייגעץ: אָנהענגען דער קאַץ אַ פּאַפּיר אַפן עק, זי זאָל זיך דרייען — הייסט באַ זיי אַ שייגעץ... (מ)

צי איז דאָ דורכגעלאָזט „זײַן" („...הייסט באַ זיי זײַן אַ שייגעץ")? דאָס איז נאָך אַ פראַגע. מעגלעך, אַז אין פאָלקסטימלעכע רייד־מוסטערן פון אָט דעם טיפּ האָט דער סובסטאַנטיוו (דאָ „אַ שייגעץ") אָנגעווירן זײַן אייגנטלעכן לעקסישן באַטײַט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סומאַרער באַצייכענונג פון טוּונגען, וואָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אַנטשפּרעכיקן סוביעקט. „אַ שייגעץ" קאָן דאָ באַטײַטן: שקאָצישע שטיק.

> — פונוואַנען? — פון קאַסרילעווקע — מאַכט ער צו מיר — טאַקע אײַערס אַ פרײַנטל (ש).

צי איז דאָ פאַרפעלט „כ'בין" (...כ'בין טאַקע אײַערס אַ פרײַנטל)? מיר שײַנט, אַז יאָ. מע קאָן ניט צוגלײַכן אויסדרוקן פון אָט דעם טיפּ צו רעקאָמענדיר־אָנרופונגען באַם באַקענען זיך, באַם פאָרשטעלן אַ באַקאַנטן פאַר אַנדערע. אַזעלכע אָנרופונגען רעכנט מען אין דער גראַמאַטישער ליטעראַטור — און מיט רעכט — פאַר עכטע נאָמינאַטיווישע זאַצן. אינדערעמעסן, זיי זײַנען אַבסאָליוט ענלעך צו אונטערשריפטן אונטער אַ געמעל, ניט מער וואָס אָנשטאָט דעם געמעל קומט אַ פּערזאָן, וואָס שטייט פאַר די אויגן, און אָנשטאָט אַ שריפטלעכער אָנרופונג קומט אַ מינדלעכע. גאַנץ אַנדערש איז עס אין אונדזער בײַשפּיל. מענאַכעם־מענדל, דער אַוטאָר פון די ווערטער, מיינט געוויס ניט אויסצופילן פאַר טעוויען דעם צערעמאָניאַל פון פאָרשטעלן זיך; די אינטאָנאַציע איז אויך אַן אַנדערע, אַזאַ, וואָס פאַרשטאַרקט די זיכערקײַט, אַז דאָ איז דורכגעלאָזט „איך בין". דערצו קומט נאָך דאָ דער פּאַרטיקל „טאַקע", וואָס ווײַזט, אַגעוו, די לאָגישע געבונדנקײַט מיט די פריערדיקע ווערטער.

> מע דאַרף אַהין פאָרן און פאָרן אַזוי לאַנג ביז מע קומט, און אַז מע קומט, איז פאַראַן אַ „קעסטל־גאַרטל". (מ)

מע מיינט דאָ ניט, פאַרשטייט זיך, אַז די עקזיסטענץ, די פאַראַנענקײַט פונעם „קעסטל־גאַרטל" איז באַדינגט פונעם קומען. דאָ מיינט מען: אַז מע קומט, איז פאַראַן (־שטייט פאַר) (אַזאַ פּעקל צאָרעס און פּלאָגענישן, ווי ס'איז אָט דאָס „קעסטל־גאַרטל". צי האָבן מיר דאָ עליפּס? מיר דוכט, אַז ניין. „קעסטל־גאַרטל" דאַרף מען דאָ, דוכט זיך, פאַרשטיין ניט אין דירעקטן באַטײַט, נאָר אַלס באַצייכענונג פאַר דער פאַרקערפּערונג פון די צאָרעס און ליידן, וואָס ס'קומט אויס אויסצושטיין די עמיגראַנטן באַם אָנקומען קיין אַמעריקע. באַ אַזאַ טראַקטירונג באַקומט זיך, אַז דאָ איז גאָרנישט ניט דורכגעלאָזט.

5. זעלטן מאַכט מעגלעך דעם עליפּס די זעלבסטפאַרשטענדלעכקײַט פונעם מיין:

> זי (גאָלדעלע) האָרעוועט אַף דער סטאַנציע, קערט די שטובן, האָדעוועט די אויפעס, פאַרוויגט די קינדער (די באַלעבאָסטע, ווי זי שטייט, האָט אַ צײַט נישט געהאַט קיין קינדער...). (מ)

אָנשטאָט: ...די באַלעבאָסטע פון דעם הויז, ווו זי שטייט...

ט. ס׳ווערט דורכגעלאָזט א פולבאטײַטיק וואָרט אָדער ווערטערבאהעפט, אָפט אפילע דער קערן פונעם זאצ — דער סוביעקט צוזאמענ מיטנ פרעדיקאט, אונ דערבײַ איז ניטאָ קיינ אָנדײַט אפנ אינהאלט פונעם דורכגעלאָזטנ אינעם קאָנטעקסט. אזא ארט עליפס איז דער סאמע ספּעציפישער פאר שאָלעמ־אליינכעמס ווערק אונ איז מעגלעכ בלויז אינ מאסנט־מלעכע אויסדרוקנ, וואָס גרענעצנ מיט פראזעאָלאָגיע.

...זאָגט קלעצל: ס׳איז ניט איכ, ס׳איז קאָטער. איינער אפנ אנדערנ — דער אנדערער אפנ דריטנ — א מײַסע אָנ אנ עק!״ (מ)

געמיינט איז: ...איינער ליגט ארופ אפנ אנדערנ...

איכ העלפ אויס די געפאלענע מיט א גמילעסכעסעד, ווע מענ א קאָפּ־הייער, וועמענ א פּופּציקער... (ט)

געמיינט איז: וועמענ איכ גיב א קאָפּ־הייער...

האָרעווע טאָג ווי נאכט. וואָס איז? מע מיינט טאָמער אזוי אונ עפּ־שער אזוי. (ט)

געמיינט איז: טאָמער וועט זײַנ גוט אזוי...

געלט, זאָג איכ, איז קײַלעכיק — הײַנט אזוי מאָרגנ אזוי. (ט)

געמיינט איז: הײַנט גייט עס דעם מענטשנ אזוי...

ער דערציילט זיכ אָנ פונ שטשערעס אזעלכע מײַסעס, אז א שרעק (מ).

געמיינט איז: אז ס׳כאפּט אזש אָנ א שרעק....

טאטע, טאטע, הארציקער, געטרײַער, זאָגט זי, דעם דריטנ טאָג א שטיקל ברויט, האָב ראכמאָנעס, זאָגט זי, אפ מײַנע יונגע יאָר!״ (ט)

געמיינט איז: ...איכ וואָלט ליבער געגעסנ דעם דריטנ טאָג א שטיקל ברויט (איידער צו כאסענע האָבנ פאר לייזער־וואָלפנ...).

— אקעגנ דעם, וואָס איר זאָגט: הײַנטיקע קינדער... (ט)

געמיינט איז: איכ זאָג עס אקעגנ דעם, וואָס איר זאָגט..

אונ איכ ווידער: אפ איינ וואָג גאָלד אונ אפ דער אנדערער צייטלענ. (ט)

געמיינט איז: ...ווענ מע זאָל לייגנ אפ איינ וואָג גאָלד אונ אפ דער אנדערער צייטלענ, וואָלט צייטל איבערגעוויגנ.

אהער געהערנ אויכ די פאלנ, ווענ די פראזע ווערט ניט דערענדיקט, אָפט — נאָכ א קאָנסטרוקציע מיטנ „זאָל״־מאָדוס. ניט דערענדיקנ איז מעגלעכ דערפאר, ווײַל דערגאנצנ קאָנ שוינ דער צוהערער אליינ — אדאנק זײַנ דערפארונג פונ א פאָלקס־מענטשנ. אָט זײַנענ בײַשפּילנ:

אלע זײַנענ מיר מעקאנע, אפילע יאָסעפ דעמ נאָגידס יינגל, העניכ מיטנ אייגל, ער זאָל מיכ קענענ דערטרינקענ אינ א לעפל וואסער! (ט)

דערגאנצונג: „וואָלט ער עס געוויס געטאָנ״.

קאליאָשנ טראָגט זי (בראָכע) נומער 13. איר זאָלט זענ א פּאָר קא־ליאָשנ... (מ)

דערגאנצונג: „וואָלט איר זיכ דערשראָקנ פאר זיי״ אָדער: „וואָלט איר צעזעצט געוואָרנ פאר געלעכטער״.

מקאָצל קומט, מע זאָל דערמאַנען מאַשיעכן...

דערגאַנצונג: „וואָלט ער (מאַשיעך) איצט געקומען".

ביישפּילן קאָן מען אין אַזאַ פאַל:

איטלעכער באַזונדער קומט צוגיין מיט זיינעם: דער זאָגט אַ שניט־קראָם, דער אַ באַקאַלײ, דער זאָגט אַ שטוב, אַ נאַכלע, אַן
אייביק געווער, דער קומט צוגיין וויץ, דער וואַלד, דער טאָרגעס.

אַרײַנשטעלן איז דאָ נאָטירלעך די ווערטער: „איך זאָל אַרײַנלייגן מײַן געלט אין". באַקומען וואָלט זיך: „דער זאָגט איך זאָל אַרײַנלייגן מײַן געלט אין אַ שניט־קראָם" א. אז. וו. אונדז דוכט אָבער, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט נאָמינאַטיווישע אָנדײַטערישע ווערטער אָדער ווערטער־גרופּעס אין דער ראָליע פֿון אומדירעקטע רייד, פֿאַרגלײַכט מיט:

איך פֿאָר. שיף... באַן!... בילעט!... אַ האַלבער בילעט! (מ)

דער אונטערשייד איז דאָ בלויז דער, וואָס אין לעצטן בײַשפּיל זײַנען די נאָמינאַטיווישע אָנדײַטן דעם ריידערס אייגענע ווערטער, און אין אונדזער בײַשפּיל זײַנען זיי אַן אויספֿירעמונג פֿאַר אומדירעקטע רייד.

די געבראַכטע בײַשפּילן מיט עליפּס, אויסער די פֿאַלן מיט אויסמײַדונג פֿון איבערכאַזערונג, זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר שאָלעם־אַליײכעמס פּערסאָנאַזשן ניט בלויז לויט זייער טאָן, נאָר אויך לויט דער מאָס פֿון זייער פֿאַרשפּרייטקייט אין שאָלעם־אַליײכעמס ווערק.

## III. קעגנזײַטיקע באַציִונג צווישן זאַצן אָדער זאַצגלידער

די ערטערווײַז אייגנאַרטיקע אויסדרוק־פֿאָרם פֿאַרן קאָמפּליצירטן געדאַנק, די ספּעציפֿישע קעגנזײַטיקע באַציִונג צווישן די קאָמפּאָנענטן פֿונעם צונויפֿגעזעצטן זאַץ, פֿון אַ ברייטערער פֿראַזע דעקט אָפּט אויף דעם אייגנאַרטיקן סיידער פֿון די געדאַנקען בײַ שאָלעם־אַליײכעמס פּערסאָנאַזשן, אַזאַ סיידער, וועלכער קאָן בעשומויפֿן זיך ניט אײַנפּאַסן אין שטרענגע סינטאַקסישע נאָרמעס. די אײַליק אָנגעהויפּנטע רייד אַנטשפּרעכן דעם טעמפּ פֿונעם גיכן, אָפּט ווייניק אָרגאַניזירטן לויף פֿון די געדאַנקען. ניט שטענדיק קאָן אַזאַ געדאַנקען־שטראָם געפֿינען זײַן פּאַסיקן אויסדרוק אין די אינדיווידועלע מעגלעכקײַטן פֿון דעם ריידער־דערציילער, און ער זוכט אַן אָנשפּאַר אין די פֿאַרטיקע מוסטערן פֿון דער אומגאַנג־שפּראַך. דער סיידער פֿון די געדאַנקען ווערט באַדינגט פֿון די דאָזיקע מוסטערן.

מיר וועלן אָפּמערקן בלויז יענע פֿאַלן, ווען די באַציִונג צווישן די זאַצן אַנטשפּרעכט ניט שטרענגע דער באַציִונג צווישן די געדאַנקען פֿונעם אַרויסזאָגער.

1. די פֿאַרבינדונג צווישן די זאַצן איז עכט מאַסנטימלעך און זי פֿילט אויס אַ באַשטימטע סטיליסטיש־קינסטלערישע פֿונקציע:

פֿרישע קאָרע פֿון קליינעביימלעך האָט איר אַמאָל פֿאַרזוכט? אָט אַזאַ
טאַם האָבן זײַנע פּראָשקעס. (מ)

ס'איז קלאָר, אַז דער ריידער אינטערעסירט זיך דאָ ניט מיט דעם, צי דער צוהערער האָט יאָ פֿאַרזוכט אַמאָל פֿרישע קאָרע פֿון קליינע ביימלעך, צי ניין. דער ציל זײַנער איז געבן אַ באַגריף וועגן דעם, ווי ביטער ס'זײַנען די פּראָשקעס. אָבער דער

פאַלקסטימלעכער ארט אָנפרעג, וואָס גרייט צו דעם צוהערער צום איקער פונ דער ארויסזאָגונג, דינט דאָ שאָלעם־אַלייכעמען אלס כפעציפישער מיטל פאר בילדערישנ פאַרגלייַכ.

פאראנ בא מיר א כאוועד בערל, פינטלט ער מיט די אויגנ, נאָכ א כאוועד
האָב איכ, וועלוול, זופט ער לאָקשנ מיט יויכ ווענ ער רעדט. (מ)

די פארבינדונג צווישנ די זאצנ איז דאָ אזא, ווי אינעם זאצ: „פאראנ בא מיר אנ אייגנ ביכל, פארשפאָר איכ לייַענ בא יענעמ״ — די זעלביקע אינטאָנאציע, דער זעלבער ווערטער־סיידער (דער פרעדיקאט אינ צווייטנ איינפאכנ זאצ — אפנ ערשטנ אָרט). אָבער דאָ איז, פארשטייט זיכ, ניט געמיינט אז ס׳עקזיסטירט אוועלכע ניט איז פארבינדונג צווישנ בערלס פינטלענ מיט די אויגנ אָדער צווישנ וועלוולס זופנ לאָקשנ בייס ער רעדט מיט דעמ פאקט, וואָס בא מאָטלענ זייַנענ פאראנ אזעלכע כאוויירים. פאָשעט, די מאסנטימלעכע רייד־מאניר ווייסט פונ ברייטערע פונקציעס פאר דער דערמאָנטער זאצנ־בינדונג, אונ אינ מאָטלס מויל קלינגענ דעריבער די געבראכטע ווערטער גאנצ געזועצמעסיק.

2. די קאָמפּאָנענטנ פונ סובאָרדינירירק־צונויפגעזועצטע זאצנ ווערנ אָפּגעטיילט דורכ זעלבשטענדיקע זאצנ, וואָס שטעלנ מיט זיכ פאָר וועזנטלעכע דערגאַנצונגענ צום אינהאלט פונ די צונויפגעזועצטע זאצנ:

פאָרנדיק אזוי אינ וואלד, זומער־לעבנ, די זונ באקט, נאָר פונ
ביידע זייַטנ וואלד דער רייעכ פונ די סאָסנעס, מעכאיע נע־
פאָשעס, צי איכ מיכ אויס, ווי א גראפ, אינ וועגעלע. (ט)

אָנ די אויסגעטיילטע ווערטער האָבנ מיר דאָ א רעגולער אויסגעפורעמטנ סובאָרדינירירק־צונויפגעזועצטנ זאצ. מע קאָנ אָבער דאָ ניט זאָגנ, אז די זאצנ וואָס צערייַסנ אימ (דאָ זייַנענ זיי אונטערגעשטראָכנ) זייַנענ געוויינלעכע באמערקזאצנ; דאָס זייַנענ וועזנטלעכע דערגאנצונגענ צום גערונדיווישנ בייַזאצ „פאָרנדיק אינ וואלד״, דערגאנצונגענ, וואָס ענדערנ לעגאמרע די גדאנקלעכע פארבינדונג זייַנע מיטנ הויפטזאצ. פרוווט לייענענ בלויז: „פאָרנדיק אינ וואלד, צי איכ מיכ אויס, ווי א גראפ, אינ וועגעלע״; ס׳וועט זיכ באקומענ, אז דאָ האנדלט זיכ וועגנ א געוויינ־שאפט טעוויעס איסצוציִענ זיכ אינ וועגעלע, בייס ער פאָרט אינ וואלד. אינדער־עמעסנ אָבער שאפט דאָ דער בייַזאצ „פאָרנדיק אינ וואלד״ צוזאמענ מיט די „אָפּוועגדונגענ״ איינ גאנצע שילדערונג, וואָס דארפ בארעכטיקנ די שטימונג טעוויעס, זייַנ פארלאנג זיכ אויסציִענ אינ וועגעלע. לאָגיש באקומט זיכ דאָ: שטעלט אייַכ פאָר: איכ פאָר אינ וואלד, ס׳איז זומער, די זונ באקט... צי איכ מיכ (נאטירלעכ) אויכ...

אָפּט קומענ די וועזנטלעכע אָפּוועגדונגענ אינ פאָרמ פונ נאָמינאטיווישע זאצנ:

איכ האָב איר געמוזט אָפּטאָקנ פונ דערעכשאָלעמ יוענ א ליגנ האגאָדל
וועהאנוירע, א מייַסע מיט א יערושע, א רייַכע מומע פונ יעהופעצ,
נעכטיקע טעג — אבי מע זאָל מיכ לאָזנ צורו. (ט)

די אויסגעטיילטע ווערטער ציִענ זיכ ניט צו „געמוזט אָפּטאָקנ״, ווייַל פראזעאָלאָגיש איז בלויז „אָפּטאָקנ א ליגנ״. הייסט עס, אז דאָ האָבנ מיר נאָמינאטיווישע זאצנ, וואָס מיצאדנ אינהאלט זייַנענ זיי אָרגאניש געבונדנ מיטנ איבעריקנ טייל פראזע, כינטאק־סיש אָבער זייַנענ זיי אויסגעפורעמט, ווי אָפּוועגדונגענ, ווי באמערק־זאצנ.

דאָס זעלבע אין:

רייִשיס, איז דאָס אָרט זייער א שיינ אָרט, א טאטנס א קינד, אונ דאָס, דארפט איר וויסנ, איז בא מיר דער איקער. (ט)

„א טאטנס א קינד" איז געווים ניט קיינ אָפּאָזיציע צו „א שיינ אָרט", דאָס איז אנ אָנדייִטערישער נאָמינאטיווישער זאצ, וואָס קומט אלס ווענזנטלעכע דערגאנצונג צו א שיינ אָרט.

אזעלכע ווענזנטלעכע דערגאנצונגענ אינ פאָרמ פונ זעלבשטענדיקע זאצנ קענענ זיכ ארייִנרייִסנ אינ איינפאכע זאצנ, צערייִסנדיק באזונדערע ווערטער־באהעפטנ, דערגאנצנדיק איינ טייל פונ די דאָזיקע באהעפטנ.

א) אונ גאנצ פרי, עס איז נאָכ געווענ טונקל, האָב איכ אייִנגע-שפאנט דאָס פערד־אינ־וועגעלע...(ט)

ב) בעקיצער, ארומ האלבע נאכט, די גאנצע שטוב שלאָפט גע־שמאק, דער כראָפּעט, דער פייִפט, בינ איכ זיכ מעיאשעוו אונ הייב אָנ צו שרייִענ ניט מיט מייִנ קאָל: גוואלד! גוואלד! (ט).

די רעגולערע ציִונג איז — גאנצפרי — האָב איכ אייִנגעשפאנט, ארומ האלבע נאכט — בינ איכ זיכ מעיאשעוו; אָבער די אויסגעטיילטע ווערטער זייִנענ גייטיקע דערגאנ־צונגענ צו די ערשטע גלידער פונ די דאָזיקע ציִונג־פאָרמולעס, אונ קיינ באמערק־זאצנ זייִנענ זיי בעשומויפנ ניט.

3. די פארבינדונג צווישנ די איינפאכע זאצנ, וואָס קומענ אינ באשטאנד פונ ציִויפגעזעצטע זאצנ, איז בארעכטיקט דורכנ פראזעאָלאָגישנ כאראקטער פונ די גע־געבענע אויסדרוקנ.

זאָג מיר נאָר, זאָג איכ, טאָכטער מייִנע, ווע דליק איכ פארשטיי, זיצט ער ניט פאר קיינ גאנייוו... (ט)

געמיינט איז: איכ פארשטיי, אז ער זיצט ניט...

„האָב מיכ ליב", — אזוי שרייִט צו אייִכ דאָס דאָזיקע פענעמל, אונ איר באקומט עס ליב, איר ווייסט ניט פארוואָס. (פי)

דער אויסגעטיילטער זאצ איז דאָ ניט קיינ באזונדערע מיטיילונג; דאָס איז א פראַ־זעאָלאָגיעארטיקער אויסדרוק, וואָס איז סינאָנימיש מיט די ווערטער „אָנ א קאָנ-טיקער סיבע".

אנאלאָגיש איז אויכ:

גייט ריכט זיכ..., אָז... שמוליק ווערט אוועקפאָרנ... ערגעצ אינ א קליינ שטעטל, ווייס איכ וווהינ, ערגעצ אינ כערסאָנער גובערניע... (פי)

„ווייס איכ וווהינ" איז דאָ סינאָנימיש מיט „זייער ווייִט" („שטארק ווייִט").

פונדעסטוועגנ, אז ס'איז באשערט, לאָמיכ האָבנ אזא יאָר, וואָס פאר א קאָוועד זיי האָבנ אפ דער וועלט. (ט)

געמיינט איז דאָ: אז ס'איז באשערט האָבנ זיי (דעמ עמעסנ) קאָוועד אפ דער וועלט. אונ ווענ אפילע לאָזנ דעמ אינהאלט פונעמ זאצ „לאָמיכ האָבנ אזא יאָר", וואָלט מערער אנטשפראָכנ דעמ געדאנק אזא אויספורעמונג: „אז ס'איז באשערט, האָבנ זיי אזא קאָוועד, אז איכ וואָלט געמעגט האָבנ אזא יאָר..." אָבער אזוי, ווי דאָס איז

געגעבן בא שאָלעמ־אַלייכעמען, איז פיל נאַטירלעכער, און דאָס אָרט פונעמ אידיאָמ „לאָמיר האָבן אזא יאָר״ איז געזעצמעסיק פאר מאַסנטימלעכע רייד.

מע באדארפ זאָגן דעמ עמעס, אז גאָר קיין שלעכט יינגל איז דאָס ניט געווען, אָט דער שאָלעמ נאָכעמ־וועוויקס... (פי)

פארשטייט, זיך, אז דאָ איז דער ציל ניט געווען מיטצוטיילן, וואָס באַר אן עמעס ס׳איז וויכטיק צו זאָגן. דער אויסגעטיילטער הויפטזאץ איז לויטן לאָגישן טאָך זײַנעמ א פראַזעאָלאָגישער באמערקזאַץ („דעמ עמעס געזאָגט, איז שאָלעמ...״).

4. באזונדערע זאצן טרעטן ארויס אין דער ראָליע פון אײַנפאכע זאצגלידער:

און מײַן ברודער עליע שטייט אינמיטן שטוב, דעמ קאָפּ אראָפּ, כאָטש מעלק אימ אויס. (מ)

באזונדערס דארפ מען דאָ אָפּמערקן זאצן פונעמ טיפּ:

א) ...ווי ער שטייט אזוי, דעמ קאָפּ אראָפּ, צוגעשפּארט צו דער וואנט, דאָס היטל אָפּ א זײַט... (ט)

ב) זיי גייען דאפקע פּאוואָליע, די היטלען ארופ, קוקן...

די אויסדרוקן „כאָטש מעלק אימ אויס״, „די היטלען ארופ״, „דאָס היטל אָפּ א זײַט״ זײַנען ניט קיין פּאראַלעלע מיטיילונגען באנאַנד מיט די פּריִערדיקע זאצן; דאָס זײַנען כאראקטעריסטיקעס פונעמ גיין, שטיין; זיי ענטפערן אפ דער פראגע „וויִאזוי?״

| שטייט | שטייט | זיי גייען |
| --- | --- | --- |
| וויאזוי? | וויאזוי? | וויאזוי? |
| כאָטש מעלק אימ אויס | דאָס היטל אָפּ א זײַט | די היטלען ארופ |

א פארקערטע דערשײַנונג האָבן מיר אין אזא בײַשפּיל:

...וואָרעמ דער ראָוו איז געשטאָרבן אָן קינדער (פי).

„אָן קינדער״ איז דאָ, פארשטייט זיך, ניט קיין אויפן פון שטארבן; אויך מיינט מען דאָ ניט, אז קינדער זײַנען מיטן ראָוו ניט „מיטגעשטאָרבן״. געמיינט איז: „...געשטאָרבן, ניט איבערלאָזנדיק קיין קינדער״.

די ספּעציפישע באציִונגען צווישן זאצן אין זייער פארהעלטעניש צו די באציִונגען צווישן די גערדאנקען פונעמ ריידער באדינגען שוין די באזונדערקײַטן פון דער סינטאקסישער ציִונג צווישן ווערטער און זאצן.

די באזונדערע זאָרג פאר דער „גלאטקײַט״ פון די סינטאגמעס, פאר דער פארבינדונג זייערער אין זאץ, ווי אויך פאר דער פארבינדונג צווישן איינ זאץ און צווייטן, אָט די זאָרגזאמע באציִונג צו אויספורעמונג, וואָס פילט זיך אזוי שטארק אין דער פּובליציסטישער שפּראך, פעלט זייער אָפט אין דער קינסטלערישער ליטעראטור און אוואדע שוין אין דער ווייניקער אָרגאניזירטער פאָלקסטימלעכער ריידמאַניר — דעמ ריידער־דערציילער אין שאָלעמ־אַלייכעמס ווערק.

לאָמיר באטראכטן די וויכטיקסטע דערשײַנונגען פון ציִונג אזוי, ווי מיר טרעפן זיי בא שאָלעמ־אַלייכעמען.

1. די אמווייניקסטן ספּעציפישע צווישן זיי איז די א. ג. טאָפּעלע ציִונג,

א דערשײַנונג, וואָס מיר טרעפן זי אויך אין דער ליטעראַריש־אויסגעפורעמטער שפּראַך: ...ער שטייט אַזוי... צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. (ט)

פאַרמעל ציט זיך „צוגעשפּאַרט" בלויז צו „שטייט". געדאַנקלעך אָבער איז פאַראַן א גרויסער אונטערשייד צווישן דער ציִונג אינעם געבראַכטן בײַשפּיל און צווישן דער ציִונג אין אַזאַ אויסדרוק, לעמאָשל, ווי „ער שטייט פעסט". „פעסט" כאַראַקטעריזירט דאָ בלויז דעם אויפן פון „שטייט"; מע מיינט ניט מיט דעם אַדווערב, אַז דער סוביעקט (ער) איז אויך פעסט. „צוגעשפּאַרט" כאַראַקטעריזירט אייגנצײַטיק אויך דעם סוביעקט (אים); ער איז דער צוגעשפּאַרטער.

מער כאַראַקטעריסטיש איז אַזאַ בײַשפּיל:

אָט האָסטו מײַן מיסכער איז, דאַכט זיך, גאָר א קאַראַנט געשעפט... (ט)

ס'וואָלט געווען מאָדנע פאָרצושטעלן די ציִונג אַזוי:

האָט האָסטו

|

מײַן מיסכער ——————— איז גאָר א קאַראַנט געשעפט.

ס'וואָלט זיך באַקומען, אַז „מײַן מיסכער" דינט אייגנצײַטיק אַלס דירעקטער אָביעקט פאַר איין זאַץ און אַלס סוביעקט פאַרן צווייטן, ד. ה., אַז דאָ האָבן מיר אייגנצײַטיק נאָמינאַטיוו און אַקוזאַטיוו. ס'איז דאָך אָבער ריין צופעליק, וואָס ביידע די דאָזיקע בייג־פאָרמעס פאַלן צונויף. מיט אַן אַדיעקטיוו פאַרן וואָרט „מיסכער" וואָלט שוין געווען די זאַך אַנדערש; טעוויע וואָלט זיך געוויס ניט אויסגעדריקט אַזוי: „אָט האָסטו מײַן שיינעם מיסכער איז, דאַכט זיך, גאָר א קאַראַנט געשעפט".

מיר שײַנט, אַז דעם שליסל דאַרף מען דאָ זוכן אינעם באַטײַט פונעם אויסדרוק „אָט האָסטו". דער דאָזיקער אויסדרוק דאַרף דאָ עפּשער פאַרשטאַנען ווערן ניט אין זײַן אייגנטלעכן באַטײַט, נאָר אַלס דעסעמאַנטיזירטער אויסדרוק, וועלכער איז דאָ סינאָנימיש מיטן באַמערק־וואָרט „אַשטייגער" און ער ציט ניט צו זיך „מײַן מיסכער": „אָט האָסטו מײַן מיסכער איז, דאַכט זיך, גאָר א קאַראַנט געשעפט", איז דאָס זעלבע, וואָס „אָט אַשטייגער, מײַן מיסכער איז, דאַכט זיך, גאָר א קאַראַנט געשעפט".

2. אָפטער זײַנען פאַלן מיט ווידערשפּרעכלעכער ציִונג, ווען די סינטאַקסישע ציִונג גייט זיך אינגאַנצן פאַנאַנדער מיט דער געדאַנקלעכער ציִונג, מיטן מיין פון דער אַרויסזאָגונג.

מייער מעדוועדעווקער... האָט אים (שאָלעמען) בעסער געלערנט, וויִאַזוי
מע קלעטערט אַרויף... אַפן העכסטן בוים, אָדער וויִאַזוי מע שפּרינגט
אונטער און מע פאַרטשעפּעט א צווײַג פון א קאַרשנבוים,
קריכן די קאַרשן אַליין אין מויל אַרײַן. (פי)

סע שײַנט דאָ, ווי דער אויסדרוק „מע שפּרינגט אונטער" זאָל זײַן געבונדן דירעקט מיט „וויִאַזוי", און ווי דער גאַנצער בײַזאַץ זאָל זיך ציִען צו „האָט אים געלערנט" („מייער האָט אים געלערנט... וויִאַזוי מע שפּרינגט אונטער..."), נאָר וואָס וואָלט דאַן געווען מיט „קריכן די קאַרשן אַליין אין מויל אַרײַן"? דער דאָזיקער בײַזאַץ וואָלט געבליבן הענגען אינדערלופטן. אינדערעמעסן איז דאָ געמיינט: „מייער... האָט אים געלערנט וויִאַזוי (אַז) מע שפּרינגט אונטער און מע פאַרטשעפּעט א בוים, קריכן די קאַרשן אַליין אין מויל אַרײַן".

א צאָן זיך אויסרײַסן פונעם מויל איז בא איר גרינגער, ווי אויסרײַסן
א סאָנישניק בא איר אין גאָרטן. (מ)

ס׳באקומט זיך, ווי דער לאָגישער סוביעקט בא „אויסרײַסן א סאָנישניק" און בא „אויסרײַסן א צאָן" זאָל זײַן איינער און דער זעלבער, זי (מענאשיכע די רויפעטע) (ס׳איז גרינגער זי זאָל אויסרײַסן א צאָן, איידער זי זאָל אויסרײַסן א סאָנישניק...). אינדערעמעסן איז געמיינט, פארשטייט זיך, בא „אויסרײַסן א סאָנישניק" אן אנדער לאָגישער סוביעקט; דער מיין איז דאָ: ס׳איז איר ליבער, זי זאָל אויס־רײַסן זיך א צאָן... איידער (אז עמעצער זאָל) אויסרײַסן א סאָנישניק בא איר אין גאָרטן.

אנאלאָגיש איז:

...אינדערהיים געכאפט א פסאק, אין איידער פארבעסערט...

פארבעסערט האָט שוין ניט דער, וואָס האָט געכאפט דעם פסאק; פאָרמעל באקומט זיך עס אָבער, אז דער סוביעקט פאר „געכאפט" און פאר „פארבעסערט" איז איינער און דער זעלבער.

די געמאָרע איז ניט קיין ציג, זי וועט ניט אנטלויפן. דאַווענען וועט גאָט מוחל זײַן. (מ)

דער פעריפראסטישער ווערב „וועט מוחל זײַן" קלינגט דאָ פאָרמעל, ווי א ווערב פון ניט־פולער ארויסזאָגונג, ווי א ווערב, וואָס בלויז צוזאמען מיט אן אינפיניטיוו בילדעט ער דעם פרעדיקאט. ס׳באקומט זיך: גאָט וועט שוין מוחל זײַן דאַווע־נען, ד. ה. ער, גאָט, וועט זיך שוין מאטריעך זײַן דאווענען, און מע וועט זיך דאָ באגיין אָן מיר. אינדערעמעסן איז אָבער דאָ געמיינט: (פאר ניט) דאווענען — וועט גאָט מוחל זײַן (— שענקען, ניט באשטראָפן).

...וועלכע שטאָט... קאָן זיך באַרימען... מיט גאנצע בערג פרישע שמעקנ־דיקע עפּעלעך און באַרלעך, דיניעס און קאַוועַנעס, וואָס ציגן און כאַזיירים האָבן כיישעק צו געניסן פון זיי אין יעדער צײַט, און די מארק־ווײַבער פירן מיט זיי שטענדיקע מילכאָמעס. (פי)

ס׳וואָלט דאָ געקאָנט פארשטאנען ווערן, אז די מארק־ווײַבער פירן מילכאָמעס... מיט די דיניעס און קאַוועַנעס. געמיינט איז: ...וואָס ציגן און כאַזיירים האָבן כיישעק צו געניסן פון זיי צו יעדער צײַט, (אַזוי אז) די מארק־ווײַבער פירן מיט זיי שטענ־דיקע מילכאָמעס.

די באַזונדערקייטן אין דער ציִונג פלעכטן זיך איבער, ווי מיר זעען, מיט עליפּס, אָבער דאָס איז עליפּס פון א באַזונדערן סאָרט, אַזאַ, וועלכער איז מעגלעך אין מינדלעכע רייד, געוווּנדעטע צו אַזאַ צוהערער, וואָס וועט זיך אָנשטויסן וועגן עמעסן מיין פון דער ארויסזאָגונג, ווײַל דער ריידער און דער צוהערער זײַנען אונטערגעוואָרפן אונטער איינער און דער זעלבער שפּראַך־סטיכיי.

3. מיט אַזאַ סאָרט עליפּטישקײַט איז פארבונדן אויך אסימעטרישקײַט אין דער ציִונג. די דאָזיקע דערשײַנונג טרעפן מיר אָפט אין שאָלעם־אַלייכעמס ווערק און זי באַשטייט אינעם צעשטערן די סינטאקסישע פּערספּעקטיוו, אינעם צונויפ־שפּאַנען אין אָרדענונג פון קאָאָרדינאַציע סינטאקסיש ניט־גלײַכאַרטיקע קאָמפּאָנענטן:

נאָך צוויי טעג טרייסלען זיך און העצקען זיך, וואַרפן זיך און קאַטשען

זיך, און אָנגעגעסן זיך מיט שטויב, און אָנגעהערט זיך מיט באַלעגאָלע־מײַסעס, האָבן די יונגע רײַזנדער... (פּי)

דערוואַרטן וואָלט מען געקענט (לויטן אָנהייב פון דער פּראָזע), אַז ס'זאָל זײַן:

...און אָנעסן זיך... און אָנהערן זיך... די סכעמע וואָלט געווען:

נאָך צוויי טעג __ האָבן די יונגע רײַזנדע...




דאָ האָבן מיר אַן עליפּס: נאָך צוויי טעג טרייסלען זיך און... און (נאָכדעם ווי מיר האָבן) אָנגעגעסן זיך... און אָנגעהערט זיך... האָבן די יונגע רײַזנדע...

אָט זײַנען נאָך בײַשפּילן:

א) כאַיִם טאַמאַרקין, אַ באָכערל אַ קורצער און אַ גראָבער, מיט קליינע אויגעלעך און מיט אַן אויסגעבויגענער נאָז, געטראָגן דאָס העמדל איבער די הויזן... געשפּילט... אין „מיאַטש״... (פּי)

ב) וואָס הייסט דאָס, זאָגן זיי, אַ לאַמעדוואָווניק? (ס'האַנדלט זיך וועגן טעוויעס פערדל). דאָס הייסט, זאָגן זיי, אַ זאָקן פון 36 יאָר, אָן אַ סימען פון ציין, מיט אַ גרויער ליפּ און טרייסלט מיט די זײַטן, ווי אַן אַלטע יידענע ערעוו שאַבעס אַפן פּראָסט... (ט)

אַמאָל באַשטייט די אַסימעטרישקײַט אין דער פאַרשיידנקײַט פון די ווערב־פּאָר־מעס בײַ אָנווענדונג פון גלײַכאַרטיקע זאַצגלידער:

א) גייט ריכט זיך אַפּ אַזאַ מײַסע, אַז דער ראָוו וועט מאַכן אַ שטאַרב, און דער יאָסעם שמוליק וועט אָוועקפאָרן, און אַז שמוליק זאָל פאַרשווונדן ווערן... (פּי)

ב) אַז מע דראַפּעט זיך אַרויף צו אונדז אַפן בוידעם, און שטעלט איר אַרויס אַ פּוס פונעם קליינעם פענצטערל, אַזוי זײַנט איר שוין בײַ מענדל דעם שוסטער אַפן דאַך. (מ)

4. דאָ איז דאָס אָרט צו רעדן אויך וועגן אַזאַ פאַרשפּרייטער דערשײַנונג אין שאָלעם־אַליכעמס ווערק ווי אומפולע מיטשטימונג.

געזעצמעסיק איז די אומפולע מיטשטימונג דאָרט, ווו דער פּרעדיקאַט איז די קאָפּולע „איז״.

... מיינט אַפּאָנעם בײַ מיר איז יעהופּעצער געלטן, האַלבע פּריאַלן? (מ).

פּיאַווקעס איז געלט. (מ)

ווייניקער געזעצמעסיק איז עס, ווען „איז״ איז אַ באַהילפיקער ווערב.

ס'איז אוועקגעגאַנגען די ערשטע טעג פון סוקעס. (מ)

מיר טרעפן אָפט בײַ שאָלעם־אַליכעמען מאַסנטימלעכע אויסדרוקן מיט אומפולער מיטשטימונג.

א) נאָר וואָס טויג לאַנג שמועסן? (מ)

ב) וואָס טויג דיר, מײַן ווײַב, פּרעמדע כאַסענעס? (מ)

ג) אויבֿ, זאָג איך, א באָרשטש, איז מאַטויוו, עלע ניט מאַכט ניט אויס,
זאָג איך, קנישעס, אָדע קרעפּלעך. (ט)
ד) לאָז מיר אָפּדאַרנ די הענט! (מ)

## IV. ספּעציפישער געברויך פונ פאָרמעס אונ פונ באַהילפיקע ווערטער

דאָ וועלנ מיר באַהאַנדלענ אַזעלכע פונקציעס פונ באַזונדערע פאָרמעס אָדער פונ באַהילפיקע ווערטער, וואָס זײַנענ ספּעציפיש פאַר אומגאַנג־רייד אונ וואָס מיר טרעפנ זיי דעריבער אָפט בא שאָלעם־אַלייכעמענ.

a. פּאַרטיציפּ. אַמאָל קומט ער אינ אַנ אומבאַשטימט־פּערזאָניקער קאָנסטרוקציע, האַגאַמ ער באַציט זיך דאַפקע אפּ א באַשטימטער פּערזאָנ; אינ אַזא פאַל ווײַזט ער אָפּטקײַט אָדער געוויינלעכקײַט פונ דער טוונג.

א) מאָרגנ... איז די כופּע — ווידער געווײנט! (מ)

ב) אָט די ווײַבער, הערט איר, זײַנענ אײַך קיינ קאַטאָוועס ניט — באַלד עפּעס איז געווײנט! (ט)

ג) .. איך האָב אַלצ קיינ צײַט ניט, איינ שטיקל אַרבעט ארויסגעלאָזט, דאָס אַנדערע גענומענ. (ט)

אַמאָל קומט דאָ צו א בײַ־באַטײַט פונ קאַטעגאָרישער רעקאָמענדירונג.

... מאַכט ער צו מיר: — נאָר ניט געהיצט זיך, טעוועל! (ט)

б. מאָדוסנ אונ צײַטנ.

1. ניט אינ איר געוויינלעכער פונקציע ווערט אָפט געברויכט די קעגנוואַרט.

אַמאָל דינט זי אפּ לערנענ, דערקלערנ וויאַזוי מע דאַרפ טאָנ א זאַך. דאַנ קומט אָפט די קעגנוואַרט אינ אַנ אומבאַשטימט־פּערזאָניקנ באַטײַט.

א) אז איר ווילט קאָנ איך אײַך אויסלערנענ. מע טוט אויס דאָס העמד אונ מע פאַרקניפּט דעמ אַרבל אונ מע גייט פּאַוואָלי ביזנ האַלדז אינ וואַסער... (מ)

ב) צו הײַליקע צייִנ איז דאָ א סגולע: זאַלצ. מע שיט ארופ זאַלצ אפ די צייִנ אונ מע האַלט אָפנ דאָס מויל אקעגנ א האַלבע שאָ, קענ מענ נאָכדעמ עסנ ווידעראַמאָל די זעלבע אַגרעסנ. (מ)

ג) אונ אז דו האָסט זיך גוט אָנגעזעטיקט..., נעמסטו אונ טוסטו א רײַב מיטנ שטיינדעלע, באַווײַזט זיך דיר א בעטל... ציסטו זיך אויס...

אַנאַלאָגיש דערצו איז די פראַגע באַמ אייצענענ זיך:

א) — וואָס טוט מענ ווײַטער? — אזוי זאָגט די מאַמע צו מײַנ ברודער עליע... (מ)

ב) — זאָגט בעסער. יידנ, וואָס טו איך מיט דער גרענעצ? (מ).

קעגנוואַרט דינט אַמאָל אפּ אויסצודריקנ פּראָטעסט קעגנ דער באַצייכנטער טוונג, אומצופרידנקײַט מיט אַזא טוונג.

א) — אײַנגעזונקען זאָלסטו װערן, א באָכערל פון פינף יאָר שטעלט זיך אװעק טאַנצן מיט א קעלבל!.. (מ)

ב) מאמדזשײַרים!.. איר נעמט נײַע הײַזן און מאַכט א טעל! (פי)

די קעגנװאָרט קומט אמאָל באַם שילדערן אָנשטאָט דער פאָרם מיט „זאָל".

א) כאַפּט דער רוח די טינט! (מ)

ב) כאַפּט דיך דער װאַסנמאַכער! (ט)

אין סובאָרדינירט־צונױפגעזעצטן זאַץ מיט א באַדינג־בײַזאַץ קומט אָפּט די קעגנװאָרט אָנשטאָט באַדינג־מאָדוס:

בלױז אין בײַזאַץ.

א) װען איך פאַרמאָג כאָטש א צענטלײַלעך, װאָס אָט־דאָס־אָ באַטרעפט, װאָס װאָלט איך דעמאָלט געהאַט צו גאָט...

ב) װי פײַן און װי זיס װאָלט דאָס געװען איצטערט, װען די קלינגערס, אַשטײגער, ליגן זיך שטילערהײַט אין קאַסטן...

װאָרעם װען איך האָב סײַכל און קום אַרײַן צו א גוטן פרײַנט און דערצײל אים דאָס און דאָס, אַזױ און אַזױ, װאָלט איך געװיס ניט געהאַט אַזאַ מיִעסן פּסק.

זעלטענער — בלױז אין הױפּטזאַץ.

... איר זאָלט אפילו פאַרמאָגן אײַערע... רײַש אלאָפים, זײַנט איר אױך ניט װערט איר פּיאַטע. (ט)

אױך אין בײדע קאָמפּאָנענטן פון עם צונױפגעזעצטן זאַץ.

אײן הונדערטער, װען איר גיט מיר אַצינד, מאַך איך אײַך פון אים אין דרײַ־פיר טאָג צװײ הונדערט, דרײַ הונדערט... (ט)

די קעגנװאָרט קומט אמאָל אָנשטאָט צוקונפט צוליב בילדערישער אױסדריקונג פון קומענדיקע טװּונגען:

װאָס װעל איך אים טאָן, לעמאָשל, אַז ער נעמט זיך דאָרט אַראָפּ די גאַנצע סמעטענע, און מיר זאָגט ער, אַז מע האָט נאָך גאָרניט פאַרדינט. (ט)

קומענדיק אָנשטאָט צוקונפט. קאָן די קעגנװאָרט אױסדריקן זיכערקײַט, קאַטעגאָרישקײַט פון דער באַהױפּטונג.

... איך װעל נאָר אָנהײבן מאַכן א לעבן אין אַמעריקע, אַזױ שיק איך אַרױס באַלד א בלױשטײַן... (מ)

2. אָנשטאָט באַדינג־מאָדוס קומט אָפּט צוקונפט צוליב אױסדריקן באַלדיקע געצװוּנגענע גרײטקײַט צו טאָן עפּעס.

אײדער אָנקומען צו זײ װעל איך דיר בעסער גײן אין דער ערד אַרײַן!.. איך װעל בעסער שטאַרבן הײַנטיקן טאָג. (מ)

3. אומעגלעכקײַט, אומװאַרשײַנלעכקײַט קאָן אױסדריקן אמאָל דער אימפּעראַטיװ צוזאַמען מיט „גײ".

גײ ריכט זיך, אַז אקוראַט אפּן װאָרט „צוקאָפּנס" װעט זיך עפענען די טיר און עס װעלן זיך באַװײַזן געסט! (מ)

ד. ה. ס׳איז אומעגלעך געװען זיך ריכטן, אַז...

4. ספעציפיש פאר שאָלעם־אַלייכעמס פערסאָנאַזשן איז אויך דער פארשיידנאַר־טיקער באַטײַט פונעם „זאָל"־מאָדוס.

אין פארשיידענע ניואנסירונגען ווערט דער דאָזיקער מאָדוס געברויכט צוליב אויסדריקן פארשטארקטע אָדער זעלבסטפארשטענדלעכע נעגירונג:

... פאָרט ער אוועק... און זי בלײַבט איבער דאָ — און מע זאָל דאָס לאָזן אפילע א טרער! (ט)

ד. ה. און מע לאָזט אפילע קיין טרער ניט!

וואָס זאָלט איר קלערן, ניט אזא כופע, ווי טעוויעס שטייט אָן. (ט)

ד. ה. ניטאָ שוין וואָס צו קלערן, ס'איז איבעריק צו קלערן...

מיילע, איך זאָל מיך גיין באַרימען...

ד. ה. איך פארשפאָר מיך גיין באַרימען, ס'איז קלאָר פאר יעדן...

זאָל איך זײַן א נאָווי, אז דער זאַק וועט פּלאַצן... (מ)

ד. ה. קיין נאָווי בין איך דאָך ניט...

נאָך מער כאראקטעריסטיש איז, ווען ווערבן מיט „זאָל" קומען אין ניט־דער־ענדיקטע צונויפגעזעצטע זאצן, ניט־דערענדיקטע דערפאר, ווײַל דערגאנצן קאָן שוין יעדער צוהערער אדאנק זײַן שפּראַך־דערפארונג פון א פאָלקס־מענטש.

ב. שטארק פארשפרייט זײַנען בא שאָלעם־אַלייכעמען אָפּגעזונדערטע קאָנסטרוקציעס מיט אדיעקטיוון אָדער פארטיציפּישע אדיעקטיוון. די דאָזיקע אדיעקטיוון זײַנען ניט קיין טיילן פון פּרעדיקאטן, זיי געהערן צום סובסטאנטיוו און דערמיט שיידן זיי זיך שטארק אונטער פון קוואַליפיקאטיווע אדווערבן, האגאמ זיי ענדערן זיך ניט ניט לויטן מין, ניט לויט צאָל, ניט לויט בייגפאַלן.

לאנג לעבן זאָל אידעלע גאנעוו מיט דער היטשקע געקרײַזלטע האָר, אָנגעשמירט מיט גענדזן־שמאַלץ און מיט דער צונויפגעוואקסענער נאָז. (פּי)

„אָנגעשמירט" ציט זיך דאָ צו „היטשקע", מע מיינט דאָ: ... מיט דער היטשקע, ... דער אָנגעשמירטער מיט גענדזן־שמאַלץ...

אנאלאָגיש איז:

ער (רעב העסי דער גלעזער) איז א הויכער... מיט א... מוירעדיקער נאָז, אונטן ברייט, אויבן שמאָל און אויסגעבויגן ווי א שויפער. (מ)

ד. ה. ...מיט א מוירעדיקער נאָז, אונטן א ברייטער, אויבן א שמאָלער...

... אין גאָרטן זײַנען דאָ צוויי רייען קליינע ביימעלעך, הארט בא דער ערד, אָנגעזעצט מיט ווײַנפּערלעך. (מ)

ד. ה.: ...ביימעלעך..., אָנגעזעצטע מיט ווײַנפּערלעך.

דאָס זעלביקע קען מען זאָגן וועגן די פארגלײַך־גראַדן פון אדיעקטיוון.

... און עס רײַסט זיך ארויס א געזאנג, נאָך שענער ווי יאָנטעוו.

„שענער" איז דאָ ניט קיין אדווערב בא „רײַסט זיך ארויס"; דאָס איז אן אטריבוט צו „געזאנג" („געזאנג, נאָך א שענערס ווי יאָנטעוו...").

ג. פּראָנאָמען. די פּראָנאָמען „עפּעס", „דאָס" פארלירן אמאָל אין לעבעדיקע פאָלקס־רייד זייער פּראָנאָמינאַלן באַטײַט און באקומען אָנשטאָט אים א מאָדאַלן באַטײַט. זיי ווערן פארוואנדלט אין פּארטיקלען.

פֿאַרן לעבן האָט מען עפּעס ניט געהערט, עמעצער זאָל פֿון אים אַזוי שטאַרק רעדן. (מ)

„עפּעס" ציט זיך דאָ ניט צו „ניט געהערט", אויך ניט צו קיין אַנדער זאַצגליד. אײנעם וואָרט „עפּעס" ליגט דאָ אַן אָנצוהערעניש אויף דער ביטערלעכער איראָניע, מיט וועלכער מאָטלס מאַמע די אַלמאָנע רעדט וועגן דער שטאָט, וועגן די שטאָט־פֿאַרזאָרגער אין זייער באַציִונג צו איר מאַן דעם כאַזן.

מע זאָל דאָס לאָזן אַפֿילע אַ טרער! (ט).

צוליב אויסדריקן די נעגירונג („מע לאָזט אַפֿילע ניט קיין טרער") איז ניט נייטיק „דאָס". אָן דעם דאַזיקן וואָרט האָבן מיר די זעלביקע נעגירונג. דאָס וואָרט „דאָס" פֿאַרשטאַרקט בלויז די באַוווּנדערונג טעוויעס פֿאַר דעם נייעם דאָר מיט זיינע מאָדנע, אומפֿאַרשטענדלעכע געגנג.

אַנאַלאָגיש איז:

ווי האָט דאָס אין זיך אַ ייִד... אַזאַ פּאָטעפּאַלנאָסט צו ריידן מיט אַזעלכע דיבורים.

d. פּרעפּאָזיציעס און בינדווערטער. אין די געלויפֿיקע רייד פֿון שאָלעם־אַליכעמס פּערסאָנאַזשן קאָן ניט זיין קיין זאָרגזאַמע באַציִונג צו דער פּינקט־לעכקייט פֿון וואָרט, אַוואַדע און אַוואַדע ניט — צום ריכטיקן געברויך פֿון באַהיל־פֿיקע ווערטער. דאָ קאָן מען זיך מער אָנשפּאַרן אויף דער שפּראַך־דערפֿאַרנקייט פֿונעם צוהערער, וועלכן מע דאַרף דאָך קיין פֿינגער אין מויל ניט אַריינלייגן, און וועלכער וועט שוין אַליין צונויפֿבינדן ווי־ניט איז די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען.

דעריבער קאָנען מיר אָפֿט טרעפֿן בא שאָלעם־אַליכעמען באַהילפֿיקע ווערטער גאָרניט אויף זייער געוויינלעכן אָרט אָדער מיט גאָר אַ נייעם באַטייט, מיט וועלכן זיי קומען ניט אין דער נאָרמירטער, ליטעראַרישער שפּראַך.

(ניסל ראַבינאָוויטש האָט) ליב געהאַט אַסאַך לאַכן און געקאָנט מאַכן לאַכנדיק יענעם. מיינסטנס האָבן פֿון אים געלאַכט ווייבער. (פּי)

מע קאָן דאָ דרינגען, אַז ווייבער פֿלעגן לאַכן, כויזעק מאַכן פֿון ניסלען, דאַן ווען געמיינט איז, אַז פֿון אים פֿלעגן זיי אָנגעשטעקט ווערן מיט געלעכטער, ווייל אַזאַ קאָמיקער איז ער געווען.

אַלעמען קרימט ער נאָך (שאָלעם), אָבער אַלעמען, אַפֿילע דעם רעבן אַליינ... (פּי)

דער „אָבער" האָט דאָ קיין שום שייכעס ניט צו קעגנזעצלעכקייט. דאָ דינט ער אויף איבערצוגעבן דעם באַטייט פֿון אויסשעפּיקייט צוזאַמען מיט דער פֿאַרכידעשטקייט (פֿונעם אַרויסזאָגער) אויף דער דרייסטקייט שאָלעמס. הייסן דאַרף עס: אַלעמען קרימט ער נאָך, אַבסאָליוט אַלעמען (ווי אַ באָכער האָט דאָס ניט קיין מוירע!), אַפֿילע דעם רעבן אַליין...

e. מיטלען פֿון נעגאַציע און פֿון פּאָזיטיווער באַהויפּטונג. דעם ריידער־דערציילער בא שאָלעם־אַליכעמען איז אָפֿט ווייניק באַהויפּטן אָדער נעגירן, ער מוז נאָך אויסדריקן ווי ניט איז זיין סוביעקטיווע שטעלונג דערצו און אויסדריקן זי ניט ספּעציעל, ניט אין קיין אָפּווענדונג — דערויף איז קיין צייט ניטאָ — נאָר דורך דער פֿאָרם גופֿע פֿונעם באַהויפּטן אָדער פֿונעם נעגירן. פֿאַרשפּרייט איז

דער נאָמינאטיווישער צונויפגעזעצטער פרעגזאצ, ווי דער בײַזאצ גיט א פּאָזיטיווע באהויפטונג אונ דער הויפטזאצ איז א נאָמינאטיוו אָדער א נאָמינאטיווישע גרופּע, וואָס דער בײַזאצ דערקלערט זי; צוזאמענ ווערט אזויארום אויסגעדריקט נעגירונג.

וואָס איז אזוינס, מאכט זי צו מיר, די מילכ, וואָס מע האָט זיכ אָנ
פונ איר, מיטנ קעז אונ פּוטער? (ט).

ד. ה. מע האָט דאָכ פונ איר ניט קיינ סאכ מילכ מיט קיינ קעז אונ פּוטער.

וואָס מאכ איכ דאָ אָנשטעל? דער גרויסער מעיוכעס וואָס איכ
בינ, צי די גוזמעס נאדנ, וואָס איכ גיב מײַנ טאָכטער, צי די
האלבאָשע אירע משטיינס געזאָגט? (ט)

ד. ה. איכ בינ דאָכ ניט דער גרויסער מעיוכעס, איכ גיב דאָכ ניט מײַנ טאָכטער קיינ גוזמעס נאדנ, קיינ האלבאָשע איז דאָכ ניטאָ בא איר.

אנדערע מיטלענ פונ נעגאציע:

אָט האָט איר אײַכ די ברייט פונ דער שאפע, אונ אָט האָט איר אײַכ די
טיר — אָסער אויב זי וועט ארויס. (מ)

ד. ה. זי וועט בעשומויפנ ניט ארויס.

עמעצער האָט זי געבעטנ, זי זאָל אויסהענגענ זאָקנ אפ א פרעמדנ
פּארקנ. (מ)

ד. ה. קיינער האָט זי דאָכ ניט געבעטנ... דאָ איז צוגעמישט דער אויסדרוק פונ פּארדראָס קעגנ אומגערעכטע אָנפאלנ (פארוואָס מע האָט באגאָסנ די זאָקנ מיט טינט).

אמאָל פארקערט, ווערט פארשטארקט די פּאָזיטיווקײַט פונ דער באהויפטונג דורכ נעגיר־פּארטיקלענ (צוזאמענ מיט אנדערע באהילפיקע ווערטער).

רעכנ אויס: איכ אונ מײַנ טײַבל איז ניט צוויי, דו אונ דײַנ בראָכע
צוויי איז ניט פיר. (מ)

ד. ה. ...איז דאָכ קלאָר צוויי... איז דאָכ קלאָר פיר.

שאט זשע נאָר, ...אײַער שוויגערס באָבע מיט מײַנ ווײַבס מומע... זײַנענ
דאכט זיכ געווענ אויב ניט קיינ אייגענע געשוועסטערקינדער. (ט)

ד. ה. זײַנענ, דאכט זיכ, געווענ אייגענע געשוועסטערקינדער. „אויב ניט“ פארשטארקט דאָ דעמ אײַנדרוק, אז גיכער איז עס אזוי איידער ניט אזוי, אז ס'איז דאָ ווייניק גרונט צו צווייפלענ אינ דעמ.

---

דאָס געזאָגטע איז, פארשטייט זיכ, זייער ווײַט פונ צו זײַנ אויסשעפּיק, אויב ס'האנדלט זיכ וועגנ די סינטאקסישע באזונדערקײַטנ פונעמ אומגאנג־ייִדיש. דאָס אָבער, ווי אונדז שײַנט, איז גאנצ גענוגנדיק אפ צו געבנ א פאָרשטעלונג וועגנ דעמ, וויאזוי דער גרויסער שרײַבער שאָלעמ־אליײכעמ האָט אוטיליזירט פאר זײַנע קינסטלערישע צוועקנ די סטרוקטורישע מיטלענ פונ דער פאָלק־שפּראכ — איר סינטאקס.